STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08997

DRAMEN

Harry Sackler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנדערע דראמען אין בוך־פאָרם פון ה. סעקלער:

יוקעל גנב, איינאַקטער (1909)
(אונטערן פעדערנאָמען צבי ז׳ שלום).
פאַרלאַג: א. וואסערמאן, ניו־יאָרק.

דראמען אין צוויי בענדער (1925)
ערשטער באַנד:
דער וועג צו גאט
דעם צדיק׳ס נסיעה.

צווייטער באַנד:
יזכור
יוסי פון יוקרת.

דראמען (דריטער באַנד).
קעניג אשמדי (1927)

פאַרלאַג: נחמיה לין, ניו־יאָרק.

ה. סעקלער

... דראַמעו ...

פערטער באַנד

פאַרלאַג נחמיה לין, ניו־יאָרק.

Copyright, 1928
by HARRY SACKLER

דער פאַרפאַסער רעזערווירט אַלע רעכט פאַר ביהנע,
פילם און איבערזעצונג.

פאַרטרעטער פאַר איראָפּא:
רעפּערטואַר־ביוראָ, סטאַניסלאַוו רעכטלעבען, וואַרשאַ, פּוילען.

אינהאַלט:

מאַיאָר נח — — — — — — — — — — — — זייטע 7 —91
רחב פון יריחו — — — — — — — — — — — זייטע 93 —164
דער זעהער זעהט זיין כלה — — — — — — — זייטע 165—191

מאַיאָר נח

(1927)

פערזאָנען:

מרדכי מאַנועל נח.

אסתר דזשעקסאָן.

ראַבי מאָזעס פּיטשאָטאָ, רב פון „שארית ישראל“ שוהל.

דער שד״ר („שלום לוי דוד אלמליא פון דער היליגער שטאָדט ירושלים“).

אהרן פיליפּס, נח׳ס אָנקעל, אַן אַלטער שוישפּילער.

סייסאַם
פּאַרדאָ
קאַרדאָזאָ
מאָזעס
וואַן דאָרן
} מיטגלידער פון אַלטען־בחורים־קלוב.

מיירא בוש
אַניטא מאָזעס
} אסתר׳ס חבר׳טעס.

סעמיועל לעגעט, נח׳ס פריינט, אַ פרומער קריסט.

אדיסאָן סוירל, רעקטאָר פון דער עפּיסקאָפּאַלישער קירך אין באָפלאָ.

דער אַלטער דזשעקסאָן, אסתר׳ס פאָטער.

בערנאַרד האַרט, אַן אַלטער, אָנגעזעהענער כלל־טוער.

שוואַרצער יאַסטרעב, עלטסטער פון אַן אינדיאַנער שבט.

מעקאינטייער, אַ לאַנד־שפּעקולאַנט.

סעם טשעפּין, אַן אַלטער שטיינקריצער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין נויאָרק און באָפלאָ — 1825.

ערשטער אקט

אין גאָרטען פון אַלטען־בחורים־קלוב.

רעכטס — קלוב־הויז אין קאָלאָניאַלען סטיל. ברייטע, אָפענע וועראנדא. ווענט און וועראנדא־זיילען איינגעהילט אין גלאַנציג־גרינעם עפיי (קלעטער פלאַנץ).

לינקס — שטאַרכיִטען־פלויט און בויגען־פאָרמיגער טויער וואָס טיילען אָפּ גאָרטען פון ברייטער שאָסיי, באַשאָטענט פון ברייט־צווייגיגע זילבער־מאַפּעלן.

אין פערספעקטיוו — די פאַליסאַדען. זיי צופוסענס, אַ ברייטער זילבער־פּאַס — דער האָדסאָן־טייך.

אַ טאָג אין מאַי. די זון שטעהט נידריג אין מערב; איהר מילד, גאָלדיג־רויט ליכט האָווערט איבער בוימער און בלומען־בייטען.

(געזאַנג און גיטאַרע־שפּיל אין גאָרטען ווען פאָרהאַנג געהט אויף).

פ א ר ד א און מ א ז ע ס (ביי דער באַנק, ניט וויט פון וועראנדא. ביידע זינגען און פארדאָ באַגלייט אויף דער גיטאַר. געזאַנג איז שטיל אָבער מיט באַטאָנונג):

זי שטערט ניט, זי ווערט ניט,
ווען מ׳זעהט ניט און מ׳הערט ניט;
זי קושט איינמאָל, צווייםאָל —
און דריימאָל — און לאַכט.

ס י ס א ס (פון וועראנדא, וואו ער זיצט מיט אַ בוך אין האַנט; בייז): וואָס צימבעלט ער דאָרט, וואָס? הער אויף, פארדאָ!

פ א ר ד א (שטעהט אויף; זיפצט): אט אזוי ווערט טאלאנט איגנארירט — אפילו צווישען אייגענע, צווישען קלוב־ברידער. דאכט זיך א פיינע סערענאדע — — —

ס י י ס א ם: ווילסט אפשר זאגען, אז דאס לידעל איז דיין אייגענס?

מ א ז ע ס (ליארעמט): אודאי זיין אייגענס! אודאי זיין אייגענס!

ק א ר ד א ז א (לייגט אוועק א האנט־טעלעסקאפ, מיט וועלכען ער האט עפעס ארומגעזוכט אין האריזאנט): אויב אן אייגען ליד, איז אן אנדערע זאך. סייסאם, לייג אוועק דיין בוך. נו? מ'רעדט דאך צו דיר. פארדא, צימבעל!

פ א ר ד א (זינגט מיט גיטארע־באגלייטונג):

דאנא זשואניטא
א שעהנע סעניאריטא,
שפאצירט אליין אין גארטען —
צווישען טאג און נאכט.
איך קוק. קיינער שטערט ניט.
לא־לא! מ'זעהט ניט און מ'הערט ניט.
און דער פלויט איז נידריג —
צו וואס נאך לאנג געטראכט?

דאנא זשואניטא
די שעהנע סעניאריטא,
פון ליפען צוויי האט זי —
איין רויטע קארש געמאכט.
איך קוק, קיינער שטערט ניט
און זשואניטא וועהרט ניט;
זי קושט איינמאל, צווייטאל —
און דריימאל — און לאכט.

פּ א ר ד א און מ א ז ע ס (אינאײנעם):
דאנא זשואניטא
די שעהנע סענאריטא,
האט פון אַלטען בחור —
א יונגען יאַלד געמאכט.
זי שטערט ניט, זי װעהרט ניט,
װען מ'זעהט ניט און מ'הערט ניט;
זי קושט אײנמאל, צװײמאַל —
און דרײמאַל — און לאַכט.

פ י ל י פּ ס (לויפט אַרײן דורכ'ן גאָרטען־טויער, אַ פאַרשמײ־עטער): שאַ! װאס פאר א זינגעניש? װאס פאר א קלינגעניש? שטיל זאַל זײן! א גרויסער מענש קומט!

מ א ז ע ס: און דער גרויסער מענש איז אהרן פיליפּס — דער נעטליבער קאמעדיאנט, װאס האט געמאכט שעקספּיר'ן אומ־שטערבליך. הא, אנקעל אהרן? (געלעכטער).

פ י ל י פּ ס: נײן — א גרעסערער פון אהרן פיליפּס. א שטאאטסמאַן, א פיהרער, א װעלט־מענש, א דיכטער, א יוריסט, א — — — נאר שאַ! אט איז ער אלײן!

נ ח (באװײזט זיך אין טויער, אַ ברײטען שמײכעל אויפ'ן פּנים. פּויזע. דאַן): אנקעל אהרן לצ'עװעט שוין װידער? טעאטער־בלוט! קײנער װעט איהם שוין פון דער קרענק ניט קורירען (קומט נעהענטער) גריסט אײך גאָט, ברידער.

פּ אַ ר ד אַ: װאס מאכט איהר, הער מאיאר?

ס י ס א ס: װאס הערט מען נײעס, הער רעדאקטאָר?

מ אַ ז ע ס: װי געהט עס, הער אדװאָקאט?

ק א ר ד א ז א: און װאס טוט זיך אין תּפיסה, הער שעריף?

נ ח (מיט אַ הארציגען, באַסאָװען לאַך): אַ דאנק, קונדסים. אבער איהר האט פאַרגעסען, אז איך בין אויך א קעמפּפער פאר

פרייהייט און דעמאקראטי, רייזענדער, פארשער, דראמאטורג און פילאנטראפ.

פ י ל י פ ס (דעקלאמירט): „ניטא אין רוים א מענש, נאבעלער פון אנטאני”. (געלעכטער).

נ ח: נאך צו פריה פאר א הספד, אנקעל אהרן. איך בין נאך ניט קיין פערציג און די גרויסע ארבייט פון מיין לעבען איז נאך ניט געטאן.

ס י י ס א ם: נאך אלץ ניט? א מענש האלט וואסערע צוועלף אמטען; דער גאנצער דעה־זאגער אין טאמאני־האל, דער בעסטער רעדאקטאר אין נויארק, דער פראמינענטסטער איד אין אמעריקא — און די גרויסע ארבייט פון זיין לעבען איז נאך אלץ ניט געטאן!

נ ח (לאכט): ליידיגעהער! פארוואס כאפט איהר ניט אויס א פאר כבודים ביי מיר? דאס קום איך אפ פאר אייערע זינד, ברידער. נאר לאמיך אייך עפעס זאגען — גאנץ ערנסט. דער ענין איז ביי מיר מעהר ווי כבוד, מעהר ווי פערזענליכע אמביציע. מיר אידען געפינען זיך אין אזא לאגע (קוקט זיך ארום פארזיכטיג) — איז דא ווער פון אונזערע קריסטלאכע פריינט?

ק א ר ד א ז א: בלויז וואן דארן. ער איז אין דער ביבליאטעק.

נ ח (שטילער): מיר מוזען פארכאפען וואס מעהר סטראטעגישע פאזיציעס. פלינקייט, שארפזין, פילזייטיגקייט — אט דאס זיינען אונזערע וואפען. א מאיאריטעט קען זיך פארגינען צו זיין פלעגמאטיש. מיר, די אייביגע מינאריטעט, מוזען האלטען די אויגען אפען.

פ י ל י פ ס (דעקלאמירט): „ווייל יסורים איז דער שטעמפעל פון אונזער שבט”.

נ ח (פארטראכט): „ווייל יסורים איז דער שטעמפעל פון אונזער שבט”. אמת — שוין צופיל אמת! מיר דא, אין לאנד

פון פרייהייט, לעבען דערווייל אין א גן־עדן פון נאראנים. מיר האבען געקראגען א שוואכען זכרון — פלוצים פארגעסען דעם שווע־רען נעכטען. אבער — — — (צולאכט זיך) וואס האב איך זיך צו־דרש׳עט, וואס?

סייסאס: זעהר אינטערעסאנט. יעדער איד מעג זיך אמאל פארטראכטען וועגען דעם.

נח: יא, ליבער סייסאס — אבער ניט איצט און ניט דא. זעה! א שעהנער פארנאכט אין מאי. פארדא וויל זינגען זיין נייע סערענאדע. קארדאזא וויל אויסשפיאנירען מיט זיין שפאק־טיוו די שעהנע ווייבלאך וואס שפאצירען ביים האדסאן — — —

קארדאזא און פארדא (פראָטעסטירען): צוליב אונז? פארקעהרט, מיר ווילען — — —

נח (הארציג): ניין־ניין! פשוט — אין א וואונדערלאכען טאג ווי היינט וואלט אפילו ירמיהו פארלוירען דעם חשק צו קלאגען. נו, ענטשולדיגט. איך מוז נאך רעדאגירען עטלאכע צו־שריפטען, אנשרייבען דעם קליינעם פעליטאן — ענטשולדיגט. (ער לאָזט זיך געהן צום קלוב־הויז) אנקעל אהרן, דו וועסטווארטען ביז איך וועל פארטיג ווערען, הא?

פיליפס: און טאמער ווער איך הונגעריג? (דעקלאמירט) „דער קאפאן סמאליעט, פון בראט־שפיז צופאלט זיך שוין — — — —“

נח (לאכט): פרעסער! איך וועל זעהן דו זאלסט ניט פאר־שפעטיגען דיין מאלצייט. דערווייל זעה אז מיינע חברים זאלען מיך ניט צופיל ליבען (אָב).

פארדא: א קוריאזער מענש, אונזער פרעזידענט. דאכט זיך, ער האט דערגרייכט אלץ וואס א מענש קען זיך ווינשען און רעדט נאך אלץ פון דער גרויסער ארבייט וואס ווארט אויף איהם. וואס קען ער נאך ווע‏לען?

ס י י ס א ס: געה טרעף וואס ס׳פיקט זיך ביי נח׳ן אין קאפ! ער וויל מסתם מאכען זיין פריינט ענדרו דזשעקסאן פאר פרעזי־דענט דריי יאהר שפעטער, אדער———

ק א ר ד א ז א: בויען א בריק קיין סטעטען איילענד (גע־לעכטער).

מ א ז ע ס: אדער באקעהרען דעם מיקאדא צו אונזער אמונה און מאכען יאפאן א אידישע מלוכה (געלעכטער ווערט הילכיגער).

פ י ל י פ ס (ווינקט כיטרע): די וואס ווייסען ניט, ריידען. דער וואס ווייסט—שווייגט. שוין תמיד אזוי. נאר גארניט, פאר א גוטען ציגאר, א האוואנא־ציגאר———

ק א ר ד א ז א (דערלאנגט איהם א ציגאר): אן אמת׳ע הא־וואנא און ארוים מיט לשון, אנקעל!

ד י א נ ד ע ר ע ב ח ו ר י ם (רינגלען ארום פיליפס׳ען, טומלען): ארויס מיט לשון! ארויס מיט לשון!

פ י ל י פ ס (פארויכערט לאנגזאם): הייסט עס איהר ווילט טאקע ויסען וואס וועט זיין די גרויסע ארבייט פון נח׳ס לעבען? הא? (פויזע) נו—נעהמען א ווייב און האבען קינדער. גאנץ פשוט!

ק א ר ד א ז א (ענטוישט): חתונה האבען? בא! אויסגע־נארט א גוטע האוואנא.

פ י ל י פ ס: חתונה האבען—יא—אזוי ווי ס׳שטעהט אין דער הייליגער שריפט, אז גאט האט געבענשט נח׳ן און געזאגט: „פרוכפערט אייך און מעהרט אייך און פילט אן די וועלט“.

פ א ר ד א: אנקעל אהרן, מיר וועלען אייך גלויבען, אויב איהר זאגט אונז ווער זי איז.

פ י ל י פ ס (דעקלאמירט): „קום צו מיין רעכטער זייט, וויל אויף ד ע ר בין איך טויב“. דו מעגסט ויסען, פארדא, אז א קאוואליר רעדט ניט פון אזוינע זאכען.

ק א ר ד אָ ז אָ (פּאַקט איהם פּעסט ביים אָרעם) : אָנקעל אַהרן ווער איז זי?

פ י ל י פּ ס: דו ווילסט צופיל וויסען פאַר איין ציגאַר. איך רעד ניט מעהר.

מ אָ ז ע ס: ניין? וועלען מיר באַלד זעהן. פּאַרדאָ, ברענג אַהער אַ שעפעל וואַסער. פּאַקט איהם, חברה! (זיי לאָזען זיך נאָך איהם און ער אַנטלויפט. עטליכע מינוט יאָגעניש — און זיי פיהרען איהם צו צו דער באַנק. מאָזעס הויבט אָן גיסען וואַסער אין זיין אַרבעל אַריין) אַזוי! איצט וועט אָנקעל אַהרן שוין ריידען. ווער איז זי?

ד י אַ נ ד ע ר ע ב ח ו ר י ם (לאַכען און טומלען) : ווער איז זי? ווער איז זי?

פ י ל י פּ ס: ניין! ניין!׳ ניין! איך בין אַ קאַוואַליר פון דער אַלטער שול. אוי! הער אויף, מאָזעס! איך וועל קריגען אַ קאַטאַר! אַ לונגען־ענטצינדונג! (ציטערט).

ד י פ י ר ב ח ו ר י ם (ווילד) : ווער איז זי? ווער איז זי?

פ י ל י פּ ס: אַ! אַט נים איך! אָט־אַט———(גיט אַ הילכדיגען נים. די פיר שפּרינגען אַפּ ווי אָפּגעבריהטע) קינדער, איהר מעגט אַריינגיסען דעם גאַנצען האָדסאָן אין מיין אַרבעל אַריין. די טראַדיציע פון די פיליפּסעס ערלויבט ניט אַריינצושלעפּען אַ דאַמע אין אַזאַ מין שמועס. ניין!

ס י ם א ס: און אפשר איז אָנקעל אַהרן גערעכט? נאָך אַלעמען — דער גוטער נאָמען פון אַ דאַמע איז אַ דעליקאַטנע עניַן.

פ י ל י פּ ס: אודאי! איהר מעגט וויסען, אַז דער פּרעזידענט פון אייער קלוב האָט געהאַט מעהר ווי איין דועל צוליעב אַזוינע זאַכען. אויב די דאַמע איז געווען נאָהענט, האָט יענער באַלד געקראָגען די הענטשקע אין פּנים אַריין. ווילט איהר אַז איך———?

ק א ר ד אָ ז אָ: שאַ! מיר ווילען ניט! (פויזע) נאָר אויב די מעשה איז אמת, איז אונזער קלוב קאַפּוט. אוים בחורים־קלוב!

ס י י ס א ם (לאַכט): ווער ווייסט? א יאָהר שפּעטער וועל איך שוין אפשר אויך האָבען א כאָמעט אויפ'ן האלז. און דו אויך, קארדאזא — און דו — און דו — הא? (שווערע פויזע; די פיר בחורים שטעהען ווי אבלים און שווייגען).

פּ א ר ד א (נעהמט זיין גיטאַר און זינגט פּיאַניסימאָ):

דאָנא זשואַניטא
די שעהנע סענאָריטא,
האָט פון אַלטען בחור —
א יונגען יאַלד געמאַכט.

(פּארדאָ'ס געזאַנג ווערט אַקצענטירט פון זייער היסטערישען געלעכטער).

ק א ר ד א ז א (וואָס האָט ווידער אָנגעשטעלט זיין שפּאַקטיוו, טוט אַ הויב אויף די האַנט): חברה, דער שונא ביי די טויערען! מיירא בוש, אניטא —

פּ א ר ד א: אניטא מאַזעס? (ווערט רויט).

ק א ר ד א ז א: געטראָפען, פּארדא. אניטא מאַזעס — און אסתר דזשעקסאָן. זיי געהען אהער.

מ א ז ע ס: געה שוין! מיידלאך וועלען דאך ניט קומען אין א קלוב פון אַלטע בחורים!

פ י ל י פּ ס (לאַכט): דער איינציגער פּלאַץ וואו מ'קען דערטאַפּען א לייטישען חתן. (דעקלאַמירט) „איז ניטא א וועג ווי מענשען זאָלען ווערען, סיידען ווייבער זיינען מיטאַרבייטאָרער?"

(ער און די אַנדערע האָבען זיך דערוויל געלאָזט צום טויער).

א ס ת ר'ס ק ו ל (פון שאָסיי): קיינער האָט דעם וועג נאָך ניט געפונען, אַנקעל אהרן (געלעכטער פון מיידלעשע קולות און א מינוט שפּעטער קומען אַריין אסתר, מיירא און אַניטא).

ס י י ס א ם (פאַרנייגט זיך): א גרויסער כבוד, פריילײנס. קומט אַריין. קומט נעהענטער.

ד י א נ ד ע ר ע ב ח ו ר י ם (פארנייגען זיך): א גרוים פארגניגען!

א ס ת ר (צו איהרע חבר׳טעס): איהר זעהט אט די פעסטונג? דא האט זיך די יונגע אומשולד פארשפארט קעגען א הארצלאזער וועלט. דענקט איהר׳ אז ס׳איז שעהן פון אונז זיך אריינצורייסען אהער? איך דענק אז ניט. מיידלאך, לאמיר געהן!

ד י פ י ר ב ח ו ר י ם (אינאיינעם): פארוואס? ניין! פארקעהרט! זעהר אנגענעהם!

א ס ת ר: אנגענעהם? אויב אזוי, דאנקט אניטא מאזעס. מיר האבען שפאצירט דא אונטען ביים טייך — איז איהר איינגעפאלען געהן זעהן דעם ברודער.

מ א ז ע ס (פארוואונדערט): אניטא — מיך זעהן?

פ א ר ד א: איהם גאר? (צולאכט זיך און ווערט רויט).

א נ י ט א (ברוגז): אסתר! האסט ניט געקענט אויסטראכטען עפעס א בעסערען תירוץ?

מ י י ר א (שטיל): וואס האט זי געקענט זאגען? אז דו ביזט געקומען צו דיין פאעט?

ק א ר ד א ז א: א פאעט — אין בחורים־קלוב? ווער איז דער שלעמיל, מים בוש?

פ א ר ד א (צוטומעלט): דא האלט זיך קיינער ניט פאר א פאעט.

א נ י ט א (בייז): ווער פרעגט דיך, דניאל פארדא? (כאפט זיך) מיין גאט! (זי און פארדא שטעהען ווי קינדער וואס מ׳האט געכאפט נאשען. די אנדערע צולאכען זיך).

א ס ת ר: זענט איהר זיכער, סענאר קארדאזא, אז ביי אייך אין בחורים־קלוב זיינען ניטא קיין פאעטען? (פויזע) איך קען וועניגסטענס איינעם. ער האט אויף זיין געוויסען א האלב טוץ דראמען — דראמען פול מיט אינטריגע, העלדישקייט, הימלישע

ליבע און לבנה־נעכט. (לאַכענדיג) דרעהט אייך אויס, וועט איהר איהם זעהן.

נ ח (האָט זיך באַוויזען אויף דער ווערענדא): אַנקעל אהרן, איך בין פאַרטיג. (דערזעהט די געסט און קומט שנעל אַרונטער) אַ, אסתר דזשעקסאָן! ווי שעהן און זומערדיג מיר זיינען פאַרפוצט! מים בוש און — דאַכט זיך — דיין שוועסטער, מאַזעס? זעהר אָנ־גענעהם! און וואָס פאַרשאַפט אונז, אַלטע בחורים, דעם כבוד — — ?

א ס ת ר: איין תירוץ האָב איך שוין געגעבען; איז ער אָבער געוועזן אַ מוראדיגער דורכפאַל. (געלעכטער) נאָר מאַיאָר נח'ן מעג מען זאָגען דעם אמת. ניטאָ אַ כלה־מיידעל אין שטאָדט וואָס חלומ'ט ניט פון קומען אין בחורים־קלוב אויף באַזוך. ניט אַלע אָבער האָבען מוט גענוג.

מ י י ר א און א נ י ט א (פּראָטעסטירען): אסתר! וואָס דיר קען איינפאַלען!

פ י ל י פ ס (דעקלאַמירט): „אַוואַ, איז דאָס אַ מיידעל! אהער קום און גיב אַ קוש מיר, קעיט!"

א ס ת ר: זענט איהר ניט אַביסעל צו אַלט צו שפּילען פּעטראַטשיא, אַנקעל אהרן? ניין? נו, אייער מוט אַליין פאַרדינט אַ קוש. (קושט איהם אויף ביידע באַקען).

נ ח: דו ביזט געבוירען אין אַ הייבעלע, אַנקעל. סאַ מזל דו האָסט דאָס!

א ס ת ר: באַקלאַגט אייך ניט! ווען מענשען פאַרשליסען זיך פון דער וועלט און דערקלעהרען זיך פאַר שונאים פון אונזער אַרימען געשלעכט — — —

נ ח: שונאים? ניין־ניין! דענקט איהר, אַז אונזער קלוב איז אַ קאַפּריז פון פּריקרע באַשעפענישען? ניין! אונזער ציל איז אַ נאָבעלער. בין איך דאָך דער גרינדער און איך וויים!

מ י י ר אַ: און וואָס איז אייער ציל, מאַיאָר נח? אַ, איך שטאַרב וויסען. דו ניט, אסתּר?

נ ח: גאַנץ פּשוט, מיט בוש. איהר מוזט פאַרשטעהן, אַז די פּיאָנערען־אַרבייט אויף אַלע געביטען פון פאָרטשריט, די אַרבייט פון דער וועלט, נויטיגט זיך אין פרייע מענשען — מענשען אומגעשטערט פון זייטיגע זאַכען. נעהמט די קאַטוילישע קירך. זי האָט פאַרשטאַנען דעם סוד. ווילסט עפּעס טאָן פאַר דער וועלט? גוט — באַפריי זיך פאַר אַלעמען פון איהר יאָך: פון ווייב, קינד, פאַרמעגען, פערזענלאַכע אַמביציע. פון אונזער בחורים־קלוב — האָף איך — וועלען נאָך קומען פיהרער און וועג־ווייזער פאַר אונזער גרויסער מדינה.

אַ ס ת ר (מיט סימולירטער ערנסטקייט): אַ וואונדערלאַכער געדאַנק! די קאַטוילישער קירך. איצט פאַרשטעה איך. אָבער זי האָט מאַנאַסטירען פאַר פרויען, פונקט ווי פאַר מענער. (פּויזע) פאַלט מיר איין אַ געדאַנק — פאַרוואָס זאָלען מיר, מיידלאַך, אויך ניט גרינדען אַ קלוב — — — ?

אַ נ י ט אַ (מיט אַ קוויטש): אפשר אַ קלוב פון אַלטע מויּדען? אַ, אסתּר?

ד י פ י ר ב ח ו ר י ם: הוראַ! הוראַ! הוראַ! (טומעל און געלעכטער).

אַ ס ת ר: דאָ קען מען ניט ריידען וועגען ערנסטע זאַכען. מאַיאָר נח, אויב איהר געהט אונזער וועג, וואָלט איך געוואָלט הערען מעהר וועגען אייערע וואונדערלאַכע אידעען; דאָס הייסט, אויב איך מעסט זיך ניט אַן צופיל (שמייכעלט פאַרשעהמט).

נ ח: דער פאַרגניגען וועט זיין מיינער. אָנקעל אהרן, אַלס ערפאַרענער קאַוואַליר — — —

פּ י ל י פּ ס: וועל איך אויף מיר נעהמען ניט איין דאַמע, נאָר אפילו צוויי. אָט אַזוי! (פאַרנייגט זיך פאַר מיירא און אַניטאַ. זיי נעהמען זיינע אָרימס, גריסען. אָב דורכ'ן טויער).

נח: ענטשולדיגט, פריינט. (גיט זיין אָרעם אסתר׳ן) איך וועל באַלד זיין צוריק.

אסתר זייט ניט בייז, וואס איך באַרויב אייך פון אייער גרויסען פּרעזידענט. איך שווער איהם ניט צו האַלטען לענגער ווי — איך וועל קענען (אָב מיט נח׳ן, לאַכענדיג).

סייסאם (שטיל און מיט באַטאַנונג): ווייסען מיר שוין ווער זי איז אויך. איז דאָך דער אַלטער פיליפּס גערעכט געווען! (פויזע) נו, וואָס זאָגט איהר צו נח׳ן, וואָס?

מאַזעס (איז דערווייל אַריין אין קלוב און אַרויסגעקומען מיט א טאַם־טאַם. ער הויבט אָן שפּאַנען איבער׳ן גאַרטען און פּויקלען; גע־לעכטער; די בחורים הויבען אָן טאַנצען אַן אינדיאַנישען קריגסטאַנץ).

וואַן דאַרן (קומט אַרויס אויף דער וועראַנדא): דער טאַם־טאַם קלאַפּט; די מאָהיקאַנער טאַנצען א מלחמה־טאַנץ. אסתר דזשעקסאָן איז א געפעהרלאַכער שונא, הא?

פאַרדאַ: דו ווייסט שוין אויך, וואַן דאַרן?

וואַן דאַרן: שוין א צייט וואָס איך האַלט אָן אויג אויף די צוויי. שעהן איז זי און — — —

מאַזעס: און כיטרע ווי א פוקס. האָסט שוין געמעגט זעהן ווי זי האָט נח׳ן אַרומגעצינגעלט מיט איהרע חנ׳דעלאַך. (אימיטירט אסתר׳ן) „א וואונדערלאַכער געדאַנק, מאַיאָר נח".

וואַן דאַרן: כ׳האָב זיי געזעהן פון פענסטער. מיך אַרט ניט; זאָלען זיי חתונה האָבען. אָבער אויב איהר ווילט דוקא צושטערען דעם שדוך, קען מען דאָס לייכט טאָן.

קאַרדאַזאַ: נו? אפשר וואָלסטו מיט איהר חתונה גע־האַט און אָפּגעראַטעוועט נח׳ן?

וואַן דאַרן: קרום געשאָסען, קאַרדאַזאַ. א האַמעטנע האַלענדער און א פּראָטעסטאַנט דאַצו — בין איך ניט דער מאַן פאַר אַזאַ פלאַם־פייערדיג מיידעל ווי אסתר דזשעקסאָן. מיט נח׳ן אָבער

שטעהט די זאך גאנץ אנדערש. ער האט ליב זיך שפּילען מיט פייער. ער איז אן אומרוה; ער ליידט פון צופיל ענערגיע. איצט איז איהם מסתם אביסעל לאנגווייליג געווארען, האט ער אנגעהויבען טראכטען וועגען חתונה האבען.

סייסאס: ווייסען מיר. אבער וואס איז דיין עצה, וואן דארן?

וואן דארן: פשוט — גיט מיר א לייטישען פּראיעקט, עפּעס וואס זאל זיין גראנדיעז, אטעם־פארכאפּענדיג — און אסתר דזשעקסאן וועט מוזען זוכען א נייעם קרבן.

קארדאזא: א פּראיעקט? (פּויזע) לאמיר איהם איינריידען לויפען פאר פּרעזידענט.

וואן דארן: פון די פאראייניגטע שטאאטען? (לאכט שטיל) אזא יאלד איז ער ניט. ער ווייסט, אז מיט זיבען־אכט טויזענד אידען אין לאנד איז א אידישער פּרעזידענט ניט זעהר װארשיינליך.

פּארדא: אויב אזוי, פארוואס זאל ער ניט ווערען א פּרע־זידענט פון א———?

מאזעס: וואס היקעסטו, פּארדא? פּרעזידענט פון א וואס? רעד, נו!

פּארדא (צוטומעלט): איך וויים? אפשר פון א אידישער רעפּובליק? פארשטעהט זיך, ער וועט פריהער מוזען אליין אויפ־בויען די רעפּובליק. אבער——— (דער הילכיגער געלעכטער פון זיינע חברים מאכט איהם שטום).

וואן דארן: שעהם זיך ניט, פּארדא ברודער. דיר איז איינגעפאלען א גרויסער געדאנק.

מאזעס (לאכט): פּרעזידענט פון א אידישער רעפּובליק? וואו? אין ירושלים? כא־כא־כא!

װאַן דאַרן: איך פאַרשטעה ניט דעם ציניש֊ען געלעכ־טער, מײנע אידישע פרײנט. פאַרװאָס ניט? (פויזע) צי נח װיל יאַ חתונה האָבן צי ניט — איז איצט ניט װיכטיג. פאַרדאַ האָט געהאַט אַ גלענצענדען אײנפאַל. פאַר אונזער גרױסען נח איז אַזאַ פּראָיעקט װי אַנגעמאָסטען. װער עס האָט אַ ביסעל פאַנ־טאַזיע — — —

קאַרדאַזאַ: דער קען לײכט זעהן דעם קאָלאָסאַלען שפּאַס!

װאַן דאַרן: און אפשר מעהר װי דאָס. אָבער אַ גראַנדיעזער שפּאַס איז אויך ניט קײן קלײניגקײט. חברה, מ׳מוז אַ טראַכט טאָן! שטעלט אײך פאָר: נח מיט זײן אימפּאָזאַנטער פיגור, מיט זײן באַסאָװער שטימע, מיט די דראַמאַטישע זשעסטען און עלעגאַנטער רעטאָריק — נח! ער װעט רײדען צו דער גאַנצער װעלט, ער װעט ערקלעהרען, ער װעט בעטען, ער װעט סטראַשען. קאָלאָסאַל, זאָג איך אײך!

די פיר בחורים (לאַכען): פײן! פײן! (זײ װערען אַנטשװיגען װען זײ דערזעהען אַרײנקומען דורכ׳ן טויער ראַבי פּיט־שאַטאַ מיט אַ פרעמדען אין אָריענטאַלישע קלײדער).

פּיטשאַטאַ: גריסט אײך גאָט, אַלטע בחורים. װאָס־זשע? מ׳זיצט דאַ רוהיג און מ׳לאָזט גאָטס װעלט פוסטעװען, האַ? אַ שאַד, אַ שאַד!

װאַן דאַרן: איז ראַבי פּיטשאַטאַ נאָך אַלץ אַ געגנער פון אונזער באַשײדענעם קלוב?

פּיטשאַטאַ: אַ געגנער! אַן אויסגעשפּראָכענער געג־נער! די אידישע אמונה איז קעגען דעם. דאַצו באַרױבט איהר מיך פון פּרנסה — פון חתונות, ברית׳ן, תלמידים פאַר מײן שולע. (געלעכטער) אָבער איך בין ניט געקומען מוסר זאָגען. איך בין געקומען זעהן אונזער ליבען מאַיאָר נח. קען מען איהם זעהן?

פּאַרדאַ: לײדער ניט. ער איז נאָר װאָס אַװעק באַגלײטען אַ — — — ער װעט באַלד צוריקומען.

פּ י ט ש אַ ט אַ: אַ שאַד, אַ שאַד! איך וויל איהם זעהן — דאָס הייסט — ניט איך, נאָר מיין פריינט דאָ. ענטשולדיגט! פאַר־געסען פאַרצושטעלען. מיין פריינט קומט פון וויטע לענדער — פון טונים, עגיפּטען, פּאַלעסטינאַ. באַקאַנט אייך. ראַבי — אַה? — ראַבי — — —

ש ד " ר (פאַרנייגט זיך טיף): הקטן שלום לוי דוד אַלמליא, שלוחא דרבנן מירושלים עיר הקודש, תבנה ותכונן במהרה בימינו, אָמן.

מ אַ ז ע ס: איז דאָס אַלץ זיין נאָמען?

פּ י ט ש אַ ט אַ (לאַכט): מאָזעס, דו ביזט צו יונג אַנטלאָפען פון תלמוד תורה. אַז ניט וואָלסטו געוואוסט וואָס ראַבי אַלמליא רעדט. ער וואָן דאָרן, אונזער גאַסט רעדט געוועהנליך די הייליגע שפּראַך. ער פאַרשטעהט אָבער אויך אונזערע.

ש ד " ר (פאַרנייגט זיך): די שפּראַך פון די האַרען — יאַ — אייער קנעכט פאַרשטעהט.

ס י י ם א ס: מעג מען בעטען זיצען?

פּ י ט ש אַ ט אַ: ניין־ניין־ניין! די זון פאַרגייט; צייט געהן אין שוהל אַריין צו מנחה. נו, ראַבי אַלמליא, וואָס ווילט איהר טאָן? געהן מיט מיר אָדער וואַרטען?

ש ד " ר: אויב דער לעהרער און מייסטער ערלויבט דעם קנעכט — אויב ניט אַ זינד קעגען דרך־ארץ — אויב די האַרען דאָ — — —

פּ י ט ש אַ ט אַ: בלייבט, ראַבי אַלמליא, בלייבט — און קומט צו מיר מאָרגען. פאָרדאַ, מיין פריינט וועט זיך נויטיגען איז עמיצען וואָס זאָל איהם צוריקברענגען אויף זיין אכסניא און איך וויל דיך בעטען — — — יאַ? אַ דאַנק און אַ גוטע נאַכט אַלעמען! (אָב).

ס י י ם א ס (צום שד"ר): זענט איהר באַקאַנט מיט מאַיאָר נח, ראַבי אַלמליא?

ש ד " ר: מיינע אויגען האבען געזעהן דעם האר — געזעהן אין דער שטאָדט פון גרויסע מאָשעען — אין טונסי האט זיין ליכט געשיינט — יאָ, געשיינט!

מ אָ ז ע ס: טונסי? וואו איז טונסי?

ס י י ס א ס: מסתם טונים. צוועלף יאָהר צוריק איז נח דאָרט געווען גענעראַל־קאָנסול.

ש ד " ר: יאָ־יאָ — טונים; יאָ־יאָ — גענעראַל־קאָנסול. זיין כבוד געווען גרויס, זעהר גרוים. פירשטען געקלאַפּט אין זיינע טוירען און הארען זיך געבוקט צו די פים. און מיר — די ברידער — מיר אין זיין זון זיך געוואָרימט. אונזער הארץ האָט דער האר דערפרישט. אַ! מרדכי — מאָנועל — נח!!

ק אַ ר ד אָ ז אָ: קומט דער ראבי צו איהם פון די ברידער אין טונים?

ש ד " ר: פון טונים? ניין! פון דער הייליגער שטאָדט קומט דער קנעכט. נויט, הונגער מאָגערט אָב די לייבער. די ברידער, די וואָס דינען גאָט, קרעכצען. (פּויזע) מיך דעם נישׁ־טיגען, האָבען די ברידער אויסגעקליבען. געה, זאָגען זיי, איבער ים; געה איבער וויסטעניש. געה, ברענג געשריי צו גרויסען האר: העלף, אָ, האר!

ו ו אַ ן ד אָ ר ן (קוקט זיך איבער מיט די אַנדערע): האָט איהר געהערט?

ד י פ י ר ב ח ו ר י ם (הוידען מיט די קעפּ): געהערט, גע־הערט.

ק אַ ר ד אָ ז אָ: אויב דער פאַרעהרטער ראבי האָט נאָר די נויטיגע דאָקומענטען, וועט מאָיאָר נח זיך זיכער פאַראינטערעסירען מיט דער לאַגע. (כיטרע) אַ דאָקומענט פון די סנהדרין, צום ביי־שפּיל, וואָלט אויפגעטאָן וואונדער.

ש ד ״ ר: סנהדרין? אַ דאָקומענט? (שמייכעלט) מעג איך זאָגען, אַז סנהדרין איז איצט — יאָ, אַ דאָקומענט פון סנהדריז — פאַרוואָס ניט?

ס י י ס אַ ס (כּאַפּט אונטער): זעהט איהר, ווערט נח וואָלט געהאַט דאָס רעכט צו ריידען צו די אידען אַלס זייער עלטסטער, וואָלט געוועז וואונדערבאַר. אויטאָריטעט — אַט דאָס וואָס ער דאַרף! פאָדערן הילף פאַר אָרימע, רעכט פאַר פאַרפאָלגטע און —

מ אָ ז ע ס: קאַרג ניט, סייסאַס! פאַרוואָס שוין ניט אויפ־בויען אַ אידישע רעפּובליק? נח קען דאָס טאָן. ער וועט זיין איהר ערשטער פּרעזידענט!

ש ד ״ ר: אַ, פּרעזידענט, עלטסטער, שופט — ווי אַמאָל גדעון, יפתח, שמואל (פּויזע) ווייט, זעהר ווייט איז דער בליק פון די הארעז. דאָס האַרץ ציטערט און טרעהר פאַרטונקעלט דאָס אויג. (ווישט די אויגען).

ק אַ ר ד אָ ז אָ: ווייסט איהר? טויזענד דאָלאַר גיב איך פאַר אַזאַ דאָקומענט.

ש ד ״ ר (קוקט אויף איהם אַ מינוט, שווייגענדיג): גאָט איז גרויס; ער קען אַלץ.

פּ אַ ר ד אָ (צוהיצט): נאָך בעסער וואָלט געוועזן ווען נח קריגט אַ צייכען: לאָמיר זאָגען — אַ גאָלדענע קייט — אַ פּורפּור־רענעם מאַנטעל — אַ זיגעל רינג. אַ געדאַנק? האַ?

ס י י ס אַ ס: יאָ! פּאַרדאָ האָט היינט אַ גוטען איינפאַל צום צווייטען מאָל. אַ צייכען!

ש ד ״ ר: איז שווער ביי גאָט אַ צייכען? (פּויזע) און דער האַר וואָלט אויפגעהויבען אַ געשריי, ווי דער לייב־געשריי, און גע־זאָגט: ברידער, אַ ליכט אין פינסטערניש וועל איך זיין פאַר אומגליקלאַכע; אַ היים וועל איך געבען פאַרוואָגעלטע! יאָ! ווייל גרויס איז גאָט; זיינע וואונדער אָהן גרעניץ.

ו ו א ז ד א ר ז: הייסט עס, אז מיר זיינען אויף א וועג. פארשטעהט איהר?

ד י פ י ר ב ח ו ר י ם (אין כאָר): מיר פארשטעהען!

ו ו א ז ד א ר ז: אָט דאָס וואָס איך זאָג: יעדער דור איז א דור פון וואונדער. (פויזע) בין איך דיר ניט שולדיג דריי הונ־דערט דאָלאר, קארדאזא? (צעהלט אָפּ דאָס געלד).

ד י א נ ד ע ר ע ב ח ו ר י ם: איך בין דיר אויך שולדיג א פּאָר דאָלאר. (צעהלען אָפּ דאָס געלד).

ק א ר ד א ז א: וואָס איז דאָס? (כאַפּט זיך) יאַ־יאַ! (לעגט אַריין דאָס געלד אין זיין טייסטער — אָבער פאַרגעסט איהם צו באַהאַל־טען) פריינט, שטעלט אייך פאַר די מינוט ווען נח דערהאַלט דאָס גרויסע שליחות. אה! פליגעל וועלען איהם אויסוואַקסען. (לעגט אַוועק דעם טייסטער לעבען שד״ר — ווי אָהן כונה).

ש ד " ר: באַשטימט איז דאָס אין גאָטס ראַט — ווער ווערט זיך קענען שטעלען? (לעגט אַריין דעם טייסטער אין קעשענע פון זיין אַבאַיע; די אויגען צום הימעל) דעם באַשעפער לויב איך פאַר די חסדים!

נ ח (באַווייזט זיך אין טויער פון גאָרטען; דער לעצטער גאָלד־פלעק פון דער פאַרגעהענדיגער זון באַלויכט זיין געשטאַלט).

ס י י ס א ם (שטיל): דאָ איז דער גרויסער האָר, קומט! (פיהרט דעם שד״ר צו נח׳ן) דאָס איז ראַבי אַלמליא פון ירושלים. ער קומט אין א וויכטיגען שליחות צו דיר.

נ ח: שאַלאָם, חכים! (גיט איהם די האַנט) געפאָהרען זעקס טויזענט מייל אין א שליחות צו מיר? (פויזע) גוט! איך וועל מיט פאַרגניגען אויסהערען.

ש ד " ר: (באַריהרט מיט זיין האַנט שטערן און ברוסט; פאַר־נייגט זיך טיף) האָר, פון די ברידער אין מזרח קומט דער קנעכט. זיי נעדענקען — מיט פרייד, מיט בענקעניש — ווען דער שטערן פון

מרדכי מאַנועל נח איז אויפגעגאַנגען. אין טונקעלן האָט זיך דאָס ליכט באַוויזן און מיר, די ברידער, האָבן געוואַרט, ווען דאָס ליכט וועט זיך צוגיסן איבער אַלע לענדער. פאַרוואָס, אַ פאַרוואָס, האָט דער שטערן זיין ליכט פון אונז באַהאַלטן?

נ ח : פאַרוואָס? (פויזע; מיט אַ גרימיגען בליק) ווייל די פון וועמען מיין מאַכט איז געקומען האָבן ניט געקענט איבערטראָגן מיין אידישקייט. זיי האָבן געוואָלט מרדכי נח זאָל זיך אַליין פאַרלייקענען — זיי, די שטאַאַטסמענער פון אונזער פרייער רעפּובּליק. בלויז אַ שטאַאַטסמאַן — יאָ; אַ אידישער שטאַאַטסמאַן — ניין!

ש ד " ר : וואָס איז מאַכט פון פרעמדע געשענקט? אַ ווערבע־צווייג. אבער די וואָס קומט פון אייגענע — אַה! אַ צעדערבוים איז זי. יאָ! (פויזע) איז אָבער געשריבען אין די שטערן, אַז מרדכי מאַנועל נח וועט העלפען זיין פאָלק — און ער וועט! יאָ!

נ ח (באַטראַכט איהם אַ מינוט) : ווער האָט אייך געשיקט צו מיר, חכים?

ש ד " ר (שטיל און מיסטעריעז) : זיינען ניטאָ די וואָס קומען אין סוד פון גאָט? זיצען ניט אין הייליגער שטאָדט די וואָס בעטען, טאָג און נאַכט, אויף דערלייזונג? פאַסטען זיי ניט? וויינען זיי ניט? (פויזע) גנה, האָבען זיי געזאָגט, און רעדט צום האַר אַזוי: דאָס פאָלק — פאַרטריבען; דאָס לאַנד — חרוב; די שכינה — זי וויינט נאָך די קינדער. (יאָמערט שטיל) גרויס איז דער בראָך!

נ ח : איך ווייס. (פויזע) איך ווייס — און מיין האַרץ טריפט בלוט. אָפט — אין דער שטילקייט פון דער נאַכט — האָב איך געהערט דאָס שטילע יאָמערען, דעם געוויין פון די דורות. (פויזע) מעהר ווי איינמאַל האָט מיין האַרץ שטיל געבעטען: נעהם מיך, גאָט פון די פאָטערס, און מאַך פון מיר אַ האַמער, וואָס זאָל צור־ברעכען די קייטען אויף משיח׳ס הענט; נעהם מיך — און מאַך

פון מיר א פוס־בענקעלע, וואס זאל דערהויבען דיין פאלק פון שפלות; נעהם מיך! איז מיין געבעט דערהערט געווארען? איז דאס דער ענטפער?

ש ד " ר: אה! צוויי געבעטען — אונזערס, דעם הארס — האבען זיך באהעפט! גרוים איז אונזער גאט. זיסער ווי יונגע פייגען איז די פרוכט פון מיין שליחות! יא!

נ ח: איך האב לאנג געווארט אויף דעם צייכען — זעהר לאנג. בין איך איצט גרייט? (פויזע) דאס פאלק ווארט. דאס לאנד ווארט. און מיך רופען די ברידער!

ש ד " ר: און צייכען שיקען זיי — צייכען: א שריפט וואס קרוינט דעם האר מיט מאכט — א מאנטעל וואס הילט איהם איין אין גנאד — א האלז־קייט וואס באצירט איהם מיט חן. יא! דער טאג קומט, ווען דער קנעכט וועט די צייכען ברענגען דעם האר.

ק א ר ד א ז א (אומרוהיג): דאס געהט אביסעל צו ווייט (קוקט זיך איבער מיט די אנדערע).

ס י י ס א ם (שטיל): פארזיכטיג! (וויל איהם צוריקהאלטען).

ק א ר ד א ז א (באפרייט זיך): דער עסק ווערט ——— ענטשולדיג, נח. דעם ראביים שליחות איז זעהר אינטערעסאנט. אבער מיר האבען ניט גערעכענט, אז ———

נ ח: פארוואס אזוי אומרוהיג, קארדאזא?

ו ו א ן ד א ר ן: דיין ענטוזיאזם האט זיי אביסעל דערשראקען, ליבער נח.

פ א ר ד א: ווייל אנגעפאנגען האט זיך דאס מיט א ——— (דערשרעקט זיך און ענדיגט ניט).

נ ח: איך פארשטעה — איהר האט דערהערט דעם געבורט־געשריי פון א גרויסען געדאנק און דער געשריי האט אייך דענערווירט. איז דער גייסט פון וואגען און געווינען שוין טויט אין אונזער יונגער רעפובליק? זיינען אין קוים פופציג יאהר שוין

פאַרשוואונדען די פרייהייטס־קעמפּפער? איך פיהל, אז גאָט האָט אונז געפיהרט אהער ווייל דאָ ווען מיר, אידען, לערנען ווי אַזוי ווידער צו געווינען אַ פריי לעבען. דאָ איז די לעצטע סטאַנציע פון גלות; דאָ — די לעצטע לעקציע. און איך — — —

ק א ר ד אָ ז אָ (לאַכט): אַבער, ליבער נח, איך וויל נאָר דו זאָלסט וויסען, אַז דער ראַבי — — —

נ ח: קארדאָזאָ, אין דעם מאָמענט באַטראַכט איך אַלע זייטיגע זאַכען פאַר איבריג. דער ראַבי דאָ, איז אַ שליח, איך — אַ שליח; אינסטרומענטען פון אַ העכערער מאַכט. און אָט די מאַכט וואַקסט איצט אויס ווי אַ ריזיגער פייער־זייל און יעדער וואָס האָט אויגען וועט זעהן די פלאַמען־שריפט. זעהט! (פּויזע) די באַפרייאונג פון אידישען פאָלק!

ש ד " ר (קניט): אויסדערוועהלטער, באַוויז דיין גנאַד — קושען וועל איך דעם זוים פון דיין קלייד. (קושט דעם זוים פון נח׳ס פראַק).

נ ח (הויבט איהם אויף): ניין — צו מיין הארץ קום, ברודער מיינער. און איהר, מיינע פריינט — און איהר, די ברידער פון אַלע פיר עקען וועלט — און איהר אַנדערע, באַשאַפען אין גאָטס געשטאַלט — קומט אַלע, אַלע צו מיין הארץ. נח איז שכור — שכור מיט דעם פאַרלאַנג צו באַפרייען זיין פאָלק. אין ישראל׳ס באַנייטען גליק וועט איהר אַלע — נאָהענטע און ווייטע — אייער גליק געפינען. (ווי בּיט־ווילענדיג זיינען די אַנדערע געקומען נעהענטער און נעהענטער צו איהם. ווען ער ענדיגט, פאָרמירען זיי אַ גרופּע אַרום איהם. טאַבלאָ. ער שטעהט — די הענט אויפגעהויבען אין דער פאַרגעהענדיגער זון).

(פאָרהאַנג).

צווייטער אקט.

אַ סאל אין נח'ס הויז.

רעכטס — גרויסע גלאָז־טיר וואָס פיהרט אין וואַרט־צימער.

לינקס — אַ טיר, גאַרדין־באַהאַנגען, וואָס פיהרט צו די אַנדערע חדרים פון הויז.

אַרום די ווענט, נידריגע ביכער־שאַפעס. איבער זיי — די פּאָרטרעטען פון אַמעריקאַנער „רעוואָלוציע־פאָטערס"; אַ פּאָר געקרייצטע שווערטען, אַ טאָמאַהאָק, ביקסען, יאַגד־מעסער מיט הירשהאָרן הענטלאַך. אַרום די פּאָליצעס — אַ קאָלעקציע פון אָריענטאַלישע וואַזעס, טאַצען, לאַנג־האַלזיגע קריגלאַך פון געהאַמערטען בראָנז. אין איין ווינ־קעל, אויף מאזאיק־טישעל, אַ גרויסע אַראַבישע נארגילא; אין קעגען ווינקעל אַ טישעל מיט אַן אַלטער זיבען־רעה־ריגער מנורה. בקצור — סימנים פון אַ פיל־באַרייזטען מענש וואָס זאַמעלט מיט ענטוזיאַזם, כאָטש ניט תמיד מיט געשמאַק.

אַ מאַסיווער טיש מיט שטולען. לעבען טיש, אַ גע־שטעל מיט אַן אומרים־מאַפּע פון גרענד איילענד אין ניאגרא־טייך.

פריה־אָוועגט פון אַ יוני־נאַכט.

(לעגעט, וואַן דאָרן, מעקאינטייער און נח שטעהען אַרום מאַפּע־געשטעל).

נ ח : — — — און מיט דעם איריע־קאַנאַל אָפען פאַר טראַנס־פּאָרט, הויבט זיך אַן אַ נייער עפּאָך אין דער געשיכטע פון אַמע־

ריקאַ. דער טויער צום סאַמע האַרץ פון אונזער גרויסער מדינה איז איצט אָפען. די נאַטירליכע אוצרות פון מערב — — —

מ ע ק א י נ ט י י ע ר (ברומט): יאַ, נו! וואַסער־וועגען, בי־ליגער טראַנספּאָרט. קען שוין דאָס ליד אויסוועניג. איהר ווילט קויפען גרענד איילענד, מאַיאָר? גוט. רעדט וועגען דעם.

נ ח: מעק איז גערעכט. איהר זענט פּראַקטישע מענשען, סוחרים; ניט נויטיג איך צו געבען עלעמענטאַרע לעקציעס.

וואַן דאַרן: מאַיאָר נח האָט נאָר געוואָלט באַטאָנען דעם פאַקט, אַז גרענד איילאַנד איז אַ סטראַטעגישער פּונקט פאַר קאָ־מערץ — אַ פּונקט וואָס קען ווערען די וויכטיגסטע סטאַנציע פון איריע־קאַנאַל. (ווייזענדיג אויף דער מאַפּע) די מאַפּע ווייזט דאָס — קלאָר!

נ ח: ריכטיג! די ברעגעס פון אינזעל קענען ווערען וויכ־טיגע פּאָרטען. מיט דער צייט קען גרענד איילענד ווערען אַ צווייט נויאָרק. לאַנד וועט זיין מיט גאָלד צוגלייך. (פּויזע) איצט הערט. איך קום פון אַלבאַני, וואו איך האָב געזעהן די ריכטיגע פּערזאָנען. פּאַרהאַן אַרום זיבצעהן טויזענט אַקער — און דער שטאַאַט איז גרייט צו פאַרקויפען.

מ ע ק א י נ ט י י ע ר (בורטשעט): בין אויך געווען אין אַלבאַני. פּרייז פאַרדאַמט הויך!

ל ע ג ע ט: ווי הויך, הער מעקאינטייער?

מ ע ק א י נ ט י י ע ר: זיבען דאָלאַר אַ אַקער. ווערט — דריי. יאָ!

נ ח: מעק, אויף קויפען לאַנד ביזטו אַן עקספּערט; אויף קויפען ביים שטאַאַט — איך. ניט אמת? נאָר אויב איהר ווילט קויפען שותפות מיט מיר און לעגעט׳ן, וועט דער פּרייז זיין פיר דאָלאַר אַן אַקער. אפשר — עפּעס מעהר.

וואן דארן: לוינט זיך שוין צו ריידען וועגען דעם, מעק־אינטייער. פיר איז ניט זיבען.

מעקאינטייער (לאכט): קויפסט פאר דיינע אור־איי־ניקלאך, וואן דארן?

וואן דארן (שמייכעלט): איך בלייב אן אלטער בחור. ס׳וועלען ניט זיין קיין אור־אייניקלאך.

מעקאינטייער: און נח? אויך אן אלטער בחור. איך? א שפעקולאנט. וועל אמאל האלטען א יאהר. אבער ניט לענגער! ווער ס׳וויל פארלירען געלד זאל קויפען פאר פיר.

לענעט: אבער דא האנדעלט זיך ניט וועגען געלד. נח זוכט ניט קיין פראפיטען. איך — אויך ניט. דאס איז אן ענין — כ׳האב גערעכענט אז נח וועט אייך דערקלעהרען — אבער — (אין פארלעגענ־הייט) — נח, איך קויף אליין גרענד איילענד. פארטיג!

נח: ניין! (בייזע) וויפיל מאל זאל איך דיר אפזאגען, לע־נעט? מעק, פאלג מיך. דאס איז א גלענצענד געשעפט. לאנד וועט ווערט זיין דאפעלט א יאהר שפעטער; דריי מאל אזויפיל — פינף יאהר שפעטער. דו זעהסט דעם פונקט? אט דא? אין א יאהר ארום וועט דא שטעהן א שטאדט. יא — א נייע שטאדט!

מעקאינטייער: יא — אויב דו וועסט צאהלען מענשען פון טאג דארט צו וואוינען. (באטאנט) פיר דאלאר פאר אן אקער איז פינף־און־צוואנציג פראצענט צו הויך!

נח: צו הויך? גוט. איך האב א פארשלאג. לענעט און איך וועלען קויפען דעם גאנצען אינזעל. מיר וועלען דערווייל נעהמען צוויי טויזענד פינף הונדערט אקער — דא און דא — אויף צוויי פונקטען. וועט איהר נעהמען די איבריגע צו דריי?

מעקאינטייער: צו דריי? נעהמען!

נח: נאר מיט איין באדינג. ביז צום יאהר זאלען מיר קענען צוריקקויפען פאר זיבען אן אקער. ביזט צופרידען, מעק?

מ ע ק א י נ ט י י ע ר: צופרידען — אויב וואַן דאָרן בלייבט אַ שותּף — מיט מיר.

וו אַ ן ד אָ ר ן: איך בלייב. (גיט נח׳ן די האַנט) זאָל זיין מיט גליק, ליבער נח. ווען פאָהרען מיר אין אַלבאַני?

נ ח: מאָרגען, ניין אין דער פריה, וועל איך זיין ביי דער שיף. און דו, מעק?

מ ע ק א י נ ט י י ע ר: ניין אַזייגער. ׳נאַכט, מאַיאָר! ׳נאַכט, לעגעט! בלייבסט דאַ, וואַן דאָרן?

וו אַ ן ד אָ ר ן: ניין! איך געה מיט מיין שותּף. אַ גוטע נאַכט (ביידע אָב).

נ ח: ניט פאַרגעסען — ניין אַזייגער! (באַגלייט זיי צו דער טיר, רעכטס; קומט צוריק) לעגעט, פאַרוואָס אַזוי פאַרכמורעט? ניט צופרידען מיט דעם אָפּמאַך?

ל ע ג ע ט: יאָ — אַבער דער טאָן פון די פאַרהאַנדלונגען האָט מיך געערגערט. נח, דאָס האָט געהאַט אַ נאָך־טעם פון געשעפט, פון לאַנד־שפּעקולאַציע. (פּויזע) און נאָך מעקאינטייער׳ן פאַר אַ שותּף אויך! פאַרביליגען אַ גרויסען געדאַנק — — —

נ ח: לעגעט! איך האָב ניט געוואָלט דו זאָלסט אריינזינקען דיין גאַנץ פאַרמעגען אין גרענד איילענד. איך האָב געמוזט אַנקומען צו מעקאינטייער׳ן.

ל ע ג ע ט: אַבער פאַרוואָס האָסטו זיי ניט דערצעהלט דעם אמת? ער איז זיכער אונטער דעם איינדרוק, אַז דו ביזט געוואָרען אַ לאַנד־שפּעקולאַנט — ווי ער.

נ ח: ווענען דערצעהלען דעם אמת? מעקאינטייער׳ן? איהם זאָגען, אַז מיר געהען בויען אַ צופלוכט־שטאָדט פאַר אידען? אַז איך וויל צוריקפיהרען מיינע ברידער צו דער ערד, צו אַ געזונטען לעבען, צו פרייהייט? מיט איין קלאַפּ וואָלט ער מיך אָפּגעשטעמפּעלט פאַר אַ משוגע׳נעם. זאָל ער מיך שוין בעסער פאַרדעכטיגען

אין לאנד־שפעקולאציע. ווענען אידעאלען רעדט מען ניט צו מעק־אינטייערס.

ל ע ג ע ט: איך פארשטעה ניט, נח. סוף־סוף וועלען זיי דאך הערען ווענען דיין פלאן!

נ ח: איך פארלאז זיך אויף זיי ניט צו נעהמען די זאך ערנסט. מיין פלאן וועט זיין ניט מעהר ווי א פיינער אויפטו; זיי וועלען זעהן אין איהם א כיטרע שפיצעל, ווי אזוי ארויפצור־טרייבען דעם פרייז פון לאנד. ווען מ׳מוז נעהמען מעקאינטייער׳ן פאר א שותף, מוז מען צו איהם ריידען אין זיין שפראך. די שפראך פון אידעאליסט, פון באפרייער, רעזערוויר איך פאר מיין לעגעט. (נעהמט איהם ארום) הא?

ל ע ג ע ט (מורמעלט): אביסעל פארפלאנטערט פאר מיין פראסטען קאפ; איך בין געוואוינט צו טראכטען אנדערש — אין א גראדער ליניע. נאר נח פיהרט, געה איך נאך.

נ ח: מיין קוזין פון נצרת מעג זיך גרויסען מיט דיר, לעגעט. זיין תורה איז פארט ניט ארויסגעווארפען. (פארטרוילאך) האסט אפשר א טראכט געטאן ווי צו רופען אונזער נייע אידען־שטאדט? אזוי — עפעס א פיינעם ביבלישען נאמען.

ל ע ג ע ט: גארניט געטראכט ווענען דעם. (פויזע) ווי וואלט געווען ניי־ירושלים?

נ ח: ניי־ירושלים? (פויזע) ניין! ניט מעגלאך ביי אידען אז אלט און א ניי ירושלים. א צופלוכטס־ארט, אן אברוה־פלאץ, איז די נייע שטאדט. אבער — ניט מעהר. דער נאמען מוז אויסדריקען אט דעם געדאנק. נו, דו פלייסיגער ביבעל־שטודענט, געדענקסטו וואו נח׳ס תיבה האט זיך אפגעשטעלט נאכ׳ן מבול? הא?

ל ע ג ע ט: אררט! (באגייסטערט) סוף פון א לאנגער וואנ־דערונג, פון שווימען אהן א ציל. פיין! וואונדערלאך! א זיכערער האפען — אררט!

נ ח: יאָ — אררט. און אויך אין דעם נאָמען איז דאָ אַ דאָפּעלטע כונה. די פּראַקטישע מענשען — די אידישע און ניט־אידישע מעקאינטייערס — ווע‍לען באַלד כאַפּען דעם פּערזענלאַכען מאָטיוו. נח — אררט! אודאי! איך האָב אָבער אויסגעקליבען אררט, ווייל דאָס אַלטע אררט ליגט אויסער די גרעניצען פון הייליגען לאַנד.

ל ע ג ע ט: אָבער דאָס געהערט דאָך צו דער געשיכטע פון אידישען פאָלק!

נ ח: ניט צו דער געשיכטע — נאָר צו דער פאָר־געשיכטע. פאַרשטעהסט, לעגעט? אָפּרוהען אין אררט — יאָ; בלייבען אין אררט — ניין. אין אררט וועלען די מבול־שווימער זיך ווידער אויס־לערנען שטעהן אויף פעסטען באָדען, זיך ווידער איינּיאָרען אין דעם שוים פון דער מאַמע־ערד. געשטאַרקטע, געלייטערטע, מיט נייע כוחות אָנגעזאָפּטע, קענען מיר אָנהויבען מאַכען געשיכטע אויפ'ן ניי.

ל ע ג ע ט: נח, דו ביזט אַ וואונדער! עטלאַכע וואָכען צוריק האָסטו אָנגעהויבען ריידען וועגען אַ קליינעם עקספּערימענט, אַ אידישער קאָלאָניע, אַ מוסטער־דאָרף; איצט איז דאָס שוין דער אָנפאַנג פון אַ ריזיגען פּראָיעקט. דיין קוואַל, ליבער נח, שטראָמט שטאַרק; ער רייסט זיך צום ים פון וועלט־פּאַסירונגען. (געריהרט) זאָל גאָט שטאַרקען דיינע הענט!

נ ח (שמייכעלט): דו ווייסט נאָך ניט קיין העלפט, ליבער לעגעט. אפילו איך אַליין בין נאָך ווייט־ווייט ניט דערגאַנגען ביז'ן סוף. היינט ביינאַכט זאָג איך דיר צו אַ נייע איבעראַשונג.

ל ע ג ע ט: אַ שטייגער וואָס?

נ ח: איך ערוואַרט דאָ עטלאַכע אידישע פריינט און נאָטאַר־בעלן. און חוץ זיי וועט אויך קומען אַהער רעווערענד אדיסאָן סוירל, רעקטאָר פון דער עפּיסקאָפּאַלישער קירך —

לעגעט: א פארטרעטער פון דער קריסטליכער קירך?

נח: יא — ער קומט אהער פון באפלא צוזאמען מיט׳ן שוואר־צען יאסטרעב, אן עלטסטען פון אן אינדיאנער שבט. (טיר גלאק קלינגט) נו, מ׳הויבט אן קומען. סוירל און דער אינדיאנער ווארטען אין „עלקים קאפ“. איך מוז שיקען נאך זיי.

לעגעט: אין „עלקים קאפ“? גוט. איך וועל זיך אריבער־כאפען אהין.

פיליפס (קומט אריין פון ווארט־צימער): די זקנים פון שבט, מרדכי. בערנארד הארט און דער אלטער דזשעקסאן.

לעגעט: נו, איך געה נאך רעווערענד סוירל און דעם אינדי־אנער. איך וועל זיך ארויסכאפען דורך דער הינטער־טיר, כדי די צוויי אלטע זאלען מיך ניט פארהאלטען. (אב דורך טיר לינקס).

נח (ביי דער טיר פון ווארט־צימער): קומט אריין, מיינע פאר־עהרטע פריינט. איך בין גליקלאך אייך צו זעהן אין מיין ארימער היים (מאכט א ווארע פאר זיי).

הארט: און וואס ווארט אויף אונז דא היינט אווענט?

פיליפס (דעקלאמירט): „פאר אונז און אונזער טראגעדי — בעט מיר אייער סימפאטי — האט רחמנות, הערט אונז צו“. (צו־לאכט זיך) נאר צי דאס וועט זיין א טראגעדיע, צי גאר א קאמעדיע, ווייסט נאר גאט און מיין מרדכי.

נח: אנקעל אהרן! (פויזע) האסט מיר צוגעזאגט העלפען היינט אווענט. א פיליפס מוז האלטען ווארט. (צו די אנדערע) זיצט, הער הארט. זיצט, הער דזשעקסאן.

הארט (זעצט זיך): ליבער נח, דו וועסט מיר מוחל זיין מיין אויפריכטיגקייט. דיין איינלאדונג — נו, שעהן אנגעשריבען — יא — אבער ניט זעהר קלאר. נאר אויב דיין פלאן איז פון וואוילטעטיגען כאראקטער, וועל איך זיכער העלפען.

ד ז ש ע ק ס אַ ן: יאָ! איך אויך. צדקה פאַר אָרימע און ירושה פאַר קינדער — דאָס איז אַלץ וואָס אַ רעספעקטאַבעלער סוחר קען אויפטאָן אין זיין לעבען. בין איך ניט גערעכט?

נ ח: גערעכט, הער דזשעקסאָן, גערעכט! שעהנע סענטימענ־טען! אין דעם פּלאַן וואָס איך וויל אייך פאָרלעגען, וועט איהר אָט די סענטימענטען געפינען — כאָטש אַביסעל אַנדערש ווי מ׳פּאָר־שטעהט זיי געוויינלאַך. די ירושה פון די אָבות; די קינדער פון ישראל. און צדקה מיינט גערעכטיגקייט און ניט דוקא נדבות. (ברייטלאַך) ליבע פריינט, איך פאַרזיכער אייך, אייער פילאָזאָפי איז אויך מיינע. יאָ!

פ י ל י פּ ס: און אויך מיינע! זיכער! (שטיל צו נח׳ן) העלף איך דיר ניט צו? (טיר־גלאָק קלינגט) הויף־מאַרשאַל, געסט קו־מען! (אָב רעכטס).

ד ז ש ע ק ס אַ ן: זיכער ראַבי פּיטשאָטאָ! ער קומט דאָך, נח? (ווינקט זיך איבער מיט האַרט׳ן).

נ ח (לאַנגזאַם): איך האָב איהם ערוואַרט. אָבער — דער אמת איז, אַז אונזער פאַרעהרטער ראַבי ווייסט וועגען מיין פּלאַן און ער זעהט איהם אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט ווי איך. איצט שטעהט די זאַך אַזוי. ראַבי פּיטשאָטאָ — — —

פ י ל י פּ ס (עפענט די גלאָז־טיר): פריינט, רוימער און לאַנדס־לייט, קומט אַריין! אונזער פּאַלאַץ איז אָפען פאַר אייך! (פיהרט אַריין סייסאַס, קאַרדאָזאָ, מאָזעס און פּאַרדאָ).

נ ח: ליבע פריינט! זיצט, זיצט! (באַגריסט יעדען).

פּ אַ ר ד אָ: מיר האָבען האָפענטליך ניט פאַרשפּעטיגט? איך האָב געזאָגט דער חברה, אַז — — —

נ ח: ניין, ניט פאַרשפּעטיגט. מיר אידען האָבען אין אַ געוויסען זין באַזיגט צייט. איינגערע און וועניגער־ערפאַהרענע פעלקער האָבען מורא צו פאַרשפּעטיגען. מיר — אַן אַלט פאָלק — ניט.

פ י ל י פ ס (דעקלאמירט): „ווי גייסטרייך מאנכמאל זיינע ענטפערס זיינען!"

ק א ר ד א ז א: קענסט דיך ניט קלאגען, אז אנקעל אהרן באוואונדערט דיך ניט, נח? הא?

נ ח (לאכט גוטמוטיג): ס'איז מיין גליק וואס ער האט ניט געענדיגט דעם פסוק. ווי געהט עס דארט אין האמלעט, אנקעל אהרן? „ווי גייסטרייך מאנכמאל זיינע ענטפערס זיינען! נאר משוגעת שלאגט זיך אן אויף ענטפערס אזוי פאסיג" (געלעכטער).

פ י ל י פ ס (ווינקט כיטרע): אט דאס זאג איך תמיד: מ'מוז וויסען וואו זיך אפצושטעלען — אפילו אין מיטען פסוק. מרדכי, איין מינוט. (נעהמט איהם אן א זייט) דער הייליגער דערוויש זיצט אין מיין צימער און קראצט זיך די בארד. ווען זאל איך איהם אריינברענגען?

נ ח: ווארט ביז איך וועל דיר זאגען. (געהט צו צום טיש און פארנעהמט דעם שטול אויבען־אן). פריינט, היינט אווענט וועט איהר דא בייוואוינען דעם אנפאנג פון א וויכטיגער פאסירונג. פריינט! די צוקונפט פון אונזער פאלק———

ה א ר ט: ענטשולדיג, ליבער נח. ווען מיינסטו מיט אונזער פאלק? אידען? אמעריקאנער?

נ ח: א ו נ ז ע ר פאלק, הער הארט! דאס אידישע. (פויזע) צעהן יאהר צוריק, ווען דער גרויסער נאפאלעאן האט פארלוירען זיין לעצטע שלאכט אין וואטערלא, האט זיך פאר אידען פון אייראפא אנגעפאנגען דאס מיטעלאלטער אויפ'ס ניי. די „הייליגע אליאנץ" האט ארויפגעלעגט איהר אייזערנעם קנאפעל אויף זייער האלז. זי בענקט נאך די טעג פון דער אינקוויזיציע, נאך געלע לאטעס, נאך ענגע געטאס און אידישע „קאמער־קנעכט". איהר, אייניקלאך און אור־אייניקלאך פון שפאנישע אידען, איהר ווייסט דאך וואס דאס מיינט. איך וועל ניט באליידיגען אייער אינטעלי־

גענץ מיט א לעקציע וועגען די צרות וואס פאר׳מאוס׳ן דעם אידען זיין לעבען; איך וועל ניט וואַרפען קיין חשד אויף אייער לאיאַ־ליטעט מיט אַן ארגומענט וועגען די פליכטען וואס מיר האבען צו די אייגענע ברידער. איך באטראַכט דאס אַלץ פאַר זעלבסט־פאַרשטענדלאך. דענקט איהר ניט, אַז איך וועל טאָן בעסער, אויב איך וועל גלייך צוטרעטען צו׳ן א פראַקטישען פאַרשלאג, ווי אזוי צו לעזען אַט די שווערע פראַגע?

ס י י ם א ס: זיכער! זיכער! (די איבריגע שטימען איין).

נ ח: גוט! (פויזע) ליבע פריינט, איך געה פאַרשלאַגען עפּעס וואס איז זעהר פּשוט און זעהר לאגיש, עפּעס וואס איז זעהר מענשלאַך און זעהר עהרלאך — און אַט פאַרדעם א זעהר געוואגטער פאַרשלאג. (פויזע) איך שלאַג פאַר די באפרייאונג פון אידישען פאַלק! (פויזע) קיינער לאַכט ניט? דער ערשטער גוטער סימן. וועגען די דעטאַלען וועלען מיר שפּעטער ריידען — אויב איהר וועט וועלען.

ד ז ש ע ק ס א ן (האַט דערווייל איינגערוימט האַרט׳ן א סוד אין אויער און ווען יענער הוידעט צו מיט׳ן קאָפּ, טוט ער א הוסט, הויבט אָן רייבען די הענט און רעדט לאַנגזאַם, ווי אין גרוי׳ים פאַרלעגענהייט): ליבער נח, דו וועסט ענטשולדיגען עלטערע מענשען — בערנאַרד האַרט׳ן און מיר — מיר זיינען אַלטע מיטגלידער פון דער קהלה — מיר גיבען צדקה און איך האָף מיר זיינען גוטע אידען — אָבער אין אַזוינע ענינים — א טייערער געדאַנק — קיינער וועט ניט לייקענען —

ה א ר ט: יאַ — אין א געוויסער מאָס, אפילו א וואוילטעטיגער געדאַנק — אָבער —

ד ז ש ע ק ס א ן (כאַפּט אונטער): אַט דאס וואס איך זאַג: אָבער! (קוקט זיך איבער מיט האַרט׳ן; יענער ערמוטיגט איהם) דו געדענקסט, נח, אַז איך האָב דיך באַלד געפרעגט, צי ראַבּי פּיטשאַטאַ וועט דאַ זיין? דו געדענקסט?

נ ח: איך געדענק, הער דזשעקסאָן. איך האָב אייך אַזוי גוט ווי געזאָגט, אַז ניין. נו?

ד ז ש ע ק ס אָ ן: בערנאַרד האַרט, דו הערסט? ניין! ווי אַזוי קענען מיר זיצען דאָ ניט וויסענדיג וואָס ראַבי פּיטשאָטאַ דענקט וועגען אַזאַ זאַך? מ׳קען ניט זאָגען יאָ; מ׳טאָר ניט זאָגען ניין. (הויבט זיך אויף) האַרט׳ן און מיר מוזטו ענטשולדיגען, נח.

נ ח (שמייכעלט): שוין ענטשולדיגט! (הויבט זיך אויף) איך וועל נעהמען מיינע פאַרעהרטע פריינט צו דער טיר. (מאַסקירט זיין צאָרן אין שטרענגער העפליכקייט).

ה אַ ר ט: ׳נעהם ניט פאַר אומגוט, ליבער נח. געדענק, אויב נאָר אַ וואוילטעטיגע זאַך, איז בערנאַרד האַרט׳ס קעשענע תמיד פאַר דיר אָפען.

ד ז ש ע ק ס אָ ן: און מיינע אויך — יאָ! (שמייכעלט ברייטלאַך) ווי געזאָגט, אַ טייערער געדאַנק — אָבער! נו, אַ גוטע נאַכט. (געהט און קעהרט זיך אום) יאָ — מיין אסתר האָט געזאָגט, אַז זי וועט נאָך מיר קומען אַהער. שיק זי באַלד אַהיים, נח. יאָ? אַ דאַנק.

נ ח: איך אַליין וועל זי אָבפיהרען אַהיים — זאָרגט ניט. אַ דאַנק וואָס איהר זענט געקומען. איך האָף, אַז איהר וועט זיין ביי אַ צווייטער זיצונג. די געגנערשאַפט פון ראַבי פּיטשאָטאַ וועלען מיר האָפענטליך באַזייטיגען. ערלויבט מיר אייך צו ערקלעהרען וואָס ס׳האָט פּאַסירט און איהר וועט אייך איבערצייגען, אַז — — —
(אָב ריידענדיג מיט די צוויי אַלטע לייט. פּיליפּס געהט מיט זיי צו דער דרויסען־טיר).

ק אַ ר ד אָ ז אָ (לאַכט נערוועז): דער שפּאַס ווערט געפעהרלאַך. דער אריענטאַלישער שאַרלאַטאַן האָט איהם איינגעשמועסט אַז ער איז דער אידישער באַפרייער. וואָס טוט מען, וואָס?

מ אַ ז ע ס: חברה, דאַסמאָל מוז מען כאַפּען דעם אָקס ביי די הערנער. אַרוים מיט׳ן אמת!

ס י י ס א ם: קארדאזא האט שוין פרובירט — נאך יענעם פארנאכט אין גארטען. נו? האט איהם נח אפילו ניט געוואלט אויסהערען. ביי איהם איז דאס א בלוטיגער ערנסט און ווער ס'וועט וואגען מאכען פון דער זאך א שפאס, מעג פריהער אנ־שרייבען זיין צוואה. דאס שמעקט מיט א דועל; אפשר — מיט עטלאכע.

פ א ר ד א: א דועל? געה שוין, נעה. א פריינטליכער שפאס. חברים — — —

ס י י ס א ם: יאלד! ער וועט אין דעם זעהן ניט נאר א פער־זענלאכע באליידיגונג, נאר אויך א מאוס'ען וויץ אויפ'ן חשבון פון אידען. ער איז זעהר עמפפינדלאך!

מ א ז ע ס: אבער לאזען די זאך געהן ווייטער איז נאך ערגער! סוף־סוף וועט ער זיך דערוויסען, אז ראבי אלמליא האט באקומען טויזענט דאלאר פאר צושטעלען דעם דאקומענט פון די סנהדרין, אז דער פורפור־מאנטעל איז גענעהט פון א נויארקער שניידער. (רייסט זיך די האר) וואס טוט מען, וואס?

ס י י ס א ם: פאר מיר ווייס איך שוין וואס צו טאן. איך געה מיט נח'ן אזוי ווייט ווי ער געהט. (פויזע) ער האט מיר אנ־געבאטען ווערען סעקרעטאר. איך וועל אננעהמען.

פ א ר ד א: נאך אלעמען, א פיינער פארנעהם, עטוואס וואס פארכאפט די פאנטאזיע. ניין?

מ א ז ע ס: הייסט עס, געהט אויך פארדא ביז'ן סוף. (פויזע) איך האב מורא, ס'איז קיין ברירה ניטא. נו — און דו, קארדאזא?

ק א ר ד א ז א: צום טייוועל! פארפאלען, נו! (צולאכט זיך) וואן דארן איז אויך ארייננעקראכען. ער העלפט איצט אפקויפען גרענד איילענד פאר נח'ס קאלאניע; וועט איהם קאסטען א היבשען גראשען.

סייסאס: קוריאָז! דער קאַלטבלוטיגער האַלענדער נעהמט נח׳ס פּראָיעקט ניט וועניגער ערנסט ווי נח אַליין. אונזער שפּאַס באַטראַכט ער פאַר אַ ריינעם צופאַל. ער — — —

פּאַרדאַ (שטיל): ער קומט! שאַ!

נח (נאָכגעפאָלגט פון פיליפּס׳ן, קומט אַריין שמייכלענדיג): ברי־דער, אונזער באַוועגונג ענטוויקעלט זיך נאָרמאַל; זי האָט שוין אַן אָפּאָזיציע אויך. (זעצט זיך) ראַבי פּיטשאָטאָ איז קעגען דעם פּלאַן. זעקס פון די איינגעלאַדענע נאָטאַבלען האָט ער פּשוט ניט געלאָזט קומען אַהער. די צוויי האָט ער געשיקט, כדי זיי זאָלען באַלד אַוועקגעהן. ער וויל מיר ווייזען, אַז ראַבי פּיטשאָטאָ האָט נאָך אויך עפּעס צו זאָגען.

קאַרדאָזאָ: פאַר אַ ראַבי — ניט קיין שלעכטער שאַך־צוג.

נח: אמת! אָבער ער האָט מיר גאָרניט באַוויזען. איך בין זיכער, אַז די אידען פון דער גאַנצער וועלט וועלען די זאַך נעהמען ערנסטער ווי אונזער פאַרעהרטער ראַבי. (פּויזע) און איך, ליבע ברידער, וויל איך שטעלען אַן איינפאַכע פראַגע: זאָלען מיר אָנגעהן מיט אונזער פּראָגראַם פאַר היינט אָווענט?

סייסאַס (שטיל): איך בין גרייט.

נח: און וואָס זאָגסטו, קאַרדאָזאָ?

קאַרדאָזאָ (לאַנגזאַם): דאָס איז ביי מיר אַן עהרען־זאַך, ליבער נח. מיר זיינען פאַרפליכטעט —

מאָזעס און פּאַרדאַ (שאָקלען מיט די קעפּ): יאָ־יאָ! זיכער!

פיליפּס: און מיך דאַרפסטו אפילו ניט פרעגען, מרדכי. מעהר ווי איינמאָל האָב איך ריזיקירט מיט מיין רעפּוטאַציע אין דיינע טעאַטער־שטיק (געלעכטער).

נ ח: (שמייכעלט): היינט אָוועגט וועסטו זעהן אַ פיינעם שפּעקטאַקעל, אַנקעל. מיר ווע‌לען דורכפיהרען אַ קליינע צערע־מאָניע — אַ מין הקדמה צו אַ נייעם קאַפּיטעל אידישע געשיכטע. איהר, פריינט, און איך, וועלען זיין די גליקלאַכע, וואָס וועלען דעם קאַפּיטעל אָנהויבען שרייבען. (לעגט צונויף די הענט ווי תפלה צו טאָן) מעג אונז גאָט געבען קראַפט ניט נאָר צו טאָן די גרויסע אַרבייט, נאָר אויך איבערצוטראָגען דעם שפּאַס פון די האַרטע און פון די קורצזיכטיגע.

מ א ז ע ס: (גאַנץ שטיל צו סייסאַם): דו הערסט? דאַכט זיך, אַז ער ווייסט.

ס י י ס א ם (גיט איהם אַ שטאַרך אין ריפּ מיט׳ן עלענבויגען): שאַ! (הויך) אָמן!

נ ח (בייגט זיך אַריבער צו איהם): סייסאַם, דיין „אָמן" איז געווען מעהר ווי אַ פאָרמאַליטעט. הייסט דאָס, אַז דו נעהמסט אָן מיין פאָרשלאַג צו ווערען דער סעקרעטאַר?

ס י י ס א ם: ס׳וועט מיר זיין אַ כבוד.

נ ח: אַ דאַנק. איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיר ניט אָפּזאָגען. (מיר גלאָק קלינגט) דאָס איז זיכער לעגעט מיט מיינע צוויי געסט. (צו פיליפּס׳ען, וואָס געהט עפענען די טיר) דערשרעק דיך ניט ווען דו וועסט דערזעהן אַ פול־בלוטיגען אינדיאַנער מיט אַ טאַמאַהאָק אין האַנט.

ד י פ י ר ב ח ו ר י ם: אַן אינדיאַנער?

נ ח: יאָ. (שמייכעלט) זייט איך האָב מיט אייך גערעדט, האָט מיין אידעע ענטוויקעלט נייע פּאָזען און — זעהר אינטערעסאַנטע. אָט זיינען זיי! (הויבט זיך אויף צו באַגריסען סוירל, לעגעט און שוואַרצען יאַסטרעב) איך בין גליקלאַך אייך צו זעהן אין מיין הויז. באַקענט אייך. סעמיועל לעגעט, רעווערענד אַדיסאָן סוירל —

סוירל (פארנייגט זיך): מאיאר נח, ערלויבט מיר אייך פארשטעלען מיין אינדיאנער פריינט. פאר אייך שטעהט שווארצער יאסטרעב, עלטסטער פון זיין שבט, מוטיגער קעמפפער פאר דער פרייהייט פון רויטען מענש, הויך געשעצט ביי דעם בעראטונגס־פייער פון די עלטסטע. ער ברענגט א ווארימען גרוס פון זיין שבט און פון די פינף נאציאנען צום אידישען פאלק און זיינע עלטסטע.

יאסטרעב (ברומט): או־הו! מאן־פון־גאט סוירל רעדט אמת. שווארצער יאסטרעב, זיינע ברידער, אלע וואס זיצען ביים פייער פון פינף נאציאנען — אלע פריינט פון גרויסען איד־שבט — אלע פריינט פון עלטסטען מאר נואה!

נח: מיר האבען געהערט די רייד פון שווארצען יאסטרעב מיט פרייד. זייער באטייט געהט פיל ווייטער ווי איהר שטעלט אייך פאר. ניט בלויז אלס שכנים קומען מיר צו איהם און צו זיין פאלק נאר אויך אלס ברידער, אמת׳ע בלוט־ברידער — — —

קארדאזא: האב איך ריכטיג געהערט? בלוט־ברידער — מיר און די אינדיאנער?

נח: בלוט־ברידער! צוויי טויזענט פינף הונדערט יאהר זיינען מיר געווען צושיידט — —

סייסאס: די פארלוירענע צעהן שבטים?

נח: ריכטיג — די וואס שלמנאסר האט פארטריבען קיין אשור. פון דארט האט זייער וואנדער־וועג זיך געצויגען איבער פערזיע און די קירגיזישע סטעפעס, איבער מאנגאליע און קאמטשאטקא ביז דער בערינג־פאס האט זיי געגעבען א מעגליכקייט צו געפינען א היים אין דער נייער וועלט. רעווערענד סוירל האט פיל שטודירט וועגען דער פראגע און ער ווייסט.

סוירל: זיכער — די פאקטען ריידען פאר זיך אליין! נעהמט, צום ביישפיל, די עהנליכקייט פון רעליגיעזע באגריפען,

פון זיטען און מנהגים. די גאָט־אידעע איז בייביידע גרופען כמעט דיזעלבע. זייער גרופירונג אין שבטים, די צערעמאָניעס פון חתונה און גט, פון פאַסטען און רייניגען זיך — אַלץ ווייזט קלאָר אויף אידישער אָפּשטאַמונג. ווייסט איהר, אַז זיי האָבען ערי מקלט, פּונקט ווי ס'איז פאַרגעשריבען אין אַלטען טעסטאַמענט? יאָ — אונזער פאָרעהרטער נח איז אויף דער ריכטיגער שפּור.

ל ע ג ע ט: מיינט עס, אַז דאָס אידישע פאָלק איז געווען דאָס ערשטע צו באַזעצען זיך אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. לויט אַלע באַגריפען פון יושר איז דאָס לאַנד זייער ירושה — די ירושה פון אידען.

נ ח: ניין, לעגעט. איך זוך ניט צו שאַפען אַזאַ איינדרוק. אבער איין זאַך איז קלאָר. די גרויסע אידישע מאַסען מוזען קומען אַהער אויף אַ באַזיס פון רעכט און ניט פון חסדים. דאָס איז זעהר אַ וויכטיגער פּונקט אין אונזער אַרבייט.

ק א ר ד א ז א: איך האָב מורא, אַז מיר געהען אויף אַ גליטשיגען וועג. לעגעט איז געקומען צום ריכטיגען שלום. צי מ'וויל שאַפען דעם איינדרוק צי ניין — דער איינדרוק איז דאָ.

נ ח: איך פאַרשטעה ניט וואָס דו ווילסט, קאַרדאָזאָ. רעד קלאָר!

ק א ר ד א ז א: גוט! (פּויזע) איך בין אַ פריינט פון די אינדיאַנער. איך האָף, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלען ווערען אַן אינטעגראַלער טייל פון אונזער רעפּובליק. אבער — דער בלוטיגער אויפשטאַנד פון טעקומזעה איז נאָך פריש אין זכרון און — — —

י א ס ט ר ע ב (הויבט זיך אויף; ברומט): טעקומזעה — גרויסער העלד! אינדיאַנער בלייבען געטריי זיך, זאָגט מעקומזעה. ער און ברודער עלסקוואַטאַווא, דער וואָס זעהט — ביידע העלדען! ביידע זאָגען — פרייהייט! שוואַרצער יאַסטרעב, מיט זיי, זאָגט פרייהייט!

קארדאזא (אויפגערעגט): שווארצער יאסטרעב האט שוין פאר מיר גערעדט!

נח (שטעהט אויף, זיין פנים הארט און א פליהענדיג פייערל אין אויג): איז דא ווער צווישען אייך, וואס צווייפעלט אין מיין פא־טריאטיזם? דענקט ווער פון אייך, אז איהם איז אמעריקא טייערער ווי מיר? אויב יא — זאל ער ריידען! (פויזע).

פיליפס (צוקאכט): אין וויסען הויז איז געווען אמאל איינער, וואס האט געוואגט דאס צו זאגען קעגען מיין מרדכי, איז ער פארשאטען געווארען מיט פראטעסטען.

נח (ארמטאריש): יא — פרעזידענט מאנרא האט בלויז אינ־סינואירט, אז מיין אידישקייט איז א שטערונג צו מיינע פליכטען אלס שטאאטסמאן און פאטריאט און איך — מיט דער הילף פון גאט! — איך האב איהם געצוואונגען אויפעסען זיינע אייגענע ווערטער. די מאנרא־דאקטרין פון רעליגיעזער אומטאלעראנץ איז טויט!

קארדאזא (מורמעלט): ניט דאס האב איך געמיינט. איך האב פשוט מורא פאר דעם איינדרוק וואס אזא פארבינדונג קען מאכען — — —

נח: ניטא וואס מורא צו האבען, ליבער פריינט. ניטא! דאס איז ניט קיין פאליטישער בונד, נאר א בונד צווישען ברידער. די בירגער פון אמעריקא וועלען דאנקבאר זיין פאר דער פרידליכער שטימונג וואס וועט געשאפען ווערען אויף די פראנט־גרעניצען פון לאנד. היינט אווענט וועלען מיר לעגען דעם גרונטשטיין פון פריי־דען און גערעכטיגקייט. אונזער איינפאכע צערעמאניע וועט געבען פולען אויסדרוק צו אונזערע עהרליכע אבזיכטען, צו אונזער דער־האבענעם שטרעבען. אנקעל אהרן, זיי אזוי גוט און פארבעט ראבי אלמליא אהער.

פיליפס (מורמעלט): מיר פאנגען אן. פארהאנג אויף! (אב דורך טיר לינקס).

לעגעט (ענטוזיאַסטיש): מיר האָבען שוין אַזוי גוט ווי געקויפט — — — (וואַרפט אַ פרעגענדיגען בליק אויף נח׳ן).

נח: דערצעהל, לעגעט, דערצעהל. אונזער דיפּלאָמאַטיע איז ניט קיין געהיימע.

לעגעט: מיר האַלטען אין קויפען גרענד איילענד לעבען באַפאַלאָ. מיר פאַנגען גלייך אָן צו קאָלאָניזירען אויף צוויי פּונקטען. די ערשטע ריין־אידישע שטאָדט וועט הייסען אררט. (געריהרט) פריינט, מיין הארץ איז פול מיט פרייד וואָס איך האָב דערלעבט דעם גרויסען טאָג.

נח: איידער די בלעטער וועלען ברוין ווערען וועט דער גרונטשטיין פון אררט זיין געלעגט. איהר אַלע וועט זיין מיט מיר — — — (שטעהט אויף) אָט איז ראבי אלמליא!

שד״ר (קומט אַריין מיט פּיליפּס׳ן, וואָס טראָגט איהם נאָך אַ קליין טאָרבעלע; ער פאַרנייגט זיך טיף): גאָט מיט אייך, איהר הארען! (צו נח׳ן) דער קנעכט וואַרט אויף דעם וואָרט, פיהרער און וועגווייזער!

נח: ראבי אלמליא קומט צו מיר פון די ברידער אין הייליגען לאַנד; ער קומט — מיך דערמאָנען מיין פליכט. (צום שד״ר) איך האָב געהערט דעם געשריי פון די ברידער און איך וועל ענטפערען. (פויזע; אָראַטאָריש) מיר וועלען — דאָ און איצט — מאַכען דעם ערשטען שפּאַן. אָט שטעהט פאַר אייך איינער — דער סימבאָל פון אונזער פאָלק. די תורה איז זיין נשמה; פרידען — זיין באַגעהר און אנגע׳שכור׳ט איז ער מיט דעם געדאַנק פון גאָט. (געהט צו צום שוואַרצען יאַסטרעב) און דאָ שטעהט פאַר אייך דער סימבאָל פון פרייהייט, צוגעבונדען מיט אַלע זיינע חושים צום גרויסען אור־וואַלד — איינער וואָס איז געבליבען ריין פון דעם זינד־און־אַמביציע טומעל פון אונזער צייט. אָט די צוויי כוחות — העכסטע קולטור און ריינסטע קראַפט — וועלען, דורך אַ גליקלאכער פאַראייניגונג,

די וועלט באַפרייען. איך פּראָקלאַמיר דעם גרויסען סינטעז! קומט נעהענטער און ווערט איינס, איהר ברידער! (ער פיהרט זיי צונויף) און דו, לעגעט, תלמיד פון דעם מאַן פון נצרת, וואָס האָט ליב געהאַט אַהן גרעניץ; דו, סימבאָל און ביישפּיל פון דעם וואָס די גרויסע קריסטלאַכע וועלט שטרעבט צו ווערען; דו קום און זיי דער דריטער אין דעם הייליגען בונד. (פיהרט לעגעט'ן צו די אַנדערע צוויי).

פ י ל י פ ס (טראָגט אונטער אַ טלית; שטיל): מרדכי, פאַרגעס ניט דעם טלית.

נ ח: העלף מיר, סוירל. (ער און סוירל וויקלען פאַנאַנדער דעם טלית און הילען איין די דריי; אין אַ פייערליכען טאָן) אין נאָמען פון אייביגען און ליכטיגען גאָט, וואָס האָט באַשאַפען דעם מענש אין זיין געשטאַלט, פּראָקלאַמיר איך איצט דעם בונד פון אַלע מענשען־קינדער אין פרייהייט, אין דערהאָבענעם שטרעבען, אין קעגענזייטיגער ברודער־ליבע!

ס ו י ר ל: אין אַלע אייביגקייטען! אָמן.

ד י א נ ד ע ר ע: אָמן! אָמן!

י א ס ט ר ע ב (נעהמט אַרויס אַ וואַמפּום־גאַרטעל; דערלאַנגט איהם נח'ן): מאַר נואה דעם עלטסטען, פון שווארצען יאַסטרעב און זיינע ברידער. פון היינט אָן, מאַר נואה און איר־שבט — ברידער צום רויטען מאַן, ברידער אויף וואַלד־שליאַך, ברידער ביים גרויסען וואַסער, ברידער ביים פייער פון די עלטסטע! אַזוי רעדט שווארצער יאַסטרעב. דאָס — דער צייכען!

ש ד " ר (פאַרנייגט זיך טיף): גרויסער האַר, אויסדערוועהלטער! אויך איך ברענג צייכען — פון די וואָס ווארטען אויף דיין ווארט. (נעהמט פון טאָרבעלע אַ צונויפגעוויקעלטען פאַרמעט) נשיא און פיהרער זאָלסטו זיין — אַזוי זאָגט די שריפט. (נעהמט ווייטער אַ פורפורענעם, הערמאַלין־פאַרברעמטען מאַנטעל און אַ גאָלדענע האַלז־קיים

און דערלאַנגט זיי נח׳ן) זאָלען אַלע אויגען זעהן די גרויסקייט פון דעם וואָס טראָגט דעם מאַנטעל און זאָלען אַלע קני זיך בויגען צו דעם וואָס די קייט איז זיינע! (קניעט און קושט נח׳ס האַנט).

ל ע ג ע ט (שרייט) לעבען זאָל נח! לעבען זאָל דער באַפרייער!

ד י אַ נ ד ע ר ע: לעבען זאָל נח! (רינגלען איהם אַרום און באַגריסען איהם וואַרים).

ק א ר ד אַ ז אַ (אָן אַ זייט צו מאָזעס): שעהן פאַרקראַכען! אַ רעגעלמעסיגע קאַראַנאַציע!

מ אַ ז ע ס: שטיל! ער האַלט אויף אונז אַן אויג. (געהט שנעל צו איהם באַגריסען).

נ ח: איך וויל ניט פאַרשוועכען דעם הייליגען מאָמענט מיט ווערטער. (פויזע) איך בייג מיין קאָפּ פאַר דעם ווילען פון גאָט. (שטיל) מיין האַרץ איז פול צום איבערגעהן..

ס ו י ר ל: פריינט, לאָמיר ענדיגען דעם וואונדערלאַכען אָווענט אין מאָמענט פון העכסטען עקסטאַז. (מיסטעריעז) איך פיהל, אַז די שטים פון גאָט וויברירט איצט אין האַרץ פון אונזער פיהרער. זאָל ער בלייבען אַליין און זיך פאַראייניגען מיט זיין באַשעפער. קומט! (ער און די אַנדערע אָב. פיליפּס באַגלייט זיי צו דער טיר, רעכטס).

נ ח: זאָל גאָט באַלייכטען אייער וועג. אַ גוטע נאַכט. (ער שטעהט מיט אַ פאַרקלערטען שמייכעל אויף זיין פּנים ביז די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער זיי. ער געהט דאַן צום טיש, באַטראַכט מאַנטעל און גאָלדענע קייט און וויקעלט אויף דעם פאַרמעט־בויגען. פויזע. ער קוקט זיך אַרום, טוט דאַן אָן מאַנטעל און קייט, נעהמט דעם פאַרמעט אין האַנט און שטעלט זיך פאַר׳ן שפּיגעל. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר, לינקס. ער טוט אַ ציטער און בלייבט אַ סעקונדע אין גרוים פאַרלעגענהייט. דער קלאַפּ ווידערהאָלט זיך און ער עפענט די טיר) אַ! אסתר דזשעקסאָן!

אסתר (בלייבט שטעהן אין מיר; שטיל): איך באדויער וואס איך שטער. (א האלב־סארקאסטישער, האלב־טרויעריגער שמייכעל באווייזט זיך אויף איהר פנים).

נח (גאלאנט): קומט אריין, קומט אריין. אייער פאטער האט מיר געזאגט, אז איהר וועט אפשר קומען. אבער ער איז שוין אוועק אהיים. איך באדויער וואס ער — — —

אסתר: איך ווייס, ער און בערנארד הארט זיינען פריה אנטלאפען.

נח: א, איהר ווייסט?

אסתר (שמייכעלט): די צוויי חברים זיצען אויף דער וועראנדא און ריידען נאר אלץ וועגען אייך און אייער פאנטאסטישען פראיעקט. זיי האבען נאטירלאך ניט געוואוסט, אז איך הער אונטער. מאיאר נח, איהר האט זיי שטארק צוטומעלט!

נח: איך פארשטעה. אבער — ערלויבט מיר פרעגען — וואס האט אייך באוואויגען צו קומען אהער אזוי שפעט, אויב איהר האט געוואוסט, אז אייער פאטער איז דא ניטא?

אסתר (מיט א קאפריזנע לאך): גאט מיינער! פארוואס מוזט איהר מיך ברענגען אין א פארלעגענהייט? ווען א מיידעל גנב'עט זיך ארויס דורך איין הינטער־טיר און גנב'עט זיך אריין דורך א צווייטער, ווייל זי וויל זעהן — אדער ריידען — — —

נח (נעהמט זי ביי דער האנט): א, אסתר, וואונדערלאך באשעפעניש!

אסתר (טרויעריג): שוין קוים זיך געכאפט, מאיאר נח. (פויזע; זאכליך) איצט הערט מיך אויס א מינוט. איך בין געוויינטלאך ניט שטארק באאיינפלוסט פון מיין פאטערס מיינונגען. דאס מאל, אבער, האב איך מורא, איז ער גערעכט. ער ווייסט פיל מעהר וועגען דעם פראיעקט ווי ער האט אייך דערצעהלט. איז עס דאך דער געשפרעך פון טאג און — און — גאט! מיר איז פיינליך ריידען וועגען דעם.

נ ח (פינסטער): מ׳לאַכט, האַ? מ׳לאַכט!

א ס ת ר: און דער געלעכטער טוט וועה.

נ ח: דיר, אסתר?

א ס ת ר: מיר. (פויזע) מאַיאָר נח אַלס משיח, אַמעריקאַנער סטיל; מאַיאָר נח אין אַט דעם קעניגלאַכען מאַנטעל מאַרשירענדיג איבער די גאַסען פון נויאָרק. עס וועט זיך אנפאַנגען אַן ארגיע פון חוזק־מאַכעריי וואָס וועט איהם אויף אייביג אַבשטעמפּלען —

נ ח: אַלס אַ נאַר. איך פאַרשטעה דיך, אסתר. (פויזע) דו ביזט שעהן און קלוג און בראַוו. איך וויים דאָס. אין מיינע רוהיגערע מאָמענטען האָב איך מעהר ווי איינמאָל געטראַכט צו געהן צו דיר און דיך בעטען ווערען דער חבר פון מיין לעבען. איצט דאַנק איך גאָט, וואָס איך האָב דעם מוט ניט געהאַט דאָס צו טאָן. אסתר דזשעקסאָן טאָר ניט פאַרבינדען איהר שיקזאַל מיט איינעם וואָס איז אין סכנה אויסגעלאַכט צו ווערען אַלס פּאַיאַץ.

א ס ת ר (עטוואָס צוטומעלט): אָבער, מרדכי, איך בין ניט געקומען אַהער דו זאָלסט מיר זאָגען — פאַרוואָס דו ווילסט מיך ניט. איך בין געקומען דיך בעטען ניט אומעגלאַך מאַכען אַ חלום, וואָס שפינט זיך אין מיין האַרץ, וואָס ———

נ ח: אסתר, דו ביזט דער ערשטער גרויסער נסיון אויף מיין נייעם וועג. (פויזע) אַלץ וואָס איז מיינס, אַלץ וואָס איך האָב דערגרייכט, וואָלט איך מיט פאַרגעניגען אַוועקגעוואָרפען פאַר דעם רעכט דיך איצט צו נעהמען אין מיינע אָרעמס און דיך רופען מיינע — מיינע! אָבער ווער עס ווערט אויסגעקליבען אַלס אַ ווערק־צייג פון גאָטס ווילען, דער האָט קיין ברירה ניט. מ׳שיקט און איך מוז געהן. (וויקעלט אויף דעם פּאַרמעט) אַ באַפעהל, אסתר. מיין פאָלק רופט. דער גאָט פון ישראל וויל! דו און איך וועלען מוזען באַהאַלטען אונזער חלום טיף אין האַרץ און איבערטראָגען אונזער

גורל שווייגענדיג. (בייגט זיך אָן און קושט איהר האַנט; מיט טרעהרען אין קול) זאָל דיך גאָט באַשיצען, אסתר.

אסתר (געריהרט): און קרוינען דיין ארבייט מיט ערפאָלג. אַ גוטע נאַכט!

נח: וואַרט, אסתר. דו וועסט דאָך ניט געהן אַליין? (נעהמט זיך אויסטאָן דעם מאַנטעל).

אסתר (כמעט היסטעריש): ניין, ניין, ניין! ניט היינט ביינאַכט! ניט איצט! (שנעל אָב).

נח (שטעהט עטליכע סעקונדען שטום; טוט זיך פּלוצים אַ וואַרף אויף די קני): גרויסער גאָט פון ישראל, שטאַרק מיך! מיינע ברידער וואַרטען! דיין קנעכט איז גרייט! איך וועל דיך דינען מיט מיין גאַנצען האַרץ, מיט מיין לעצטען אָטעם — נאָר פאַרלאָז מיך ניט! פאַרלאָז מיך ניט! (בייגט טיף דעם קאָפּ).

(פאָרהאַנג).

דריטער אקט.

מזרח־ברעג פון איריע־אַזיערע אין באַפּלאַ.

אַ גראַמער, הילצערנער באַראַק — וואַרשטאַט פון סעט טשעפּין, שטיין־קריצער — איצט הויפּט־קוואַרטיר פון ארדט־פּאַראַד.

אין ווינקעל, רעכטס און הינטערגרונט, שטיינער — רויהע, האַלב געטעסעטע און פאַרטיגע מצבות. אויף אַ גע־שטעל, אַ מאַסיווער זאַמד־שטיין מיט פאָלגענדער אויפ־שריפט:

שמע ישראל יי אלהינו
יי אחד

ארדט
אַ צופלוכטס־שטאָדט פאַר די אידען

געגרינדעט פון מרדכי מאַנועל נח אין חדש תשרי 5586 סעפּט. 1825 אין 50טען יאָהר פון אַמעריקאַנער אונאָב־הענגיקייט.

רעכטס — אַ טיר אין דרויסען אַרויס. לינקס — עט־לאַכע טרעפּ און אַ טיר צו טשעפּינס וואוינונג. אין הינ־טערגרונט — אַ גרויסער טויער פאַר׳ן אַריינפאָהר פון שווער געלאַדענע וואַגענס. ווען דער טויער איז אָפען פאַלט דאָס אויג אויף דער איריע־אַזיערע — די ברעגעס פאַרברעמט מיט דעם גאָלד און ברוין פון אַ פריהען אָסיען.

פאַהנען און שטאַנדאַרטען פון די פאראייניגטע שטאַ־טען, שטאַאַט נויאָרק, פריימוירער גרופּען, מיליטערישע און בירגערלאַכע אָרגאַניזאַציעס שטעהען אַרום די ווענט.

אַ טיש מיט שטולען. אויפ'ן טיש, אין פּאַראַד פאַר־
מאַציע, קליינע בליי־מענטשעלאַך פון אַלערליי קאָלירען.

טשעפּין (ביים געשטעל, קלאַפּט מיט האַמער און דלאָט. באַלד שטעלט ער זיך אָפּ און באַטראַכט קריטיש זיין אַרבייט): נו, נאָך עטלאַכע קלאַפּ און איך בין פאַרטיג. (פויזע) הייסט עס — מ'קען קריצען דאָס גאַנצע לעבען פון לינקס אויף רעכטס, מיט אַמאָל זיך איבערקוליען און קריצען פון רעכטס אויף לינקס. אמת — די האַנט איז לאַס, דאָס אויג וויל ניט נאָכגעהן. סעט טשעפּין אָבער ווייסט ווי צו דיסציפּלינירען האַנט און אויג. אַז ער וויל, וויל ער! און ער האָט אויסגעקריצט! און נאָך וואָס אויסגעקריצט. ניט קיין מצבה פאַר אַבי־וועמען, ניט קיין לעצטע באַרימעריי פאַר עפּעס אַ מענשעלע — נאָר אַ מאָנומענט, אַ גרונטשטיין, אַן אָנפאַנג פון אַ גרויסער זאַך! (לייענט) „אררט — אַ צופלוכט־שטאָדט פאַר די אידען — געגרינדעט פון מרדכי מאַנועל נח אין חדש תשרי 5586 — סעפּטעמבער 1825, אין פופציגסטען יאָהר פון אַמעריקאַנער אונאָב־ענגיגקייט”. דו פאַרשטעהסט, סעט? אַ נייע שטאָדט פאַר אידען, אפשר גאָר אַ נייע רעפּובליק מיט שופטים און נביאים, אַזוי ווי ס'איז באַשריבען אין אַלטען טעסטאַמענט. און איך, סעט טשעפּין, שטייז־קריצער פון באַפאַלאָ — איך האָב צוגעגרייט דעם גרונטשטיין. (פויזע) די אידען, זאָגט מען, האָבען אַ לאַנגען זכרון — סיי פאַר פריינט, סיי פאַר שונאים. אויב אַזוי, בין איך פאַראייביגט. די אידען וועלען ניט פאַרגעסען דעם וואָס האָט געטאָן די ערשטע ממשות־דיגע אַרבייט פאַר זייער רעפּובליק — דעם וואָס האָט געאַרבייט סיי פון לינקס אויף רעכטס, סיי פון רעכטס אויף לינקס. סעט, איך גראַטוליר דיר! ביזט אַריין אין דער היסטאָריע! און מעהר ווי דאָס האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אויך ניט דערגרייכט. (נעהמט זיך ווידער צו דער אַרבייט; שטעלט זיך באַלד ווידער אָב; רעפלעקטיוו) אַ גאַנץ לעבען האָב איך געקריצט קליינע, לעפּלאַכע שקרים־לאַך פאַר טויטע מענשעלאַך. (פויזע) איז מעגלאַך, אַז דער אררט־

שטיין איז אויך ניט מעהר ווי אַ קליין, לעפּלאַך שקר׳ל? האַ? וואָס־זשע וועט ווערען מיט דער היסטאָריע? (כאַפּט זיך קלאַפּען מיט אימפּעט) צום טייוועל מיט דער היסטאָריע! טו דיין אַרבעט, סעט, און ווער פאַרטיג!

(די טיר פון טשעפּינס וואוינונג עפענט זיך און עס קומען אַרונטער די טרעפּ סייסאָס און פיליפּס. דער ערשטער — אין פראַק און צילינדער; דער צווייטער אין אַ פאַנטאַסטישען לואי־פערצעהנטען קאָסטיום. זיי גריסען טשעפּינגען און געהען צו צום טיש).

ס י י ס א ס: די פּראָקלאַמאַציע איז אַ וואונדערלאַכער דאָקו־מענט. זי וועט אויפרודערן אַ וועלט.

פ י ל י פּ ס: שרייבען קען ער, מיין מרדכי. נאָר לייענען וואָלט ער זי מיר געמעגט געבען. (פּאָזע פון אָראַטאָר; דעקלאַמירט) „היות ווי דער אַלמעכטיגער גאָט האָט געוואָלט אַנטפּלעקען צו זיין פאָלק אַז געקומען איז די צייט צו דערפילען די הבטחות צו די קינדער פון יעקב און אַז — און אַז — —". ווי געהט דאָס ווייטער, סייסאָס?

ס י י ס א ס (לאַכט): איהר פאַלט אַרויס פון אייער ראָלע, אַנקעל אהרן. די פּראָקלאַמאַציע וועט נח אַליין לייענען. אייער אַרבייט — איז אַראַנזשירען די פּראָצעסיע.

פ י ל י פּ ס: שוין אַראַנזשירט. (ווייזט אויף די בלייערנע מענ־שעלאַך) אָט איז זי! נעכטען ביז האַלבע נאַכט רעפּעטירט, איינ־שטודירט, אויסמושטירט. אָט איז דער גראַנד מאַרשאַל און אָט איז זיין פערד. נאָך איהם — די קאַפּעליע. (זינגט) לאַ, לאַ־לאַ, לאַ, לאַ־לאַ! איצט קומט דאָס מיליטער — פאָהנען־טרעגער און וואַך, ערשטע קאָמפּאַני, צווייטע, דריטע. ריכטיג? דערנאָך — די בירגער מיט שטאַנדאַרטען. אָבער דער פּונקט איז ניט קלאָר. זאָג נאָר, הער סעקרעטאַר, וויפיל וועלען זיין די אַזוי־גערופענע בירגער?

ס י י ס א ס: מעהר וויפיל מיר האָבען ערוואַרט. איבער צוויי טויזענט געסט זיינען שוין דאָ. מ׳זאָגט מיר, אַז פון נויאָרק

אליין זיינען הײנט אין־דער־פריה אנגעקומען זעקס געפּאַקטע די־ליזשאַנסען. מ׳פאָהרט פון אַלע זייטען.

פ י ל י פּ ס (רייבט די הענט פאַר פרייד): גוט! פיין! אונזער שפּעקטאַקעל וועט זיין אַן ערפאָלג.

ס י י ס א ס: איילט אייך צו, אַנקעל אהרן. קוינעל פּאַטער, אונזער גרענד מאַרשאַל, וואַרט אויף אייך, איהר זאָלט צונויפ־שטעלען די פּראַצעסיע. (טוט אַ קוק אויף זיין זייגערעל) שוין נאָר ניין!

פ י ל י פּ ס: געוואַלד! די פּראַצעסיע פאַנגט אַן פּונקט צעהן! (לאָזט זיך געהן; קומט צוריק) פאַרגעסען עפּעס. וואָס האָב איך פאַרגעסען, סייסאס? זאָל זיין, נו! (לויפט צו דער טיר; קעהרט זיך ווידער אום) אהאַ! זיך דערמאַנט. זעה נח זאָל אַנטאָן דעם קעניגלאַכען מאַנטעל איידער ער באַווייזט זיך אין דרויסען! און די קייט! סייסאס, פאַרגעס ניט! (אָב).

ט ש ע פּ י ן (קריכט אַרונטער און הויבט אָן אויסטאָן זיינע אַרבייטס־קליידער): הער סעקרעטאַר, דער גרונטשטיין איז פאַרטיג. נאָר וואָס געענדיגט דעם „אהאַד“.

ס י י ס א ס: געענדיגט דעם וואָס? „אהאַד“? אַ, דעם „אחד“! (באַטראַכט דעם שטיין) גוט, הער טשעפּין, זעהר גוט! (לייענט די אויבערשטע שורה) „שמע ישראל — אדוני אלהינו — אדוני — אחד“. ווען איהר זאָלט וויסען, הער טשעפּין, די טראַגעדיע פון פייער און בלוט אַן וועלכער די פאַר ווערטער דערמאַהנען — — (קען ניט ענדיגען; ווישט בגנבה אָב אַ טרעהר).

ט ש ע פּ י ן (האָט דערוויילע אַנגעטאָן אַ מונטיר מיט גאָלד־פּאָד־מאַנטער): סעט טשעפּינ׳ס מזל. סיי ער קריצט פאַר מענשען וואָס זיינען שוין ניטאָ, סיי פאַר שטעדט וואָס זיינען נאָך ניטאָ — אַז מ׳קוקט אויף זיין אַרבייט, וויינט מען. (שלעפּט אַרויס פון אַ קאַסטען אַ גרויסע, מעשענע טרובע) און איך — מוז געהן שפּילען.

ניטאָ קיין בעסערע זאַך פאַר אַ מצבה־שלעגער ווי שפּילען אין אַ קאַפּעליע. איהר וועט נאָך הערען פון מיר, הער סעקרעטאַר, ווייל מיין טרובע איז די גרעסטע אין באַפּלאַ און אָהן איהר זיינען פּראַצעסיעס קיין פּראַצעסיעס ניט. (אָב רעכטס).

ס י י ס א ס (נעהמט אַ סאַמעטענע דעק, אויסגעווירקט מיט פאַנ־טאַסטישע פיגורען, און הילט איין דעם גרונטשטיין).

נ ח (באַווייזט זיך אין טיר, לינקס): סייסאַס, איך האָב פאַר דיר אַן איבעראַשונג. **דו וועסט אונטערשרייבען די פּראָקלאַמאַציע** צוזאַמען מיט מיר.

ס י י ס א ס (מיט פרייד): ליבער נח, דאָס איז צופיל כבוד פאַר איינעם וואָס איז בלויז ———

נ ח: קיין וואָרט ניט, סייסאַס! דאָס איז דער ערשטער אָפיציעלער דאָקומענט פון אררט און די חתימה מוז טראָגען דעם טראַדיציאָנעלען כאַראַקטער. אַט אַזוי: פון דעם שופט — דער נאָמען איז ניט נויטיג. דערנאָך: א. ב. סייסאַס, צייטווייליגער סעקרעטאַר. (דערלאַנגט איהם די גענזענע פעדער) נו, שרייב!

ס י י ס א ס: אַ גרויסער מאָמענט, נח, אַ גרויסער מאָמענט! (חתמ׳עט זיין נאָמען).

(סוירל און לעגעט קומען אַריין, רעכטס, און גריסען).

נ ח: פריינט, סייסאַס האָט נאָר וואָס גע׳חתמ׳עט אונזער פּראָקלאַמאַציע. גאָר פאַרגעסען. איהר האָט נאָך דעם דאָקומענט ניט געלייענט ——— וואָס איז געשעהן, לעגעט? פאַרוואָס די וואָלקענס אויף דיין ליבען פּנים?

ס ו י ר ל: מיר זיינען אין אַ שרעקלאַכער פאַרלעגענהייט. פון די זיבען שיפען וואָס מיר האָבען געדונגען, האָבען זיך באַוויזען בלויז צוויי — קוים גענוג אַריבערצופיהרען דריי־פיר הונדערט מענ־שען און דאָ וואַרטען איבער צוויי טויזענט.

ל ע ג ע ט: איך בין זיכער, אז עמיצער האט די קאפּיטאַנען באַצאַהלט פאַר ניט קומען. (פאַרצווייפעלט) ווי אזוי וועלען מיר היינט אריבער אויף גרענד איילענד?

נ ח (מיט אַ פינסטערן בליק): איז ראַבי פּיטשאַטאַ אין באפלא? אדער עמיצער פון זיינע נאָהענטע מענשען?

ל ע ג ע ט: וואס איז דער חלוק? אויב מיר קענען ניט אויפדעקען דעם גרונטשטיין אין אררט, וועט די פּראַצעסיע ווערען לעכערלאַך. ענטשולדיג, איך וויים ניט——

נ ח: אבער איך וויים! סייסאַס, ווען קריגען מיר דעם קאַנאנען־סאַלוט פון דער פעסטונג צו באַגריסען די גרינדונג פון אררט?

ס י י ס א ס: צעהן אזייגער.

נ ח: גוט! צעהן אזייגער פאַנגען מיר אַן. (מיט אַ געהיימניספאָר־לען לאַך) ליבער לעגעט, ווען אַלע וואַלטען געגלויבט אין דער גרויס־קייט און היילינקייט פון אונזער זאַך, אזוי ווי דו און איך, וואַלט אונז היינט גאָט ווידער באַוויזען דעם אַלטען וואונדער. זיינען די וואַסערען פון איריע ניט זיינע פּונקט ווי די וואַסערן פון רויטען ים? און פיהרען מיר ניט זיין פאָלק פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט פּונקט ווי משה האט דאָס געפיהרט?

ס ו י ד ל: יאַ — אמת׳ער גלויבען קען טאָן וואונדער. ווער ווייסט דאָס נאָך בעסער ווי איך? אָבער — ווי אזוי קען מען לעגען דעם גרונטשטיין פון אררט ניט זייענדיג אין אררט?

נ ח (רוהיג): פּשוט. ניט לעגען נאָר אויפדעקען וועלען מיר דעם גרונטשטיין און דאָס קען מען טאָן אין באַפלאָ אויך. (ברומט) זיי וועלען ניט פאַרשטעלען מיין וועג!

ל ע ג ע ט: בראַוואָ, נח, בראַוואָ! איך בלייב מיט דיר ביז׳ן סוף.

סוירל: און איך אויך — זעלבסטפארשטענדלאך. מאיאר נח, איך האב א געדאנק! מיין קירך, די עפיסקאפאלישע, וואלט געווען דער פאסיגער פלאץ פאר דער צערעמאניע. פארשטעהט זיך, אז ווען עס וואלט געווען א סינאגאג אין באפלא — — —

נח: וואלט מען מיך ווארשיינלאך ניט אריינגעלאזט.

סייסאס: אבער אין אן עפיסקאפאלישער קירך? א גרונט־שטיין פאר א אידישער שטאדט?

נח: ליבער סוירל, מ׳מוז די זאך באטראכטען. דער קאנ־סערוואטיווער עלעמענט צווישען מיינע ברידער וועט דאס ניט לייכט ארונטערשלינגען. איך מוז זיך היטען פאר פאלשע אויס־טייטשונגען. איך זאג ניט ניין — אבער לאמיר נאך טראכטען ווע־גען דעם. (פויזע) איך וויל אויך הערען אייער מיינונג וועגען מיין פראקלאמאציע. עס ווערען דארט באריהרט עטליכע פונקטען — — —

אסתר (באווייזט זיך אין טיר, רעכטס): גוט מארגען, מאיאר נח. גוט מארגען, הער סייסאס. (פארנייגט זיך פאר די אנדערע; בלייבט שטעהן אין טיר).

נח: אסתר דזשעקסאן אין באפלא? (לויפט צו צו איהר) גע־קומען זעהן דעם אררט־פאראד? וואונדערלאך!

אסתר: זייט מאיאר נח איז אוועק, איז נויארק געווארען א לאנגווייליגע שטאדט. בין איך אנטלאפען אהער. (שטיל) איך וויל אייך זעהן אליין — אויב מ׳קען.

נח (אומרוהיג): וואס האט פאסירט?

אסתר (גאנץ שטיל): שפעטער. (העכער) איז דער באראק אייער הויפט־קווארטיר?

נח: יא — הויפט־קווארטיר פון אררט־פאראד. באפלא איז א קליין שטעדטעל; ניטא פיל אויסצוקלייבען. דער הילצערנער בא־ראק פון א שטיין־קריצער איז די ערשטע סטאנציע פון דער אררט־עקספעדיציע. אזוי איז דאס נידריגע הויז דערהויבען געווארען.

(צו סוירל און לעגעט) פריינט, אט איז די פראקלאמאציע. אין יענעם צימער וועט אייך קיינער ניט שטערען.

ס ו י ר ל: גוט־גוט! קומט, הער לעגעט. (ביידע אָב, לינקס).

נ ח: סייסאס, מ׳מוז זיך גלייך זעהן מיט קוינעל פאטער וועגען א פאסיגען פלאץ וואו אויפצודעקען דעם גרונטשטיין. (נעהמט איהם ביים אָרעם און פיהרט איהם צו דער טיר, רעכטס) דו ביזט גערעכט בנוגע סוירל׳ס פארשלאג. איך גלויב ניט, אז אן עפיסקאָ־פאלישע קירך׳ אדער אן אנדערע קירך——(פארשווינדט מיט סייסאס אויף א מינוט און קומט באלד צוריק).

א ס ת ר (לויפט איהם אקעגען): האבען די קאפיטאנען זיך טאקי ענטזאגט——?

נ ח: וואס ווייסט איהר וועגען דעם, אסתר דזשעקסאן? רעדט מען שוין דאפון אין באפלא?

א ס ת ר: ניט אין באפלא—נאר אין נויארק האב איך גע־הערט וועגען דעם. מיין פאטער האט די שלעכטע געוואוינהייט מיר צו דערצעהלען אלץ וואס איז ביי איהם אויפ׳ן הארץ.

נ ח (בלאס פון רציחה): און ווער זיינען די קרעציגע הינט וואס——?

א ס ת ר (גלעט איהם דעם אָרעם): מאיאר נח, מיין פאטער איז איינער פון אייערע געגנער.

נ ח (לאזט אַרונטער דעם קאפ): ענטשולדיגט. איהר ווייסט ניט ווי שווער מיר איז דאס אלץ אליין איבערצוטראגען. זיי באטראכ־טען אררט, ווי דאס וואלט געווען א ווילא, וואס איך בוי פאר מיין פערזענלאכען פארגניגען. איהר ווייסט ניט———

א ס ת ר: איך ווייס יא—און פארדעם בין איך דא. (פויזע) אוז איצט הערט, מאיאר נח. דאס אויסדינגען פון די שיפען איז בלויז דער ערשטער צוג אין דער קאמפאניע קעגען אייך. ס׳איז נאך דא א צווייטער צוג—אפצושטעלען די פראצעסיע דורך אן

עפענטלאכען סקאנדאל. ראבי פיטשאטא און אייער אריענטאלי־שער פריינט, ראבי אלמליא, זיינען נעכטען ביינאכט שטילערהייט פארפאהרען אין באפלא.

נ ח: אלמליא? ניט מעגלאך! צעהן טעג צוריק האב איך איהם אויפגעזעצט אויף א שיף וואס איז געפאהרען קיין באר־באדאס.

א ס ת ר: יא — אבער ווייטער ווי פילאדעלפיא איז ער ניט געפאהרען. עטלאכע אידישע נאטאבעלן האבען איהם אזוי שטארק געוואלט האבען דא ווי איהר האט איהם געוואלט האבען אין באר־באדאס. ער איז געקומען גרייט זיך מודה צו זיין, אז א געוויסער דאקומענט איז — נו, ענטשולדיגט! — א פשוט׳ער שווינדעל.

נ ח (ווערט בלייך): גאט מיינער! (שפאנט אויף־און־אב ווי א לייב אין א פאסטקע) פון אלע זייטען האבען זיי מיך ארומגע־רינגעלט. פארוואס די פארביסענע שנאה? מרדכי נח, דעם פא־ליטיקער, שרייבער, געזעלשאפטליכען מענש, האבען זיי ליב גע־האט — — —

א ס ת ר: אמת. אבער מרדכי נח, דעם אידישען באפרייער, קענען זיי ניט איבערטראגען.

נ ח (רעטאריש): טרוסען! האלב־גע׳פגר׳טע ברואים, אויסגע־וועפטע נשמות! זיי ציטערען פאר די נייע פליכטען וואס ארדט וועט אויף זיי ארויפוואַרפען. די באפרייאונג פון אידישען פאלק — וואס טויג זיי דאס? דאס קען נאך שטערן די רוהיגע פארדייהונג, די ליבע געמיטליכקייט אדער גאר די גוטע געשעפטלאך! (געהט צו צו אסתר׳ן) ליב קינד, מיט צוואנציג יאהר צוריק האב איך געוואוסט ווי זיך ארויסצוהעלפען פון אזא פארלעגענהייט. זעהר איינפאך: צוויי סעקונדאנטען, דרייסיג שפאן און — דאס! (כאפט ארויס א רעוואלווער פון קעשענע) איצט אבער — — — (מיט א פינסטערן בליק) און איצט איז וואס? זיי ווילען מאכען פון ארדט

אַן אידיאָטישען שפּאַס — װעל איך דאָס פּאָר זײַ מאַכען הויכע טראַגעדיע!

אסתר (שמייכעלט): דער איבערגאַנג פון קאָמעדיע צו טראַגעדיע איז פאַר אייך, דעם ערפאַהרענעם דראַמאַטורג, ניט זעהר שווער. (שפּילעווודיג) קען מען זעהן אַט דאָס שטיקעל ביהנעַגעציינג? (נעהמט דעם רעוואָלווער, באַטראַכט איהם און — באַהאַלט איהם הינטער איהר שאַל) איך וועל איהם אייך צוריקגעבען — מאָרגען..

נח (בייז): איהר באַהאַנדעלט מיך ווי אַ קינד!

אסתר (לאַכט): אַ ווייבערישע שוואַכקייט, ליבער נח. מיר באַהאַנדלען ווי קינדער אַלע מאַנזבילען וואָס מיר האָבען — וואָס זיינען אונז נאָהענט. (פאַרשעהמט זיך און שלאָגט שנעל אָן אַן ערנסטען טאָן) און איינגענטלאַך וואָס האָט איהר געוואָלט טאָן? וועמען ארויספאַדערן אויף אַ דועל? ראַבי פּיטשאַטאַ? אָדער גאָר — ראַבי אַלמליאַ?

נח (פאַרשעהמט): ביזט גערעכט, ליבע אסתר. פאַרגיב מיר. (קושט איהר האַנט מיט גרויס צערטלאַכקייט) מיין איינזאַמקייט וועגט שווער אויף מיר. לאָז מיך ניט אַליין.

אסתר (גלעט זיין געבויגענעם קאָפּ): ניין, מרדכי. היינט בלייב איך ביי דיר און — מיט דיר. נו, לאָמיר זיך זעצען און רוהיג איבערעדען וואָס ווייטער צו טאָן. (זעצט זיך ביים טיש; נח קעגען איהר).

נח: דער גרונטשטיין פון ארדט מוז היינט אויפגעדעקט וועַרען. דאָס איז קלאָר. אויב ניט — וועט דער פּרעסטיזש פון דעם פּראָיעקט קריגען אַ שווערען קלאַפּ.

אסתר: ניט דער פּרעסטיזש פון פּראָיעקט, נאָר פון מרדכי נח — און דאָס איז פיל וויכטיגער. אין אַנדערע ווערטער — ראַבי פּיטשאַטאַ און ראַבי אַלמליאַ מוזען באַזייטיגט ווערען. אויב ראַבי פּיטשאַטאַ וויל, זאָל ער מאָרגען באַנייען זיין קאַמף קעגען ארדט —

און זאָל גאָט געבען דעם זיג דעם גערעכטען. היינט אָבער מוז ער שווייגען — מיר מוזען איהם מאַכען שווייגען! בין איך גע־רעכט?

נ ח: גערעכט! די פראַגע איז נאַר — — — (עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין גרויסען טויער; נח געהט צו) ווער איז דאָרט?

פּ י ט ש אַ ט אַ ׳ ס ש ט י מ ע: ראַבי פּיטשאַטאַ! איך וויל אייך זעהן, מאַיאָר נח.

א ס ת ר: פּיטשאַטאַ? רעדט צו איהם פריינטלאַך און בלייבט — רוהיג. איך וועל זיך באַהאַלטען — — — (קוקט זיך אַרום; באַהאַלט זיך צווישען די שטיינער אין ווינקעל).

נ ח: ניט דאָס איז די טיר, ראַבי פּיטשאַטאַ. איין מינוט. (אָב רעכטס. קומט באַלד צוריק. נאָך איהם פּיטשאַטאַ. דער שד״ר רוקט זיך אַריין; ער איז דערשראָקען און האַלט זיך אין הינטערגרונט. אַ מינוט פון שווערען שטילשווייגען. נח פאַרבייגט זיך מיט קאַלטער העפ־ליכקייט) ווילט איהר זיצען, ראַבי פּיטשאַטאַ?

פּ י ט ש אַ ט אַ: ניט נויטיג, מאַיאָר, ניט נויטיג. דעם אמת צו זאָגען — איך פיהל זיך ניט באַקוועם פון אייער העפליכקייט. ראַבי אלמליא — נאָך ווענינער ווי איך.

נ ח: יענער איז אייער גאַסט — ניט מיינער. איהר האָט מסתם אַ גוטע אורזאַך איהם צו ברענגען אַהער.

פּ י ט ש אַ ט אַ: אַ גוטע אורזאַך, זעהר אַ גוטע. איהר האָט אַ שאַרפען קאָפּ, מאַיאָר נח; אַזויפיל בין איך גרייט מודה צו זיין. נו — אויב אַזוי — האָט איהר שוין אפשר אַ טראַכט געטאָן וואָס איך וויל אַזוינס פון אייך?

נ ח: יאָ — איך האָב שוין אַ טראַכט געטאָן. ווען איך האָב געהערט אַז פינף קאַפּיטאַנען האָבען זיך ענטזאָגט אָריבערצופיהרען די פּראָצעסיע אין גרענד איילענד, האָב איך באַלד געפרעגט, צי ראַבי פּיטשאַטאַ איז ניטאָ אין באַפאַלאָ.

פ י ט ש א ט א: א טעות. ניט איך טראַג די שולד פאַר דער סאַרט סטראַטעגיק. כאַטש איך בין אַ רבי, בין איך ניט ווייניגער קאַוואַליר פון מאַיאָר נח. איך קעמפף אָפען!

נ ח: מעג מען פרעגען וואָס ראַבי פּיטשאַטאַ דענקט צו טאָן — אָפען?

פ י ט ש אַ ט אַ: פשוט — אייך ניט לאָזען ריידען אין נאָמען פון אַ סנהדרין וואָס איז אויף דער וועלט ניטאַ.

נ ח: דאָס אַלץ? גוט. אויף דעם פונקט שטים איך איין. דער סנהדרין־עפּיזאָד — איך בין גרייט מודה צו זיין — איז געווען אַן אומגליקלאַכער און איך האָב זיך פון איהם אַבגעטרייסעלט נאָך איידער ער האָט דערגרייכט די עפענטלאַכקייט. און ווען ראַבי אַלמליא האָט מיר צוגעזאָגט וועקצופאָהרען אין באַרבאַדאָס, האָב איך יענע נאַרישע המצאה באַטראַכט אַלס אָפּגעווישט.

ש ד " ר (רוקט זיך צו פון זייט; אונטערטעניג): אויב דער גרויסער האַר וועט ערלויבען — פּול ווייהטאָג איז דאָס האַרץ פון קנעכט — ניט מיט פרייען ווילען האָט ער פאַרלאָזט די שיף, וואָס דער האַר — — —

נ ח (שאַרף): ניט נויטיג! (צו פּיטשאַטאַ) אייער פריינט וויל זיך פאַרענטפערען — אַבער מיט איהם בין איך פאַרטיג. איך וויל פאַרגעסען — איהם און דעם סענטימענטאַלען שווינדעל אין וועלכען ער האָט מיך שיער ניט פאַרפּלאָנטערט. (פויזע) אַבער, ראַבי פּיטשאַטאַ, וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט דעם געדאַנק פון דער אידיישער באַפרייאונג? אונזער פאָלק בלוטעט פון טויזענט וואונדען. מיר ווערען צוריבען צווישען די פּאָליטישע מיהל־שטיי־נער פון דער וועלט — צוריבען און פאַרעפּוש׳ט ביז עקעל. מיט וואָס האָט געזינדיגט מרדכי נח, ווען ער האָט אויפגעהויבען זיין שטים און גערופען די קינדער פון ישראל צו אַ נייַ לעבען?

פ י ט ש אַ ט אַ (שרייט): פאַנטאַזיעס! אוואַנטיורע! דאָס וועט אונז פאַרשלעפּען — — —

נ ח (ברומט): פאַנטאַזיעס? אין אונזער צייט האָט אַז אַלט פאָלק זיך באַפרייט פון דורות־לאַנגער טיראַניי און פאַר זיך גע־וואונען דאָס רעכט אויף אַן אייגען, גליקלאַך לעבען. זיינען די היינטיגע גריכען בעסער ווי די היינטיגע אידען? איז זייער פאַר־גאַנגענהייט שעהנער פון אונזערער? אויב זיי — פאַרוואָס ניט מיר? פאַרוואָס ניט?

פ י ט ש אַ ט אַ (גיפטיג): מאַיאָר נח האָט ניט געשטעלט די ריכטיגע פראַגע. פאַרוואָס ניט מיר — פרעגט ער; פאַרוואָס ע ר — פרעג איך. זשורנאַליסטען, פאָליטיקער, לאַנד־שפּעקולאַנטען זיינען ניט די שליחים פון דער אידישער גאולה. מרדכי נח וויל פאַרלויפען גאָט דעם וועג — און ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ סענטימענ־טאַלען שווינדעל. באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט — דער שווינדעל פּוזשעט אין גאַנצען פּראָיעקט; סוף־סוף וועט ער אַרויסקריכען פון אויבען־אויף. זאָל איך דערלאָזען אַ חלול־השם, וואָס וועט די אי־דישע קהלה נאָך מעהר פאַר'עפּוש'ען אין די אויגען פון דער וועלט? איך בין געקומען וואָרנען מרדכי נח. גענוג! גענוג!

נ ח (פּויזע): און וואָס ווילט איהר, פאַרעהרטער ראַבי? זאָל איך אַרויסגעהן צו די וואָס שטעהען איצט פאַר'ן טויער און זיי זאָגען, אַז דער אררט־פּראָיעקט איז אַ שווינדעל? זאָל איך זיי בעטען געהן אַהיים און — פאַרגעסען?

פ י ט ש אַ ט אַ: אויב ניט איהר, וועל איך דאָס טאָן פאַר אייך. ניטאָ קיין אַנדערער וועג. (בעטענדיג) נח, אויב דער כבוד פון אידישען פאָלק — — — — —

נ ח: ניט דער כ ב ו ד פון אידישען פאָלק — דאָס פאָלק אַליין איז מיין זאָרג. (פּויזע) ראַבי פּיטשאַטאָ, איך בין אַנטשלאָ־סען צו טאָן מיין פליכט.

פ י ט ש אַ ט אַ: און איך מיינע! איך ריהר זיך ניט פון דאַנען. וואוהין איהר וועט געהן, וועל איך געהן; וואו איהר וועט ריידען, וועל איך ריידען. ראַבי אַלמליאַ וועט זיין דער עדות

קעגעז אייך און אייער סענטימענטאַלען שווינדעל. איך בין פאַר־טיג! (זעצט זיך אַוועק — אַן אויסדרוק פון פאַנאַטישער ענטשלאָסענהייט אויף זיין פנים).

א ס ת ר (האָט דערווייל געגעבען נח׳ן סיגנאַלען, אַז ער זאָל קומען נעהענטער; אומבאַמערקט פון די אַנדערע האָט זי אַוועקגעלעגט אַ צע־טעלע אויף אויבעם פון די שטיינער).

נ ח (דערטאַפּט דאָס צעטעלע; ער לייענט דאָס בשעת ער פּרעטענ־דירט צו באַרוהיגען פּיטשאָטאָ׳ן): אונזער לאַנגיעהריגע פריינט־שאַפט, ראַבי פיטשאַטאַ, האָט מיך באַוואויגען אייך אויסהערען מיט אַ סך געדולד. איך זעה אַז איהר ווילט מיך מאַכען ענטוועדער פאַר אַ שווינדלער אָדער פאַר אַ פּאַיאַץ. גוט! אָבער איידער איהר טוט דאָס, וויל איך איהר זאָלט זיך באַקענען מיט די דעטאַלען פון מיין פּלאַן, מיט דער מאָטיווירונג פון מיין געדאַנק. אויב אַן עפענטלאַכע באַשולדיגונג — דאַן באַשולדיגט מיך וועניגסטענס אין דעם וואָס איך וויל, ניט אין דעם וואָס איך וויל ניט. זענט איהר גרייט אייך באַקענען מיט די פאַקטען? איך גלויב, אַז איך האָב אַ רעכט דאָס צו פאָדערן.

פּ י ט ש אָ ט אָ (מיט חשד): איז דאָס אַ פאַרזוך מיך אַריינ־צונאַרען אין אַ קאָמפּראָמיס?

נ ח (פאַרנייגט זיך): ראַבי פיטשאָטאָ איז צו קלוג פאַר דעם. איך פאַרלאַנג בלויז איהר זאָלט לייענען אַ דאָקומענט וואָס איז געשריבען געוואָרען איידער איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט מיך באַעהרען מיט אייער באַזוך. מיין פּראָקלאַמאַציע איז צום גאַנצען אידישען פאָלק און ניט ספּעציעל צוגעגרייט פאַר ראַבי פיטשאַטאַ. אַט וועל איך דעם דאָקומענט ברענגען. (לאָזט זיך געהן און בלייבט שטעהן) אַ, איך האָב פאַרגעסען — איהר האַלט דאָך וואַך איבער מיר. ווילט איהר אַזוי גוט זיין און מיט מיר אַריינגעהן אין יענעם צימער?

פ י ט ש אָ ט אָ (הויבט זיך אויף): גוט — איך געה מיט אייך. (ביידע אָב, לינקס).

א ס ת ר (שטעקט אַרוים דעם קאָפּ; ווען די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער נח און פּיטשאָטאָ, געהט זי שנעל צו צום שד״ר): ראבי אלמליא, וועט איהר ערלויבען אַז אומבאַקאַנטער מיט אייך ריידען אַ מינוט?

ש ד ״ ר (צעטומעלט): אַ, האַרינטע! ווי קען דער קנעכט אויפהויבען די אויגען — — —?

א ס ת ר: ניט נויטיג. איך וויל בלויז איהר זאָלט מיך אויס־הערען. אפשר מוז איך זיך פריהער פאַרשלייערען? נו, גוט. (הויבט אויף דעם ברעג פון שאַל און פאַרשטעלט די אונטערשטע העלפט פון פּנים) מעג מען איצט ריידען?

ש ד ״ ר (באַטראַכט זי אַ מינוט; פאַרנייגט זיך שמייכלענדיג): גוט איז די האַרינטע און קלוג. (מיט אַ תאוה־דיגען קוק) אָבער צו וואָס פאַרשטעלען קרעלען־מויל און שנירען פּערל וואָס לייכטען ארוים? דאָס אויג פון קנעכט וויל זיך זעטיגען אין די רויזען וואָס בליהען — — —

א ס ת ר (אומיטירט איהם): אייער קול קלינגט ווי אַ פליים, פרינץ פון מזרח־לאַנד. אייערע אויגען לייכטען ווי גליהענדיגע קוי־לען אין אַ בערג אַש. (צולאַכט זיך) וואָלט איך געוואוסט, אַז איהר האָט ניט מעהר ווי צוויי ווייבער אין אייער שלאָס וואָס קוקט ארויס צום ים, וואָלט איך אייך נאָך ווייטער אויסגעהערט. איצט אָבער וויל איך אייך מאַכען אַן אַנדערען פאָרשלאָג. (נעמט אַרונטער צוויי רינגען און אַ בראַנזלעט פון איהר האַנט) ווי געפעלען אייך די פּאָר אָרימע שטיקלאַך צירונג?

ש ד ״ ר (קוקט אויף איהר אַ מינוט פאַרוואונדערט; דאַן נעהמט ער דאָס צירונג און באַטראַכט יעדעס שטיקעל באַזונדער): פיינער

שמאראגד, יאַ! פּערל גרויס און אָהן אַ מום. דריי בריי־ליאַנטען — גאַלד, פיין געהאַמערט. שעהן — יאַ!

אַ ס ת ר: נו, קענט איהר זיי האָבען; לאָמיר זאָגען — אַ מתנה פאַר די אָרימע ברידער וואָס דינען גאָט אין דער הייליגער שטאָדט. אַלץ וואָס איהר דאַרפט טאָן, איז בלייבען מיט מיר אַליין אויף צוויי שעה.

ש ד " ר (פאַרוואונדערט): מיט דער האַרינטע אַליין, צוויי שעה? צומישט זיינען די געדאַנקען — איך קען ניט עפענען מיין מויל — — —

אַ ס ת ר: אָט דאָס וואָס איך פאַרלאַנג: איהר זאָלט ניט עפענען דאָס מויל. ראַבי פּיטשאַטאַ וויל איהר זאָלט ריידען; איך — אַז איהר זאָלט שווייגען. באַהאַלט דאָס צירונג, ראַבי!

ש ד " ר: אָבער ראַבי פּיטשאַטאַ — ער איז בייז — שטראַפען וועט ער דעם קנעכט — — —

אַ ס ת ר (שטרענג): אייער ריידען וועט זיין אַ פאַרברעכען קעגען דעם בעסטען מענש אין דער וועלט! די שטראָף פאַר ריידען וועט זיין ניט קלענער ווי פאַר שווייגען.

ש ד " ר: מיר איז שווער — — — (פּרובירט צוריקגעבען דאָס צירונג, באַטראַכט עס מיט הונגעריגע אויגען און — לעגט עס אַריין אין קעשענע) לייטזעליג איז די האַרינטע; פון איהרע ליפען טריפט חכמה. די ברידער אין דער הייליגער שטאָדט וועלען ניט אויפ־הערען בעטען פאַר איהר געזונט און פאַר — — —

אַ ס ת ר: געדענקט! דאָס איז ניט פאַר בעטען נאָר פאַר שווייגען. פאַרשטעהט איהר מיך?

ש ד " ר (פאַרנייגט זיך טיף): זאָל גאָט ווייזען חסד דעם וואָס איז אין נויט. איך פאַרשטעה.

(נח, פּיטשאַטאַ, סוירל און לעגעט קומען אַריין דורך טיר, לינקס).

פ י ט ש א ט א (ווילד): ירבעם בן נבט! שבתי צבי! ווי וואגט איהר? ווי וואגט איהר?

ס ו י ר ל און ל ע ג ע ט (ווילען איהם בארוהיגען): אבער פארעהרטער ראבי! די אבזיכטען פון מאיאר נח זיינען דאך די בעסטע אין דער וועלט! צו וואס————?

פ י ט ש א ט א (טרייסעלט זיי אב): ע ר נעהמט אויף זיך צו כשר'ען די קאראימער און די שומרונים. מיט רוח הקודש האט ער ענטדעקט, אז די אינדיאנער זיינען די צעהן פארלוירענע שבטים. ער רופט זיך „מיט גאטס חסד, א הערשער און ריכטער אין ישראל"! קריעה דארף מען רייסען, קריעה!

ס ו י ר ל און ל ע ג ע ט: נו, בארוהיגט אייך, ראבי. אויב דאס זיינען פעהלער, איז נאך דא צייט צו————

נ ח (שטאלץ): איך נעהם די פעהלער אויף מיר. ראבי פיט־שאטא האט ניט קיין מאנאפאל אויף דעם ווארט פון גאט. ניט דיקטירען זאל ער מיר—נאר פאלגען. גאט אין זיין גנאד האט מיר געוויזען דעם וועג און צי די פיטשאטאס ווילען צי ניט—זיי וועלען נאכגעהן.

פ י ט ש א ט א: יא, יא, יא! איך וועל נאכגעהן; איך און ראבי אלמליא מיט מיר. און דערצעהלען וועט ער וועגען אן אב־סורדען און שווינדלערישען דאקומענט מיט וועלכען איין אוואנ־טיוריסט האט דערהויבען דעם צווייטען צו „הערשער און ריכטער אין ישראל". (לאכט ביסיג) נאכגעהן מרדכי נח'ן? אודאי—אפילו דאס גאנצע לעבען!

א ס ת ר: ענטשולדיגט, ראבי פיטשאטא—איהר מאכט א טעות. ראבי אלמליא האט מיך אט די מינוט פארזיכערט, אז אזא דאקומענט האט קיינמאל ניט עקזיסטירט.

פ י ט ש א ט א: אסתר דזשעקסאן! וואס טוט איהר דא? און וואס ווייסט איהר וועגען דעם?

אסתר (מאַכט אַ קניקס; איראָניש): מאיאָר נח׳ס גאַסט — דאָס אַלץ. (צו נח׳ן) איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז ראַבי אַלמליא זעהט איצט די זאַך אין ריכטיגען ליכט. ראַבי פּיטשאָטאָ וועט ליידער מוזען זוכען אַן אַנדערן עדות.

פּיטשאָטאָ (לויפט צו צום שד״ר): וואָס איז דאָס, אַלמליאַ?

שד״ר (פּרימכעט): לייטזעליג איז דער האר נח געווען צום קנעכט. ווי קען דער קנעכט — — — ?

פּיטשאָטאָ (בלאַס פון כעס): איהר האָט פאַרגעסען אַז דער קאָנסול פון טונים זוכט אייך מיט ליכט, אַלמליאַ. ער וויל אַן ערקלעהרונג וועגען עטליכע וועקסלען מיט פאַלשע אונטערשריפטען, פאַר וועלכע איך האָב צוגעזאָגט צו באַצאָהלען.

שד״ר (וואַרפט זיך אויף די קני): רחמנות, האר און מייסטער! איך קוש דעם זוים — — —

פּיטשאָטאָ (מיט פאַראַכטונג): שטעהט אויף, נו! איהר וועט געהן מיט מיר!

אסתר (לאַכט): ליידער וועט ראַבי אַלמליא ניט קענען אוועקגעהן פון דאַנען. מאיאָר נח, איך פאָדער פון אייך אַלס שעריף צו אַרעסטירען דעם מאַן אַלס גנב (סצענע).

נח (שמייכעלט): וואָס האָט פּאַסירט?

אסתר: מיין צירונג איז פאַרשוואונדען. באַזוכט איהם!

נח (הויבט איהם אָן באַזוכען; נעהמט אַרויס דאָס צירונג פון שד״ר׳ס קעשענע): איז דאָס אייער צירונג, פרייליין דזשעקסאָן? יאָ? נו, האָב איך קיין ברירה ניט. איהר זענט אַרעסטירט, אַלמליאַ.

שד״ר (יאָמערט): גרויס איז דער בראָך! גאָט האָט גע־פונען מיין זינד!

א ס ת ר: און איצט, ליבער מאַיאָר, מאַכט מיך פאַר געהילף־שעריף. איהר זענט איצט פאַרנומען — וועל איך אויף איהם האַלטען אַן אויג ביז איהר וועט צוריקומען.

נ ח: אַן איינפאַל! (לאַכט) הויבט אויף אייער רעכטע האַנט. אסתר דזשעקסאָן, איך שווער אייך איין אַלס געהילף־שעריף און גיב איבער דעם אַרעסטאַנט אין אייערע הענט. אויב ער וועט פּרובירען אַנטלויפען — — —

א ס ת ר: ער וועט ניט אַנטלויפען. (נעהמט אַרויס נח׳ס רעוואַלווער) דער רעוואָלווער איז געלאָדען. אויף צעהן שפּאַן טרעף איך תמיד אין ציל.

פּ י ט ש אָ ט אָ: אסתר דזשעקסאָן! ווי פּאַלט אייך איין צו שפּילען אַזאַ ראָלע אין אַ זאַך — — — — ?

א ס תר: בלויז די ראָלע וואָס גאָט האָט פאַר מיר באַשטימט. (פון דרויסען דערהערט זיך אַ מיליטערישער מאַרש) דער פּאַראַד פאַנגט אָן. געהט, געהט! ראַבי אלמליא און איך וועלען זיך לײדער ניט באַטייליגען. קומט, ראַבי אלמליא. איצט וועלען מיר בלייבען צוויי שעה אַליין און איהר וועט שווייגען! (פיהרט איהם צום טיש. זי זעצט זיך אַנטקעגען איהם און האַלט דעם רעוואָלווער געצילט קעגען זיין ברוסט).

(דורך טיר, רעכטס, קומען אַריין פּיליפּס, סייסאס, פּאַרדאָ, מאָזעס, וואַן דאָרן, שווארצער יאַסטרעב, עטליכע סאָלדאַטען און פּריימוירער).

פּ י ל י פּ ס: צעהן אַזייגער — פאָרהאַנג אויף! (קאָמאַנדעוועט) עפענט די טוירען! (די טוירען ווערען געעפענט: אַ ים פון זונ־שיין, מוזיק־שפּיל און דער זשום פון מענשען־שטימען גיסט זיך אַריין אין באַראַק) שטאַנדאַרטען און פאָהנען אַרויס! (סאָלדאַטען און פּריימוירער מאַרשירען אַרויס מיט די שטאַנדאַרטען און פאָהנען; פאַרשווינדען רעכטס) גרונטשטיין־טרעגער און עהרען־וואַך! (שווארצער יאַסטרעב, וואַן דאָרן, מאָזעס און פּאַרדאָ הויבען אויף געשטעל מיט

ארדט־שטיין און געהען אָב). נו, מרדכי! גרויסער גאָט! דו ביזט נאָך צומאָל ניט אנגעטאָן! (אָב לינקס).

פ י ט ש אָ ט אַ: אייער שפּעקטאַקל, נח, קלאַפּט. איהר זענט געניט אין טעאַטראַלישע עפעקטען! (ביסיג) איך באַדויער וואָס איך וועל מוזען שפּילען אַן אומגעבעטענע ראָלע. אָבער איך וועל זי שפּילען. איך דאַרף ניט אַלמליאַ'ן; אַליין וועל איך ריידען!

נ ח (טוט אָן מאַנטעל און האַלז־קייט וואָס פיליפּס האָט איהם געבראַכט; שטיל): ראַבי פיטשאָטאַ, איך וואָרן אייך. איהר טרייבט מיך צו עפּעס, וואָס איך וויל ניט טאָן.

פ י ט ש אָ ט אַ (פאַנאַטיש): ניין! איך געה!!

נ ח: רעווערענד סוירל, איך נעהם אָן אייער פאָרשלאָג. (באַפעהלעריש) סייסאַס, די פּראָצעסיע געהט צו דער עפּיסקאָפּאַלישער קירך. ווילט איהר מיטגעהן, ראַבי פיטשאָטאַ?

פ י ט ש אָ ט אַ: גאָט גרויסער! צו דער קירך? (כאַפּט זיך ביים האַרץ. סצענע).

נ ח: יאָ! אין קירך וועלען מיר אויפדעקען דעם גרונטשטיין פון דער אידישער שטאָדט.

(וועהרענד דעם געהט אַ טייל פון דער פּראָצעסיע פאַרביי דעם אָפּענעם טויער. סאָלדאַטען, שטאָדטישע באַאַמטען, בירגער, פרייװוירער־גרופּען מיט עמבלעמען פון זייער ברודערשאַפט, די גרונטשטיין־טרעגער מיט אַן עהרען־וואַך פון אינדיאַנער. פון גאַנץ ווייט — מוזיק פון אַ מיליטערישען מאַרש. פּלוצים דערטראָגט זיך אַן עכאָ פון קאַנאָנען־שיסעריי).

ל ע נ ע ט (מיט פרייד): די מעכטיגע רעפּובליק פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען באַגריסט אררט!

פ י ט ש אָ ט אַ (פאַרשטעלט די אויערן מיט די הענט): ווייה! ווייה! אין קירך פיהרט ער זיי! (אַ צובראָכענער פאַרקריכט ער צום טיש).

אסתר (מאַכט פלאַץ פאַר איהם): זאָלבעדריי וועט זיין היי־מישער, ראבי פּיטשאַטאַ.

נח (הויבט אויף די הענט אין דער הויך): און איצט — מיט גאָט! (אַ שטאָלצער געהט ער אַרויס פון טויער און שליסט זיך אָן דער פּראָצעסיע. די אַנדערע געהען איהם נאָך).

(אָבקלאַנג פון מוזיק און עכאָ פון קאַנאָנען־שאָס).

(פאָרהאַנג).

פערטער אקט.

ראבי פּיטשאַטאָ׳ס קאַבינעט.

פּאָליצעס מיט ספרים אַרום די ווענט. אַ טיש מיט עטלאַכע שטולען אין צענטער. אַן אָפענער קאַמין אין וועלכען עס ברענט א פרעהליך פייערל.

אין הינטערגרונט — אַ טיר וואָס פירט אין אַ סאל. לינקס — אַ טיר צום קאָרידאָר.

אַן אָוועגט, פריה אין ווינטער.

(אַרום טיש — בערנאַרד האַרט, דער אַלטער דזשעקסאָן, סייסאַס, קארדאַזאָ, פּאַרדאָ און מאַזעס. אויבען־אָן — ראַבי פּיטשאַטאָ).

פּ י ט ש אַ ט אָ (ענדיגט לייענען אַ בריף) : „— — — און ס׳איז קלאַר, אַז הער נח האַט פארגעסען, אז די אידען וואָס זיינען געטריי צו זייער אמונה׳ זיינען ניט ווענינער געטרייע פּאַטריאָטען פון די לענדער וואו זיי וואוינען און אונטער וועמעס שוץ זיי לעבען אין פרייהייט און אין פרידען. אזא סאָרט געדאנק ווי נח׳ס קענען זיי באטראַכטען בלויז ווי אַן איינפאל פון אַ פאלשען משיח. צו זיין גערעכט און עהרליך וועלען מיר מוזען צוגעבען, אז ער איז אַ פאנטאַזיאָר מיט אַן עהרלאַכער כונה“.

ה אַ ר ט : זעהר ריכטיג — אַ פאנטאַזיאָר מיט אַן עהרלאַכער כונה.

ד ז ש ע ק ס אָ ן : ענטשולדיגט. פון וועמען האַט איהר גע־זאגט איז דער בריף?

פּ י ט ש אַ ט אָ : פון ראבי אברהם דע קאַלאָנא. ער איז אַ באריהמטער געלעהרטער, אַ דיפּלאָמאַט און רב־הכולל פון פראנקרייך.

ה אַ ר ט: אַ גרויסער מענש און זיכער אַ וואוילטעטיגער, האַ?

פּ י ט ש אַ ט אַ: גאָר אַ גרויסער, הער הארט; איינער פון די וויכטיגסטע פארשטעהער פון אייראָפּעאישען יודענטום. און דוקא איהם און נאָך עטלאָכע פון זיין שניט האָט נח געזוכט אריינ־צוכאָפּען אין זיין נעץ.

ד ז ש ע ק ס אָ ן: יאָ—ער איז תמיד געווען א בעלן אויף גרויסע פיש!

פּ י ט ש אַ ט אַ (נעהמט די אַנדערע בריף וואָס ליגען אויפ׳ן טיש): דע קאַלאַנא איז ניט דער איינציגער וואָס פּראָטעסטירט קעגען דעם סקאַנדאַל. אַט זיינען עהנלאָכע בריף פון סאַלאָמאָן הערשעל, רב־הכולל פון ענגלאַנד, פון דעם גרויסען רפאל מעלדאָלאָ—

ה אַ ר ט: געהערט פון איהם. אַ קליינינקייט—דער גרויסער ראַבי מעלדאָלאָ!

פּ י ט ש אַ ט אַ: פון דאָקטאָר לעאָ וואולף, רב פון האמבורג; פון———

ס י י ס א ס: ענטשולדיגט, ראַבי פּיטשאַטאַ. האָט קיינער פון זיי ניט אַ גוט וואָרט פאר נח׳ן אָדער פאר׳ן געדאנק פון דער אי־דישער באַפרייאונג?

פּ י ט ש אַ ט אַ: ניין, ניין, ניין! די וואָס רופען איהם ניט סתם שאַרלאַטאַן, באַנוצען זיך מיט דעם איידעלערען וואָרט אוואַנטיוריסט; די גאָר העפליכע רופען איהם פאַנטאַזיאָר. אָבער אַלע, אָהן אויסנאַהם, בעטען—ניין, פאָדערן!—אַז איך זאָל טאָן אַלץ וואָס איך קען צו מאַכען אַ סוף צו דעם חלול־השם.

ה אַ ר ט און ד ז ש ע ק ס אָ ן (אינאיינעם): אודאי מאַכען אַ סוף—וואָס גיכער אַלץ בעסער!

ס י י ס א ס (באַטריבט): איך הויב ניט אָן פאַרשטעהן, פאַר־וואָס הער הארט און הער דזשעקסאָן זיינען אַזוי אין כעס. וואָס האָט נח אַזוינס געטאָן?

האַרט: ליבער סייסאַס, איך בין אַן אַלטער מאַן. מיין גאַנץ לעבען האָב איך זיך באַמיהט פאַרשאַפען כבוד דעם אידישען נאָמען. איצט לאַכט מען פון אונז. אז מ׳פרעגט מיך, אַ שטייגער, צי נח וועט ווערען פּרעזידענט אָדער קייזער פון דער אידישער מלוכה, קרענקט דאָס מיך. איך קען דאָס ניט איבערטראַגען.

דזשעקסאַן: זעהר ריכטיג, האַרט. ערשט היינט האָט דאָס מיר אַליין פּאַסירט. איך האָב זיך צעוואַרטעלט מיט קאַספּאַר ברעקענרידזש. טוט דער גוי אַ פרעג: דזשעקסאַן, ווען וועסטו דיך באַזעצען אין דער אידישער רעפּובליק אויף גרענד איילענד? מיר האָט געפלאַמט דאָס פּנים פון שאַנד!

פּיטשאַטאַ: בארוהיגט אייך, פריינט. איך בין איבער־צייגט, אז נאָך היינט אָוונט וועט מאַיאָר נח דערזעהן די זאַך אין ריכטיגען ליכט. איך ערוואַרט, אז ניט נאָר וועט ער זיך עפענטלאך ענטשולדיגען פאַר זיין מאוס׳ען טעות, נאָר אַז ער וועט אויך געבען זיין וואָרט אויפצוהערען שרייבען און ריידען וועגען זיינע משיח׳ישע פּראָיעקטען. איך האָב איינגעלאַדען די אָנגע־זעהענסטע בעלי־בתים צו זיין דאָביי.

סייסאַס (הויבט זיך אויף): איך ענטזאָג זיך פון דעם כבוד. מיר, נח׳ס חברים, האָבען קיין רעכט ניט צו זיין דאָ ווען נח וועט אָוועקגעשטעלט ווערען אין אַזאַ טרויעריגער — ניין, לע־כערליכער! — לאַגע.

פּיטשאַטאַ: וואַרט אַ מינוט, סייסאַס. אייך, די מיטגלי־דער פון בחורים־קלוב, האָב איך גערופען פאַר אַ גאַנץ אַנדערען צוועק. (פּויזע) הער האַרט און הער דזשעקסאַן וועלען אונז ענט־שולדיגען אויף עטליכע מינוט.

האַרט און דזשעקסאַן (הויבען זיך אויף): זיכער, זיכער; מיר וועלען אריינגעהן אין סאַל.

פּיטשאַטאַ (פיהרט זיי צו דער טיר אין הינטערגרונט): זייט אַזוי גוט און נעהמט דאָרט אויף די אַנדערע געסט. איך וועל

דאָ באַלד פאַרטיג ווערען. (פאַרמאַכט די טיר הינטער זיי) און איצט, ליבע פריינט, וועל איך צו אייך ריידען ווי צו אידען און פאַר־אַנטוואָרטליכע מענשען. מיין ארבייט מיט נח׳ן וועט ניט זיין קיין לייכטע. איהר מוזט מיר העלפען.

מ אַ ז ע ס: אבער ווי אַזוי? אנגענומען אַז מיר ווילען, ווי אַזוי קענען מיר?

ס י י ס אַ ס: ווער האָט אַנגענומען אַז מ י ר ווילען? רעד פאַר דיר אַליין, מאַזעס.

ק אַ ר ד אַ ז אַ: רוהיג, סייסאַס, רוהיג. די זאַך פאָדערט — — —

ס י י ס אַ ס: רוהיג? איהר האָט געהערט, אַז ראַבי פּיטשאַטאַ האָט זיך באַוואָרענט מיט אַטעסטאַטען פון פּראָמינענטע מענשען צו באַווייזען, אַז נח איז אַ שאַרלאַטאַן — און קאַרדאַזאַ הייסט מיר זיין רוהיג! איז אייך ווייניג וואָס ארדט איז אַ דורכפאַל? וואָס נח ווערט פאַרשפּאָט פון מענשען וואָס זיינען ניט ווערט צו פּוצען זיינע שיך? איצט ווילען מיר קומען — מיר, די נאָהענטע חברים — און העלפען איהם אַבשטעמפּלען פאַר אַ שאַרלאַטאַן?

פּ אַ ר ד אָ: קיינמאָל ניט! ניט איך!

ס י י ס אַ ס: ראַבי פּיטשאַטאַ, איך בלייב מיט נח׳ן. איז ער דער אויסגעלאַכטער ריכטער פון ארדט, בין איך צופרידען צו זיין דער אויסגעלאַכטער סעקרעטאַר.

פּ י ט ש אַ ט אַ: בראַוואָ, סייסאַס! איך באַוואונדער דיין לאָיאַליטעט. פיין, פיין! אַבער — (פּויזע) — אַבער דו מאַכסט אַ קליינעם טעות. איך שטים אויך ניט איין מיט די וואָס באַטראַכטען נח׳ן פאַר אַ שאַרלאַטאַן. נאָכמעהר — איך וועל זיך לאָזען אָפּשנייַ־דען די רעכטע האַנט צו פאַרטיידיגען נח׳ס עהרלאַכקייט. ביזטו צופרידען, ליבער סייסאַס?

ס י י ס אַ ס (שטיל): צופרידען. איך דאַנק אייך.

פ י ט ש אַ ט אַ: פאַר איהם אָבער זיינען אַט די בריף אַ מין קעגען־גיפט. ער מוז זעהן וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין אררט־פּראָיעקט האָט געמאַכט איבער די בעסטע מענשען פון אונזער פאָלק. געדענקט! ניט שטראָפען וויל איך נח'ן — נאָר איהם קור־רירען פון אַ פיקסער אידעע, פון אַ משיח־מאַניאַ.

ק אַ ר ד אָ ז אַ: אַ ריכטיגער דיאַגנאָז, ראַבי פּיטשאָטאָ, יאָ!

פ י ט ש אַ ט אַ: ער איז אַ קינד, אַ פערציג־יעהריג אינגעל וואָס וויל בויען אַ טורעם אין הימעל אריין — און גאָט האָט צור־מישט זיין שפּראַך. ער וועט דאָס אָבער ניט איינזעהן, ביז מ'וועט איהם ניט ווייזען אַז די גאַנצע זאַך איז אַ רעזולטאַט פון אַ קאָלאָ־סאַלען שפּאַס.

פ אַ ר ד אָ (דערשראָקען): וואָס פאַר אַ שפּאַס?

פ י ט ש אַ ט אַ: אַ שפּאַס וואָס איהר האָט אָנגעפאַנגען און וואָס איהר וועט מוזען נעהמען אויף אייער חשבון, ליבע קינדער.

פ אַ ר ד אָ: שוין ווידער דער שפּאַס פון לעצטען מאַי? (קרעכצט) ס'וועלען זיין דועלען!

מ אָ ז ע ס: אָבער ווער האָט דערצעהלט, אַז מיר — — —?

ק אַ ר ד אָ ז אַ: איך נעהם אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט.

פ אַ ר ד אָ: דו האָסט דערצעהלט, אַז מיר האָבען ניט גע־וואָלט, אַז אסתר דזשעקסאָן זאָל אויסכאַפּען אונזער פּרעזידענט? אַז מיר האָבען געדונגען דעם אָריענטאַלישען פויגעל — ?

ק אַ ר ד אָ ז אַ: יאָ — איך האָב דערצעהלט.

פ י ט ש אַ ט אַ: זיי ניט אומגערעכט צו דיר אַליין, קאַרדאָזאָ. אַ טייל פון דעם עפּיזאָד האָב איך אַרויסגעקראָגען פון דעם שווינד־לער אַלמליאַ, איידער איך האָב איהם אָפּגעשיקט קיין איטאַליע. דאָס איבעריגע האָט קאַרדאָזאָ מודה געווען.

ס י ם אָ ם: און מודה זיין איז בעסער? קאַרדאָזאָ, דיין האַנדלונג איז — — — (שרייט) פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? פאַרוואָס?

ק אַ ר ד אָ ז אָ: ווייל איך וויל אייך קורירען נח׳ן פון זיין משיח־מאַניא. דער פּלאַנטער מיט די אינדיאַנער איז געווען מיין מאַטיוו. אַ מענש וואָס קען ערקלעהרען די רויטע פּראַים פאַר אונזערע בלוט־ברידער — — —

ס י י ס א ס: איז וואָס? אונזער הידאַלגאָ־בלוט האָט רע־וואָלטירט? ניט געקענט פאַרטראָגען?

ק אַ ר ד אָ ז אָ: זיי ניט קיין אייזעל, סייסאָס! מאָל דיר אויס אַ פאַל וואָס איז זעהר מעגליך: די אינדיאַנער לאָזען זיך ווידער אויפ׳ן קריגס־שליאַר. וועט קומען דער שוואַרצער יאַסטרעב צום „עלטסטען מאַר נואה" און פאָדערן, אַז דער „איד־שבט" זאָל אַרויסגראָבען דעם טאָמאַהאָק. נו, ווי וואָלט דיר געפעלען, ווען די אידען פון אַמעריקאַ ווערען אוועקגעשטעלט אין אַזאַ מין פּאָזי־ציע? אידישער פּאַטריאָט מיינער!

פּ אַ ר ד אָ (לאַכט היסטעריש): מאַמע מיינע, זיינען מיר דאָס פאַרקראָכען! און אַלץ צוליב דעם פאַרדאַמטען בחורים־קלוב!

מ אָ ז ע ס: וואָס פאַר בחורים־קלוב, וואָס? פּשוט — אַן אי־דיאָטישער שפּאַס!

ק אַ ר ד אָ ז אָ: הערט אויף יאָמערן. מיר מוזען פאַר דעם שפּאַס באַצאָהלען און — פאַרטיג.

פּ י ט ש אַ ט אָ: קינדער, לאָמיך אייך פאַרזיכערען, אַז נח וועט די זאַך נעהמען פיל רוהיגער ווי איהר שטעלט אייך פאָר. דאָס לעבען האָט איהם געגעבען אַ האַרבע לעקציע און מיר ווע־לען זי היינט אָוועגט ענדיגען. סוף־סוף וועט ער אונז דאַנקבאַר זיין — — (עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר, לינקס) אַריינקומען!

פּ י ל י פּ ס (שטעקט אַריין דעם קאָפּ): גוטען אָוועגט! מיין מרדכי איז דאָ. קען מען?

פּ י ט ש אַ ט אָ (לויפט צו דער טיר): קומט אַריין, מאַיאָר נח, קומט אַריין!

די פיר בחורים (שפּרינגען אויף; זייערע פּנימ׳ער זיינען ניט ווייניגער קאָמיש ווי פּאַטעטיש).

פּיטשאַטאַ (פיהרט אַריין נח׳ן): איך בין זעהר צופרידען וואָס איהר זענט געקומען. זעהר!

נח: ווי עס ווייזט אויס זענט איהר ניט געווען זיכער, אַז איך וועל אייער איינלאַדונג אָנעהמען.

פּיטשאַטאַ: נו, לעצטע צייט זיינען אונזערע באַציהונגען געווען — ווי זאָל איך זאָגען? — נו —

נח: לאָמיר זאָגען — אָנגעשטרענגטע.

פּיטשאַטאַ: יאָ — אָנגעשטרענגטע. אָבער מיינע פליכטען אַלס רב פון אייער קהלה — אַלס פּאַסטוך וואָס מוז באַזונדערס אויפ־פּאַסען אויף די פאַרבלאָנדזשעטע שאָף — — —

פּיליפּס: די פאַרבלאָנדזשעטע שאָף — דאָס אפּנים ביזט דו, מרדכי. האַ?

פּיטשאַטאַ: אָנקעל אהרן, אונזער אויפגאַבע היינט אָוועגט איז זעהר אַן ערנסטע. (צו נח׳ן) וואָלט ניט געווען בעסער, מאַיאָר נח, ווען מיר בלייבען אַליין אויף אַ ווייל?

נח: ניין.

פּיליפּס (דעקלאַמירט): „נאַבלער, נאַבלער קאַסיוס, אַ גוטע נאַכט און שלאָף געשמאַק". (שטיל) מרדכי, איך פיהל מיך שטאַרק איבריג — און איך וויל דוקא זיין לעבען דיר היינט אָוועגט.

נח: צוליב מיר זאָל קיינער ניט אַרויסגעהן פון דאַנען. מיינע חברים — אָנקעל אהרן — מיט זיי פיהל איך זיך אומגעשטערט. נו, וואָס האָט איהר מיר צו זאָגען, ראַבי?

פּיטשאַטאַ: מאַיאָר נח, הערט מיך אויס אַזוי רוהיג ווי מעגליך. פאַר אַלעמען וויל איך אייך באַקענען מיט אַ נייעם פאַקט בנוגע אייער אַררט־פּראָיעקט. אויב דער סוף פון אררט איז געווען אַ טרויעריגער, איז דער אָנהויב געווען אַ — שפּאַס!

נ ח: צו וואס זאגט איהר מיר דאס? זיכער ניט, כדי זיך מיט מיר צו רייצען?

פ י ט ש א ט א: חלילה! איך טו דאס, ווייל איך וויל אז איהר זאלט זעהן אייערע משיח׳ישע אידעען אין ריכטיגען ליכט — ווייל דאס וועט אייך העלפען זיך ארויסרייסען פון דעם פאנטאס־טישען פלאנטער. איך וויים, אז איהר האט אייך ניט אין גאנצען אפגעזאגט פון אייער פראיעקט, איהר האפט נאך אז ארדט —

נ ח: און איהר ווילט איך זאל זיך אפזאגען — הא? פון וואס? פון ארדט?

פ י ט ש א ט א: יא, פון ארדט און פון אלע אנדערע או־טאפיעס — — —

נ ח: ניט אלץ מיט אמאל, ראבי פיטשאטא! ערלויבט. פון ארדט איז ניט נויטיג איך זאל זיך אפזאגען. דאס אידישע פאלק האט דאס פאר מיר געטאן; איך האב זיי גערופען און זיי זיינען ניט געקומען. אפנים אז איך האב געמאכט א געאגראפישען טעות. דער געזונטער חוש פון איד האט איהם ניט געלאזט געהן אין ארץ־ישראל דורך אמעריקא. (פויזע) גוט, וועל איך זוכען א קיר־צערען וועג.

פ י ט ש א ט א (צוקאכט): אהא! די משיח־מאניא זוכט שוין נייע פארמען און וועט פיהרען צו נייע סקאנדאלען. און אלץ דער רעזולטאט פון א מיזעראבלען שפאס. שוין בעסער איהר זאלט וויסען דעם אמת. איך טו דאס מיט ווידערווילען. עטליכע פון אייערע גאר־נאהענטע פריינט זיינען אין דעם פארוויקעלט. אבער אלס גוטע אידען וועלען זיי מודה זיין — יא, מודה זיין אין אייער געגענווארט. נו, הערט — — —

נ ח (מאיעסטעטיש): שיסט! די ברוסט איז אפען!

פ י ט ש א ט א: לעצטע מאי האבען אייערע חברים באַ־מערקט, אז איהר זענט זעהר פריינטלאך מיט א געוויסער דאמע.

זיי האבען מורא געהאט, אז אייער חתונה וועט זיין דער סוף פון בחורים־קלוב. עמיצער האט דאן געמאכט דעם אומגליקלאכען פאר־שלאג — — —

נ ח (הויבט אויף די האנט): געווג, ראבי פיטשאטא! (פויזע) ערלויבט מיר אייך צו זאגען, אז יענער עפיזאד איז ביי מיר קיין נייעס ניט. אויף מארגען האט מיר וואן דארן דערצעהלט אלץ וואס האט פאסירט.

די פיר בחורים: וואן דארן? ער האט דערצעהלט? (זיי אטמען אב לייכטער).

נ ח: יא — דערצעהלט. מיר האבען א היבש ביסעל געלאכט.

פיליפס: און איך האב נאך ניט אויפגעהערט. (צולאכט זיך) און מרדכי זאגט מיר: „אנקעל אהרן, פון דעם שפאס קען נאך געבוירען ווערען דער אידישער משיח!"

נ ח: ראבי פיטשאטא, איך באדויער וואס איך האב אייך בארויבט פון אייער קלימאקס. אויב דאס איז אלץ וואס איהר האט מיר געהאט צו זאגען, וועל איך אייך איצט ווינשען א גוטע נאכט. (לאזט זיך צו דער טיר).

פיטשאטא (פארלויפט איהם דעם וועג): איך בין נאך ניט פארטיג, מאיאר נח!

אסתר (עפענט די טיר, לינקס): און איך אויך ניט, ראבי פיטשאטא! (סצענע) ענטשולדיגט. איך האב געקלאפט אין טיר און איהר האט ניט געהערט.

פיטשאטא: איך וויל ניט זיין אומהעפלאך. אבער ווי קומט — — — ?

אסתר (לאכט): מוז איך שוין ווידער ערקלעהרען? גוט, נו. מיין פאטער האט מיר דערצעהלט אז היינט אוועגט זעצט מען מאיאר נח אויף דער אנקלאגע־באנק, בין איך געקומען זיצען מיט איהם אינאיינעם. ס'וועט זיין היימישער.

נ ח: איך אויף דער אָנקלאַגע־באַנק? אינטערעסאַנטע נייעס! ווער קלאָגט מיך אָן?

פ י ט ש אַ ט אַ: איך! איהר ווילט זיך ניט אָפּזאָגען פון אייערע משיח־פּראָיעקטען — וועט דאָס אידישע פאָלק זיך אָפּזאָגען פון אייך. אייערע קהלה־ברידער וועלען זיין די ריכטער.

נ ח: און אין וואָס באַשולדיגט איהר מיך?

פ י ט ש אַ ט אַ: אין אַ פאַרברעכען קעגען דער הייליגסטער טראַדיציע פון יודענטום. מאַיאָר נח, איהר האָט געפיהרט אַ פּראָ־צעסיע אין אַ קירך אריין — אַ פּראָצעסיע וואָס די גאַנצע וועלט האָט באַטראַכט אַלס אַ אידישע. איהר האָט אַריבערגעשפּרייזט די גרעניץ וואָס אידען האָבען אַרומגעצאָמט מיט די הייליגע ביינער פון מאַרטירער. איהר האָט געמאַכט אַ שפּאַן אויפ׳ן וועג פון נאַציאָנאַלען שמד!

נ ח: שמד? ווער וועט חושד זיין מרדכי נח אין פיהרען אידען צו שמד?

פ י ט ש אַ ט אַ: ניט אייער כונה, נאָר אייער טאַט קלאָגט איך אָן. איהר האָט געהאַט אַמביציע צו פיהרען און איהר האָט פאַרפיהרט. אַ נייע היים האָט איהר געוואָלט בויען און אייער ערשטער טריט איז געווען צו צוברעכען די אַלטע — די פעסטונג פון דער אידישער אמונה! (שווערע פּויזע).

נ ח (בייגט דעם קאָפּ): איהר זייט גערעכט. (שטיל) וואָס פאַר־לאַנגט איהר איצט פון מיר? וואָס זאָל איך טאָן?

פ י ט ש אַ ט אַ: עפענטלאך זיך מודה זיין אויף אייער זינד. אין יענעם סאַל פאַרזאַמלען זיך איצט די בעסטע און אָנגעזעהענ־סטע פון אונזער קהלה. געהט אריין צו זיי און דערקלערט אייער ביטערען טעות. איך פאָדער דאָס אין נאָמען פון גאָט, וועמעס כבוד איהר האָט פאַרשוועכט.

נ ח (לאָזט זיך געהן צום סאַל): איך געה!

אסתר: ווארט א מינוט, מרדכי. (פויזע; גערירט) איך געה אויך.

סייסאס: און איך אויך — כאָטש איך בין געווען קעגען פיהרען די פראָצעסיע אין סוירל׳ס קירך. איך וויים אז מאיאר נח האָט דאָס אויך ניט געוואָלט, ביז — — —

פיטשאָטאָ (גערייצט): געוואָלט, ניט־געוואָלט! ער איז געגאַנגען אין סוירל׳ס קירך!

סייסאס: יאָ — נאָכדעם ווי ראבי פיטשאָטאָ האָט גע־סטראָשעט מיט א סקאַנדאָל. מיר האָבען געמוזט געהן דאָרט וואו־היז ראבי פיטשאָטאָ זאָל ניט קענען נאָכגעהן.

פיטשאָטאָ: הייסט עס, אז איך האָב אייך געשיקט!

אסתר: ניט געשיקט, נאָר געטריבען. (נעהמט פיטשאָטאָ׳ס אָרעם) פארעהרטער ראבי, צו וואָס זיך שפּארען? קומט אויך, וועלען מיר זיך אָלע אינאיינעם ריינוואַשען. נו?

פיליפּס: אסתר, ווען מרדכי איז ניטאָ, וואָלט איך זיך מיט דיר צוקושט. (צולאַכט זיך) איז דאָס א מיידעל? (געלעכטער ווערט אָלגעמיין).

פיטשאָטאָ (מיט א פינסטערן בליק): אסתר דזשעקסאָן! (דערפיהלט, אַז בייזערן זיך וועט נאָך פארשאַרפען די קאָמישע סיטואַציע און ער באַהערשט זיך) אפשר איז דאָס מיידעל גערעכט? אפשר בין איך אויך טיילווייז שולדיג? (פויזע) מאיאר נח, הערט! איך בין גרייט צו מאַכען א סוף צו דעם גאַנצען פלאָנטער אויף דעם איינפאַכסטען וועג — אויב איהר וועט מיר העלפען.

אסתר (שטיל): העלף איהם.

נח: גוט! הייסט עס אין דעם קירך־אינצידענט פארגעסען מיר?

פיטשאָטאָ: יאָ־יאָ! אָבער — (פויזע) ליבער נח, די פארשטעהער פון אייראָפּעאישען יודענטום, ניט ווענינער ווי איך,

זיינען שטארק באזארגט וועגן אייערע משיח׳ישע פראיעקטען און זיי פאדערן אז איך — אז איהר — זאלט מאכען א סוף צו זיי. אט איז א פעקעל בריף פון רבנים, שטאאטסמענער, געלעהרטע, שריפט־שטעלער — — —

נ ח: קען איך זעהן די בריף?

פ י ט ש א ט א: זיכער! (גיט איהם די בריף): איך האב מורא, אז עטליכע וועלען אייך פארשאפען יסורים. זיי זיינען געשריבען אין א זעהר אונמעסיגען טאן.

נ ח (הויבט אן עפענען די בריף): ס׳מאכט ניט!

א ס ת ר: מאיאר נח, ערלויבט. (נעהמט ביי איהם די בריף) מיר וועלען זיי לייענען שפעטער. אנגענומען, אז די בריף זיינען פון די גרעסטע מענשען און זיי פאדערן פון ראבי פיטשאטא אפ־צושטעלען די משיח׳ישע פראיעקטען — איז וואס דארף מען טאן? (געהט צו צום קאמין).

פ י ט ש א ט א: אלץ וואס איז נויטיג איז אן עפענטלאכע ערקלעהרונג פון מאיאר נח, אז ער לאזט פאלען דעם ארדט־פלאן און ועט ניט אנפאנגען עפעס א צווייטען, וואס זאל פארשלעפען די אידען אין א פאליטישען געמויזאכץ. דאס אלץ!

נ ח: איך פארשטעה ניט. איז מעגליך, אז די פיהרער פון אייראפעאישען יודענטום זיינען בלינד און טויב צו דער אידישער נויט? ציטערן די פראמינענטען אזוי שטארק פאר זייערע געהויבענע פאזיציעס? איך בין נייגעריג צו זעהן וואס זיי שרייבען אזוינס. זיי אזוי פריינטלאך, אסתר — איך וויל זעהן די בריף.

א ס ת ר: גוט, נו. (שטרעקט אויס די האנט איבער דער ברייט פון קאמין, טוט א קוויטש, ווי זי זאל זיך האבען אבגעבריהט און — דאס פעקעל בריף פאלט אריין אין פייער און צופלאקערט זיך) אי, איך באדויער!

נ ח (באזארגט): אבגעבריהט, אסתר?

אסתר (מיט אַן אומשולדיגען שמייכעל): שיער־שיער!

פּיטשאַטאַ (לאַכט): אַ שאַד וואָס אסתר דזשעקסאָן איז ניט אויף מיין זייט. איך וואָלט שוין לאַנג געהאַט די ערקלעהרונג פון נח׳ן. (בעטענדיג) ליבער נח, לאָמיר מאַכען אַ סוף. העלפט מיר דערפילען די פליכט, וואָס ליגט שווער אויף מיינע אַלטע פּלייצעס.

נח: אָבער וואָס פאַרלאַנגט איהר פון מיר? איך האָב זיך שוין מודה געווען אויף וואָס איהר האָט געוואָלט — אויף דעם אינגלישען וויץ פון מיינע חברים, אויף דעם געפעלשטען דאָקומענט פון די סנהדרין וואָס עקזיסטירט ניט, אויף מיין טעות מכח די אינדיאַנער, אויף דער אומגליקלאָכער פּראָצעסיע. וואָס נאָך זאָל איך טאָן?

פּיטשאַטאַ: בלויז עפּעטלאָך פאַרשפּרעכען זיך מעהר ניט אָבצוגעבען מיט משיח׳ישע פּראָיעקטען.

נח: גוט — אַזוי שנעל ווי די אידישע נויט וועט פאַרשווינ־דען. אַזוי לאַנג ווי זי איז דאָ — און איך אויך — וועל איך מיין צוזאַג ניט קענען האַלטען. (ליידענשאַפטליך) אמת, איך האָב דאָס מאָל אַנגעשלאָגען אַ קרומען וועג; וועט דער צווייטער זיין אַ גלייכער. און וועל איך ניט דערפיהרען ביז׳ן סוף, וועלען קומען אַנדערע און פיהרען ווייטער. אָבער זיך אָפּזאָגען, ווייל עטליכע שווער־לייביגע נאַטאָבעלן האָבען זיך דערשראָקען? קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט!

פיליפּס: בראַוואָ, מרדכי, בראַוואָ! איי ווען דו וואָלסט געווען געשריבען אַזאַ פּראָזאַ אין דיינע דראַמען, וואָלט איך ניט געווען געהאַט אַזויפיל דורכפאַלען.

קאַרדאָזאַ: ראַבי פּיטשאַטאַ, איך זעה, אַז מאַיאָר נח באַ־ציהט זיך צו דעם ענין טיפער און ערנסטער ווי מיר האָבען גערע־כענט. אפשר מאַכען מיר אַ טעות?

פּיטשאַטאַ (פּויזע): יאָ — איך דענק דו ביזט גערעכט, קאַרדאָזאַ. אָבער — — —

הארט (שטעקט אריין דעם קאפ דורך סאל־טיר): ראבי פיט־שאטא, ס'ווערט שפעט!

פיטשאטא (אין פארלעגענהייט): איהר מוזט ווארטען, הער הארט. איך בין נאך ניט פארטיג. זיינען שוין די אנדערע דא?

הארט: אודאי! זיי ווארטען. שפעט, שפעט! (פארמאכט די טיר).

פיטשאטא (שמייכעלט הילפלאז): ליבער נח, איך בין אין א שרעקליכער פארלעגענהייט. איך האב דאס געפיהל אז לאזען אלץ ביים אלטען טאר איך ניט. די מעגליכקייט פון א צווייטען חלול־השם לאזט מיך ניט רוהען. אבער איך וויים ניט וואס צו טאן. איהר זענט געניינט ארומצורייטען איבער די הימלען אויפ'ן עק פון א קאמעט און איך וויים ניט ווי אייך אפצושטעלען.

אסתר: אבשטעלען ווען מיר איהם ניט, ראבי פיטשאטא. מאיאר נח וואלט אויפגעהערט זיין מאיאר נח — און דאס וואלט געווען א גרויסער שאד. אלץ וואס איהם פעהלט איז באלאסט, אבישעל שווערע משא, וואס זאל באלאנסירען זיין לופט שיף, און א מאסיווער אנקער וואס זאל איהם געבען די מעגליכקייט זיך אפ־צושטעלען ווען נויטיג. (פויזע) איך גלויב אז מאיאר נח וועט זיין צופרידען זיך צו באווארענען מיט באלאסט און אנקער אויב דאס וועט אייך צופרידען שטעלען.

פיטשאטא: צופרידען! אבער חוץ דעם שעהנעם מע־טאפאר וועגען באלאסט און אנקער — — —

אסתר (לאכט): ווילט איהר אויך וויסען וואס דאס מיינט. הא? (צולאכט זיך) גוט! איך וואלונטיר צו דער באשיידענער ראלע פון באלאסט און אנקער, אויב מרדכי נח קען ניט געפינען קיין בעסערע פון מיר. (סצענע).

פיליפס: מרדכי, וואס פאר א קאוואליר ביזטו? פאר־וואס צוקושט דו דיך ניט מיט דיין כלה? (געלעכטער) א מענש

רעדט שוין דריי יאהר, שלאָפעדיג און וואכעדיג, וועגען אסתר דזשעקסאָן און וואַרט ביז מ׳פיהרט איהם צו דער חופה מיט געוואַלט!

נ ח: ניט אמת, אנקעל אהרן. איך האָב ניט געקענט האָפען, אז אסתר וועט זיך וועלען פאַרבינדען מיט דעם טרויעריגען העלד פון אררט־פּראָיעקט. אָבער אויב אסתר———

א ס ת ר: איך? (לאַכט פאַרשעהמט) די צוקונפט פון אידישען פאָלק פאָדערט פון מיר אַ קרבן. ווי קען איך וואַגען זיך אָבצוזאָגען?

מ א ז ע ס (ליאַרעמט): ווייה, ווייה! אונזער פּרעזידענט איז געפאַלען!

ד י א נ ד ע ר ע ב ח ו ר י ם (יאָמערן): ווייה! ווייה! דער בחורים־קלוב איז חרוב געוואָרען! (געלעכטער).

פּ י ט ש אַ ט אַ: איהר זעהט, ליבער נח, איהר האָט מיך פאַרט ניט באַרויבט פון מיין קלימאַקס. אָט געה איך גלייך אַריין צו אונזערע בעלי־בתים און זיי דערצעהלען אז סוף־סוף האָב איך מרדכי נח׳ן באַזיגט; אז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער שטעהן אונטער אַ שטאַרקען קאָנטראָל; אז נח׳ס תיבה האָט אַ שטאַרקען אַנקער. (אָב אין סאַל).

פּ י ל י פּ ס (דעקלאַמירט): „געה נאַר, געה; די חופה מאַך שוין גרייט — צום סוף, האָפּ׳ן מיר, קומט די גוטע צייט“. (לויפט צו צו דער סאַל־טיר, עפענט זי אָביסעל און הערט זיך איין) שטיל! איך וויל הערען וואָס ער זאָגט. (זאָגט נאָך דאָס וואָס ראבי פּיטשאַטאַ רעדט אין סאַל) „ער איז איינער פון די בעסטע זיהן פון אונזער פאָלק“. האָ, מרדכי? דאָס מיינט ער דיך? (געלעכטער) שאַ! „און אויב ער האָט געטאָן עפּעס מיט וואָס מיר האָבען ניט געקענט איינשטימען, מוזען מיר איהם דאָס פאַרגעבען“. אַנדערע ווערטער, האָ? „אונזערע חכמים האָבען געזאָגט, אז אין טאָג פון דער חופה ווערען

דעם מענש פאַרגעבען אַלע זיינע זינד". איהר הערט? ניט אומ־זיסט רייסען זיך אַזוי מענשען חתונה צו האָבען. איך אַליין — —

(פון סאל דערהערט זיך אַ טומעל. די טיר ווערט אויפגעריסען. ראבי פיטשאַטאַ, הארט און דער אַלטער דזשעקסאָן קומען אַריין. נאָך זיי — אַנדערע וואָס גרופּירען זיך אין הינטערגרונט און פילען אָן די אָפענע טיר).

ד ז ש ע ק ס אָ ן (לויפט צו צו אסתר׳ן און סטראַשעט מיט׳ן פינגער): דו׳ דו׳ דו! און מיר האָסטו קיין וואָרט ניט געזאָגט!

א ס ת ר: צו וואָס? איך האָב ניט געוואָלט מיט דיר חתונה האָבען, פּאַפּאַ! (צוקושט זיך מיט איהם).

פּ י ט ש אַ ט אַ: אָט איז אונזער מרדכי נח מיט זיין כלה. זיי קומט אַ מזל־טוב.

אַ ל ע (טומלען): מזל־טוב!

פּ י ט ש אַ ט אַ: ער האָט זיך היינט אָוועקגעשטעלט שטאַרק גע־וועהרט קעגען מיר. אָבער מיט דער הילף פון אסתר דזשעקסאָן האָב איך איהם בייגעקומען. ער האָט געפאָלגט!

נ ח: איך בין גליקלאַך, וואָס איהר האָט מיך באַזיגט, ראבי פּיטשאַטאַ. אָבער געדענקט! אין אייער זיג ליגט אויך דער קערן פון מיין געדאַנק. אסתר און איך געהען בויען — אַ אידישע היים!

א ס ת ר: און פון אונזער היים וועט מרדכי אויפ׳ס ניי זיך נעהמען בויען די היים פאַר׳ן אידישען פאָלק.

נ ח: מיט אסתר׳ן אַלס מיניסטער פאַר אינערלאָכע ענינים וועט דאָס ניט זיין אַזוי שווער. (צערטלאַך) האָ, ליבהאַרציגע אסתר? (נעהמט זי אין זיינע אָרימס און קושט זי).

(פאָרהאַנג).

רחב פון יריחו

(1927)

פערזאָנען:

רחב

סלד, איהר פאָטער

אתי, קעניג פון יריחו

שרף, כהן־גדול פון עשתרות

יובב, אַ רייכער סוחר

אשבק, איינער פון די שטאָדט־עלטסטע (זקנים)

רדי, קאפיטאַן פון די וואַך־יונגען

פנחס } מרגלים פון די בני־ישראל
כלב }

יונגערמאַן

עלטסטער טויער־היטער

ערשטער סוחר

צווייטער סוחר

דריטער סוחר

ערשטער ריז } פון אמים־שטאַם
צווייטער ריז }

מאטראָנע

אַלטער מאַן

יונגפרוי

אַ מאַן

אַ פרוי

וועכטער (שטים פון טורעם)

צוויי אויסרופער

אַ כהן

דינסט (ביי רחב'ן)

אַ נובישער שקלאַף, כהנים און טעמפעל־דינער. שטאָדט־עלטסטע. יונג־פרויען. וואַך־יונגען. טאַנצן־שפּילער. טויער־היטער, שקלאַפען, מענער און פרויען פון יריחו.

ערשטער אקט

ערשטע סצענע

א פּאַלמען־וועלדעל מיט׳ן טעמפּעל פון עשתרות אין הינטערגרונט. מענער און פרויען שפּאַצירן צווישן די בוימער.

ס ל ד (אין די פּראָסטע קליידער פון אַ נביא קומט אַריין) : ביי דיין טויער, אַ עשתרות, וועל איך שרייען; אונטער די פּאַלמען פון הייליגען וועלדעל וועל איך אויפהויבען מיין שטים. אַ נעץ איז עשתרות; אַ נעץ און אַ פּאַל־גרוב פאַר די קינדער פון יריחו!

מ ע נ ע ר א ו ן פ ר ו י ע ן (דערהערען זיין געשריי און קומען נעהענטער).

ס ל ד : איצט הערט מיינע ווערטער, איהר דינער פון דער געטין־מיט׳ן־שמייכעל. אויב אַ מאַמע איז אַ זונה, וועלען די טעכטער זיין צנועות? אויב דער מזבח איז אַן אומריינער קוואַל, קען דער קרבן־ברענגער גערייניגט ווערען פון זינד? אויב דער כהן איז אַ תאוה־מעקלער — — — ?

י ו נ ג ע ר מ א ן (ערשטוינט) : לעסטערט ער די גרויסע מאַמע? און דאַ, אין איהר הויז?

ס ל ד : אַה, די גרויסע מאַמע! (חוזק׳ט) די פון וועמעס טראַכט אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען קומען! (כאַפּט דעם יונגען־מאַן ביים אָרעם) איידער ס׳וועלען שפּראָצען האָר אויף דיין קינבאַק, וועט די גרויסע מאַמע אויסגעדאַרט ווערען ווי אַ דאָרן־פּלאַנץ אויף אַ זאַמד־בערגעל. יאַ, טויט און חורבן — — —

י ו נ ג ע ר מ א ן (דערשראָקען) : לאָז מיך אָב! (רייסט זיך אַוועק פון סלד׳ן).

ס ל ד: טויט און חורבן, געטראָגען אויף די פליגעל פון מזרח־ווינט, קומען קיין יריחו. און זייער געצעלט וועלען זיי אויפשטעלען צווישען אייך — אין שאָטען פון אייערע פּאַלמען־בוימער, אונטער די זיילען־בויגענס פון קעניגס פּאַלאַץ.

אַ מ אַ ט ר אָ נ ע (שאַרף): הערט ווי דער אַלטער שאַקאַל רעווועט. רייניג דיין אייגען הויז, נביא!

י ו נ ג ע ר מ אַ ן: ווער איז ער, מאַטראָנע?

מ אַ ט ר אָ נ ע: ווער? דער פאָטער פון דער זונה, וואָס וואוינט ביי דער מויער. און ער, ער, מוסר'ט אונז!

ס ל ד: יאָ, איך בין סלד, רחב'ס פאָטער. (פּויזע) ליב געהאַט האָבען זי פיל און פיינט געהאַט האָבען זי פיל, אָבער איך, דער פאָטער, קען זי. ווען עשתרות וואָלט אַרונטערגענידערט פון איהר הויך צו פאַרשנירען רחב'ס סאַנדאַל — — —

מ אַ ט ר אָ נ ע: זאָל דיין צונג קלעפּען צו דיין גומען, לעסטערער!

מ ע נ ע ר א ו ן פ ר ו י ע ן (רינגלען איהם אַרום): לעסטערער! פאַרמאַכט איהם דאָס מויל!

אַ ש ב ק (רייסט זיך אַריין אין רעדעל): הערט אויף! ווער וואָגט פאַרשוועכען הייליגע ערד מיט טומעל און געשרייען? אָה, איך זעה סלד איז דאָ. (שמייכעלט) האָט ער שוין ווידער נביאות געזאָגט?

מ אַ ט ר אָ נ ע: געשאָלטען האָט ער; געשפּעט!

אַ ש ב ק (שאָקעלט קלוג דעם קאָפּ): יאָ, אַזוי טוט ער תמיד, ווען שלעכטע חלומות הויבען איהם אָן פּלאָגען. אַ רחמנות אויף אַ מענש וואָס איז אַזוי געשטראָפט און — — —

ס ל ד: באַהאַלט דיין רחמנות פאַר זיך אַליין. ווען די נייע לבנה וועט זיך ווידער טובל'ען אין די וואַסערן פון זאַליע־ים, וועט יריחו זיין אַ חורבה.

מ ע נ ע ר א ו ן פ ר ו י ע ן (ליאַרמען): ליגנער! פאַל־שער נביא!

א ש ב ק: שרעקט אייך ניט. שוין יאָהרען אַז סלד׳ס אויג זעהט דעם חורבן פון יריחו. נביאים האָבען ליב די סאָרט שוואַרץ־זעהעניש. אָבער יריחו שטעהט; די מויערען נאָך אַלץ פעסט אין זייערע פונדאַמענטען. ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. ניטאָ!

מ ע נ ע ר א ו ן פ ר ו י ע ן: גערעכט איז אשבק! די מויערען זיינען שטאַרק!

ס ל ד: זעהט אַ בלינדער שפּעלטעלאָך? וועט אַ טויבער הע־רען דאָס שאַרכען פון אַ ווינטעלע? אָבער ווען דאָס ווינטעלע ווערט אַ ציקלאָן, ווערט פון שפּעלטעל אַן אויפגעריסען מויל. צום מדבר ווענדט אייערע אויגען, איהר קינדער פון יריחו. קוקט גוט און איהר וועט זעהן.

א ש ב ק: צום מדבר גאָר? אָה, געהערט האָט ער קלאַנגען וועגען ווילדע שבטים וואָס ציהען זיך צום ירדן און איהם איז באַפאַלען אַ מרה־שחורה. (מיט אַן אָנשטעל אויף גוטמוטיגקייט) סלד, איך האָב אַ טייערע רפואה פאַר מרה־שחורה; רויט־פלייש געבראָטען אויפ׳ן שפּיז און רויטען ווײַן געמישט מיט פריש קוואַל־וואַסער. מיר העלפט דאָס תמיד.

ס ל ד (מיט אַן אויסטערליש געלעכטער): אַ האַרץ געלעכערט פון שווערט איז רויט־פלייש אויפ׳ן שפּיז; דער קוואַל פון יריחו רויט־געפאַרבט מיט בלוט, איז ווײַן געמישט מיט פריש קוואַל־וואַסער. אַ וואַוילען משל אויסגעקליבען, עלטסטער; גאָר אַ וואַוילען.

(דערווייל האָט זיך דערהערט טאַצען־שפּיל, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנ־קומען פון אַ פּראָצעסיע. ס׳קומען אַריין צוויי אויסרופער, עטלאַכע טאַצען־שפּילער און נאָך זיי יובב. דער בעל־בשר׳דיגער סוחר איז אָנגע־טאָן אין טייערע קליידער און דער הויכער פאַסטוך־שטעקען אין זיין

האַנט פּונקעלט מיט פּיל־פּאַרביגע שטיינער. אויף אַן אויסגעשטיקט קי־שעלע, געטראָגען פון צוויי שקלאַפן, ליגט אַ גאָלדענע טיאַרא מיט צוויי עלפענביין־הערנער, געפורעמט ווי אַ האַלב־לבנה און באַזעצט מיט דימענטען. אַנדערע שקלאַפן קומען נאָך).

צוויי אויסרופער (אינטאָנירען אינאייִנעם): עפענט אַ וועג, איהר באַוואוינער פון יריחו! מאַכט פריי אַ גאַנג פאַר יובב, אונזער האַר! (טאַצען־שאַל) אַט זעהט דעם גרויסען סוחר, וועמעס קאַראַוואַנען לאָזען אַ ברייטען שליאַך אין ווילדע מדבריות! (טאַצען־שאַל) פריה־רעגען איז געפאַלען אין לאַנד ווען זיינע קעמלען זיינען אַוועק, אַנגעלאָדען מיט געווערץ און באַלזאַם און פעפער. איצט, אין חודש פון בליהונג, איז יובב צוריקגעקומען! (טאַצען־שאַל) און געבראַכט האָט ער אַניקס־שטיינער און גאָלדענע בראַנזלעטען און זילבערנע קנעכעל־רינגען און פיינע לייוועגט! (טאַצען־שאַל) געבענשט האָט עשתרות די מיה פון זיינע הענט — —

סלד (כאַפּט אויף דעם נגון פון די אויסרופער): און די צוויי וואגען וואָס ער טראָגט אין זאַק — איינע אַ גרינגע, די צווייטע גאָר אַ שווערע — האָט אָנגעפילט זיין קעשענע מיט שקלים אַ סך! (דער עולם גאַפט).

שטימען: חוזק'ט ער פון סוחר? רופט ער איהם גנב? שאַ! יובב וויל ריידען!

יובב (שאַרף): איז דאָס דער טעמפּעל פון עשתרות צי דער טויער פון די קעמעל־טרייבער? (פיינלאַכע פויזע) ניטאָ קיין טעמפּעל־דינער אַרויסצוויאַגען גאַסען־הינט פון דאַנען? (שטורכעט אַ שקלאַף מיט זיין שטעקען) דעם כהן־גדול רוף! (שקלאַף אָב).

סלד: האַסטו דערמאָנט גאַסען־הינט, יובב? נו, אַט האַסטו אַן אַלט ווערטעל פאַר דיין לוין. האווקען גאַסען־הינט, קומט דער מלאך פון טויט צו גאַסט. אַט אַזוי!

אשבק: ניט אַזוי, סלד, באַגריסט מען אַ חשוב'ען סוחר, ווען ער קומט צוריק פון אַ ווייטער נסיעה. ניין! (צו יובב'ן) גע־

בענשט דיין צוריקעהר, יובב. אה! און וואס פאר א פיינע קרוין דו ברענגסט עשתרות׳ן! זעהר גוט געדענק איך דיין נדר צו באַצירען דעם קאפּ פון דער גרויסער מאמע.

י ו ב ב (ברומט): יובב האלט ווארט — תמיד!

א ש ב ק: אודאי, אודאי! פון היינט אָן וועט די גרויסע מאמע ווערען די צוויי־הארנדיגע עשתרות און בענשען דיין נאָמען וועט גאַנץ יריחו.

י ו ב ב: בענשען? (כעס׳דיג) און ערשט איצט האָט דער נאַכט־פויגעל מיך גערופען גנב! נאָר אָט קומט דער כהן־גדול. ער וועט דעם מאוס׳ען נפש דאס מויל פארמאַכען.

ש ר ף (נאָכגעפאָלגט פון טעמפּעל־דינער, קומט אַריין. אויפהויבענדיג די הענט, שעפּטשעט ער שנעל אַ ברכה): פרידען צו די וואָס ווילען פרידען! יובב, באַליבט ביי געטער און מענשען, עשתרות גריסט דיך אין איהר היים.

י ו ב ב (ברוגז׳לאך): זי גריסט, הא? זאָל זי פריהער ריי־ניגען איהר וועלדעל פון נאַכט־פויגלען און קרעציגע הינט.

ש ר ף: האָט דיך ווער באַליידיגט דא, אין הייליגען פּלאַץ?

י ו ב ב: מאוס באַליידיגט! מיינע אויסרופער האָט מען פאַר־שפּאָט; אויף מיין קרבן געשפּיגען.

א ש ב ק: אבער, יובב! ווער וועט זיך צוהערען צו סלד׳ס פּלוידעריי?

ש ר ף: סלד? (מיט אַ בייזען קוק) געוואָרענט האָב איך דיך מעהר ווי איינמאל ניט צו ווייזען דיין פּנים אין הייליגען וועלדעל. אַ קעמעל־האָר העמד און אַ גרילציגער קול זיינען אַן עקעל דער געטין־מיט׳ן־שמייכעל.

ס ל ד: אבער ניט קיין עקעל איהם, וועמען איך דין און וואָס האָט מיך אויסגעוועהלט פאר זיין פירשפּרעכער. פאַרטריבען האָט ער מורא פון מיין הארץ און מיר געזאָגט: געה און רויף אויס — —

ש ר ף: ער? ווער איז ער וואס שטעלט זיך העכער פון עשתרות און איהרע דינער? (פויזע) זאג, ווער איז ער?

ס ל ד: ער, ער! דער העכסטער! (איהם איז שווער צו געפינען ווערטער) ער וואס האט באשאפען הימעל און ערד. ער, וועמעס ליכט פארצעהרט די נשמה מיט וואונדער און הכנעה. ער, וואס — — — וואס — — —

ש ר ף: זיין נאמען זאג און מיר וועלען וויסען. (טרייסעלט איהם) רעד, לעסטערער!

ס ל ד (געפייניגט): נאמען? נאמען? אבער ער איז דער־אהן־א־נאמען. קיין נאמען קען איהם ניט באשרייבען; קיין צונג — ניט ארויסריידען.

י ו ב ב (לאכט ברייטלאך): כא־כא־כא! א גאט אהן א נאמען! כא־כא־כא! און דער נאכט־פויגעל איז דער כהן־גדול זיינער!

ס ל ד (שטיל): ניט זיין כהן, נאר זיין קנעכט בין איך. בייגט די קעפ, האט חרטה אויף אייערע זינד און איך וועל אייך פיהרען — — —

ש ר ף: דו וועסט אונז ניט פיהרען. אויב מיר וועלען דיר נאכגעהן, וועט דאס זיין צום שאנד־קלאץ, וואו לעסטערער לערנען איינצוהאלטען די צונג.

א ש ב ק (פראטעסטירט): ניין, שרף! אלט איז סלד און ניט זעהר שטארק. לאז מיך איהם פיהרען אהיים צו רחבין. און בעטען וועל איך זי אויף איהם בעסער אכטונג צו געבען.

י ו ב ב: אשבק קען פארגעבען ווען מ׳לעסטערט די גרויסע מאמע. אבער שרף, איהר כהן־גדול? (רציחה־דיג) זאל עשתרות אבטרעטען איהר ארט דעם נאמענלאזען גאט? זאל אט די אומריינע חיה טראגען די כהונה־קליידער פון שרף? שמייץ גיב איהם!

מ ע נ ע ר א ו ן פ ר ו י ע ן (שרייען): יא, שמייץ! שמייץ!

ש ר ף: וואלט דער קעניג איהם און רחב'ן פארטריבען, וואלט איך איהם איצט ניט באשטראפט. ניט קיין תענוג איז אויפצוהויבען די ביימש איבער דעם צובראכענעם גוף.

י ו ב ב: שרף האט אויך רחמנות? (שווערע פויזע) זאל זיי אתי ארויסיאגען פון יריחו, אויב ער וויל. אבער דו — שמיים. און שמיים שטארק!

מ ע נ ע ר א ו ן פ ר ו י ע ן (טומלען): שטארק שמיים! שטארק!

ש ר ף: די עשתרות־דינער זיינען דערצערנט און זאל זיך שרף שטעלען קעגען זיי? (צו די טעמפעל־דינער) צום שאנד־קלאץ!

ס ל ד (ראנגעלט זיך): ווייה צו אייך, דור פון רשעים! ס'קומט א טאג, און איהר וועט געשמיסען ווערען מיט פייער־ריטער! (זיין געשריי ווערט דערשטיקט אין טומעל פון פאלק, וואס געהט איהם נאך צום הינטערגרונט. די וואס בלייבען, שטרעקען די העלזער צו כאפען א בליק פון די הכנות וואס ווערען געמאכט אויף דעם שטראף־פלאץ).

ר ח ב (באגלייט פון איהר דינסט, קומט שנעל אריין. מיט אומרוהיגען בליק, זוכט זי וועמען צווישען דער טומעלדיגער מאסע. זי באמערקט אשבק'ן און לויפט־צו צו איהם): עלטסטער, איז מיין פאטער דא געוועזן?

א ש ב ק (דרעהט זיך אוים): רחב?

ר ח ב: מ'האט מיר דערצעהלט, אז מיין פאטער זאגט נביאות אין הייליגען וועלדעל.

א ש ב ק (צוטומעלט): יא — געוועזן און נביאות געזאגט און אריין אין א צרה.

ר ח ב (ווערט בלאס): איז ער דארט, צווישען יענע? איך וויל איהם אהיים נעהמען.

אשבק (האַלט זי אָב): היט דיך, רחב. מעהר ווי דעם פאַ־טער האסט שרף די טאָכטער און די עשתרות־דינער זיינען אויפ־געבראַכט.

סלד׳ס שטים: העלף מיר, דו־אַהן־אַ־נאָמען! (זיין שמערץ־געשריי הילכט דורכ׳ן וועלדעל).

רחב (לויפט פאַרביי אשבק׳ן צום הינטערגרונט. פון טומעל רייסט זיך באַלד אַרויס איהר העלע שטים): זיין בלוט אויף אייערע קעפ, מערדער פון גרייזען!

אשטים (פון הינטערגרונט): היט זיך! אַ קינזשאַל! (די מאַסע טוט זיך אַ שטופּ אויף צוריק; טומעל וואַקסט).

יובב׳ס שטים: די חוצפה׳דיגע זונה! פּאַקט זי! (לויפט אַרויס יאָמערנדיג) געשטאָכען האָט זי. איך פאַרבלוט, איך פאַרבלוט! (זיינע שקלאַפען באַמיהען זיך צו האַמעווען די וואונד אין זיין אָרעם).

רחב (פיהרט דעם באַטויבטען און קרעכצענדיגען סלד. דער בלאַנ־קער קינזשאַל מאַכט איהר פריי דעם וועג).

מאטראַנע (ווילד): זענט איהר מענשען צי מייז? פּאַקט זי! פּאַקט זי!

אשבק (הויבט אויף די הענט): גענוג! וואו איז די טאָכ־טער, וואָס וואָלט דאָס ניט געטאָן פאַר איהר פאָטער? לאָזט זי געהן אין פרידען (מאַסע טרעט אָב).

רחב (מיט אַ שוואַכען שמייכעל): שרעק דיך ניט, עלטסטער. רחב און עשתרות זיינען נאָהענטע. די מענער פון יריחו שעדיגען ניט די, נאָך וועמען זיי גלוסטען.

שרף (שאַרף): נאָהענטע? רחב, מיט אַ האַרץ פאַר׳סמ׳ט פון פרעמדען גלויבען, אַ נאָהענטע צו דער גרויסער מאַמע? וויים איך אָבער, אַז סלד האָט בלויז גערעדט דאָס, וואָס רחב האָט גע־טראַכט און זי האסט עשתרות׳ן און———

ר ח ב: און איהרע כהנים. (איראָניש) זי לאַקט אַוועק מענער און מתנות פון שונאים טעמפּעל.

ש ר ף (צוקאַכט): און זי באַריהמט זיך מיט איהר זינד! די אויערען פון מענשען האָט סלד דערגרייכט; רחב אָבער — זייער האַרץ. ניט שרעקט אייך פאַר'ן שונא פון יענער זייט טויער; ציטערן זאָלט איהר פאַר דעם וואָס וואוינט צווישען אונז. אומ־ברענגען עשתרות'ן וויל זי און די וואָס דינען עשתרות'ן.

ר ח ב: באַרוהיג זיך, דינער פון דער געטין־מיט־ן־שמייכעל. באַלד וועט עשתרות געפינען רוה און — איך אויך. דער טאָג קומט.

מ אַ ט ר אָ נ ע (גיפטיג): הערט נאַר! נביאות זאָגט זי — די זונה!

ש ט י מ ע ן: זונה! זונה!

ר ח ב (געהט ווייטער מיט דעם באַטויבטען סלד. ביים טויער דרעהט זי זיך אויס, אַ טרויעריגען שמייכעל אויף די ליפּען): זונה. יאָ, דאָס בין איך. אַ זונה! דו, עלטסטער, וואָלסט זיי געקענט זאָגען. וואָלט איך געווען וועלען, וואָלט איך איצט געווען זייער קעניגין! (אָב מיט סלד'ן).

(אַ מיגוט שטעהען אַלע ווי באַטויבט).

(פאָרהאַנג).

ה. סעקלער

צווייטע סצענע

א צימער אין רחבֿ'ס הויז. איין טיר פירט צום פֿאָרהויז (הויפּטאַיינגאַנג); אַ צווייטע צו די אינווענדיג־סטע חדרים. טרעפּ און אַ טיר פיהרען צום דאַך. אָווענט. צוויי מנורות וואַרפען אַ מילדע ליכטיגקייט אויף פּיל־פאַרביגע טעפּיכער, דיוואַנעס און פיין־געפורמטע בראָנז־כלים.

א ש ב ק (אָנגעלעהנט אויף אַ דיוואַן, מיט וויין־פלעשעל און בעכער אויף אַ נידריג טישעל לעבען איהם): האסטו געזאָגט דער האַרינטע, אַז אשבק וואַרט אויף איהר?

ד י נ ס ט (אַרונטערקומענדיג די טרעפּ): געזאָגט, עלטסטער.

א ש ב ק: און וואָס האָט די האַרינטע געענטפערט?

ד י נ ס ט: זי האָט ניט געענטפערט.

א ש ב ק: ניט געענטפערט? (ווי צו זיך אַליין) ערשט היינט מציל געווען אי זי אי איהר פאָטער פון דערצערנטען פאָלק. האָב איך ניט פאַרדינט מיין לוין? און זי — זי האָט ניט געענטפערט. (שטעהט אויף) און אפשר וואָלט איך זי אַליין דערמאָנט —? (לאָזט זיך צו די טרעפּ; פאַרלירט אָבער דעם מוט) ניין! גלייכער צו וואַרטען. (געהט צוריק צום דיוואַן) און אַ שטייגער, וואָס טוט די האַרינטע איפּ'ן דאַך?

ד י נ ס ט: זי האָט ליב זעהן די זון פאַרגעהן.

א ש ב ק (אַמוזירט): שוין לאַנג־לאַנג, אַז די זון פאַרגעהט יעדען טאָג. איז וואָס אַזוינס דאָ צו זעהן? און בלאָזט אַ קאַלטער ווינט פון מערב, קען מען זיך פאַרקיהלען אויך. וואָס טוט אַ קלוגער מענש בשעת די זון פאַרגעהט? ער טרינקט אַ בעכער וויין

צו האַלטען וואַרעם די געבליטענע. (טרינקט) רחב׳ס ווײַן איז גוט. און וועל איך נאָר וואַרטען, וועט רחב אויך קומען. ערשט היינט מציל געווען אי זי אי — — —

(אַ קלאַפּ אין טיר. דינסט עפענט).

יונגערמאַן (קומט אַריין, אַ דערשראָקענער): וואוינט רחב דאָ?

דינסט: יאָ, יונגער האַר.

יונגערמאַן (פאַרשעהמט): איך ווייס — און ניט דאָס — האָב איך געוואָלט פרעגען. איך בעט זאָגען דער האַרינטע, אַז איך — איינער וועמען זי קען ניט — — —

דינסט (מיט אַ קוים-מערקבאַרען שמייכעל): אויב דו וועסט וואַרטען, וועט זי דיך אפשר זעהן. (מאַכט צורעכט אַ דיוואַן) רוה דיך אָב, יונגער האַר. און אָט איז ווײַן צו דערפרישען דײַן האַרץ. (שטעלט ווײַן-פלאַש און בעכער לעבען איהם און פאַרשווינדט שטיל אויף די טרעפּ צום דאַך).

אשבק: וואוינסט אין יריחו, יונגערמאַן?

יונגערמאַן: יאָ. פאַרוואָס פרעגט דער עלטסטער?

אשבק (צופרידען): דו קענסט אשבק׳ן? אָה, איז גוט. (פאַרטרויליך) היינטיגע צייטען מוז מען זיך היטען פאַר פרעמדע. קלאַנגען טראָגען זיך אַרום.

יונגערמאַן: קלאַנגען?

אשבק: יאָ, כאָטש קלאַנגען קענען זײַן פוסטע אויך. די בני-ישראל — נאָר זאָל זײַן גענוג. (שפּיציג) און רחב ווייסט ניט אַז דו קומסט היינט אַוועגט?

יונגערמאַן: ניין. היינט האָבען מײַנע אויגען דאָס ערשטע מאָל זי געזעהן.

אשבק (איבעראַשט): און דו ביזט פון יריחו?

יונגערמאַן (שטיל): מ׳האָט מיר געהייסען זיך היטען פאַר איהר און איהר הויז. אָבער היינט, פאַרוויילענדיג אין היי־ ליגען וועלדעל, האָב איך זי דערזעהן. (באַגייסטערט) אַה! זי האָט זיך באַוויזען ווי אַן אָדלער וואָס שניידט זיך אַ וועג איבער באַרג־ שפּיצען. און ווען זי האָט אויפגעהויבען איהר קינזשאַל אויף יובב׳ס קאָפּ, האָט זי געלויכטען ווי אַן עלפּענביין־טורעם מיט פלאַ־ טערענדיגע פאָהנען.

אשבק (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און שמייכעלט): אַהאַ! דער אַלטער רחב־כשוף!

יונגערמאַן: אָפט פלעגט עשתרות צו מיר קומען אין חלום אַ לעבעדיגע און ווען רחב———

אשבק: שאַ! אָט איז זי.

רחב (באַווייזט זיך אויף די טרעפּ. זי פאַרנייגט זיך און קומט אַרונטער): די לופט איז קיהל, עלטסטער. (פּויזע) און מיין האַרץ— מיד. איז אַ בעכער וויין ניט אַ סגולה פאַר ביידע, אַ חכם פון יריחו?

אשבק: קלוגע ווערטער, רחב, קלוגע ווערטער. (פילט אָן בעכער) אשבק וועט זיך פרעהען———

יונגערמאַן (טראָגט אונטער זיין בעכער; שעמעוודיג): זאָל ניט אַ אינגערער דיך באַדינען, רחב? אמת, אַ פרעמדער בין איך אין דיין הויז———

רחב: ניטא קיין פרעמדע אין רחב׳ס הויז. (איהר בליק גלעט זיין יונגג, צושראָקען פּנים) דיין וויין אָבער וועל איך ניט טרינ־ קען. (נעהמט בעכער פון אשבק׳ן און טרינקט).

אשבק (מיט אַ תאוה־שמייכעל): געבענשט דיין פאַרשטאַנד, טאָכטער פון סלד. ניט די יונגע, אומגעצייטיגט און פיבעריש, גע־ ווינען דיין האַרץ———

ר ח ב (שטיל): איך האָב געטרונקען דיין ווייַן, ווייל דיר וועט דאָס ווייניגער שאַדטען.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן (גיסט אויס זיין בעכער): און איך וועל גיסען מיין ווייַן צו דיינע פיס, ווי זיי וואָלטען געוועזן די פיס פון עשתרות.

ר ח ב (פאַרטראַכט): דער ווייַן־גוס־קרבן פון פריה־יאָהר, ווען ריחות פון צובליהטע בוימער פאַרזיסען די לופט און דער האָר פון ליבע שפּאַנט איבער פרוכטבאַרע טאָלען. (פּויזע) רחב׳ס האַרץ, אָבער, איז אַ פעסטונג; אומזיסט וועט דער יונגער גבור שטורמען דעם טויער. אָפט האָב איך איהם געזעהן קומען — מיט פרייד און געלעכטער. און באַלד איז ער ווידער אַוועק — אַש אויפ׳ן קאָפּ און ווערמוט אויף די ליפּען.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן (ערשטוינט): איז רחב׳ס האַרץ ניט אַ קוואַל פון אייביגער פרייד? (פּויזע) ווען רחב וואָלט געזעהן רחב׳ן, וואָלט טרויער פאַרשוואונדען פון איהר נשמה. (אין עקסטאַז) געבענשט זאָל זיין רחב! געבענשט זאָל זיין דאָס ליכט פון איהרע אויגען און די פרייד וואָס שפּראָצט פון איהרע בויגזאַמע גלידער. געבענשט זאָל זיין דער געזאַנג אויף איהרע ליפּען און — — —

ר ח ב (שמערצלאַך): ניטאָ קיין געזאַנג אויף רחב׳ס ליפּען. ניין. מיד איז זי, מיד. דאָס פייער וואָס שטראַמט פון דיין יונגען האַרץ פאַרצעהרט בלויז איהר נשמה. (רוהיג) געה!

א ש ב ק (איראָניש): און היל דיך גוט איין אין דיין מאַנטעל. דו קענסט דיך נאָך פאַרקיהלען.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן (דערשלאָגען): שיקסט מיך רחב אַוועק?

ר ח ב: יאָ! (פּויזע) געה און בענש רחב׳ן וואָס זי ענטזאָגט זיך דיר. דיין ווייהטאָג וועט ווערען אַ געזאַנג צו דער יונגער לבנה; דאָס ניט־אויסגעלאָשענע פייער וועט פאַר דיר שמידען אַ פלאַמענדיגע שווערט. דאָס איז רחב׳ס מתנה. נעהם זי און געה דיין וועג.

י ו נ ג ע ר מ א ן (וואַרפט זיך אויף די קני, קושט דעם זוים פון איהר קלייד און פאַרשווינדט).

א ש ב ק (מיט באַוואונדערונג): קלוג איז רחב אין אַלע איהרע וועגען. זאָל אַ יונגער בחור זיך זעצען צו דער סעודה, בשעת אַן עלטסטער, אנגעזעהן און חשוב אין זיין שטאָדט — — — ?

ר ח ב (קאַלט): ס'איז ניט נויטיג געווען דיך אָוועקצושיקען, עלטסטער. (עפענט די טיר און הערט זיך איין ביז די טריט שטאַרבען אָב. ווען זי קומט צוריק זייגען איהרע אויגען האַלב־געשלאָסען און איהרע ליפען אַש־גרוי. זיפצט) ער איז אַוועק! (זעצט זיך אויפ'ן דיוואַן; ניט־ווילענדיג זוכען איהם איהרע הענט) געהייסען איהם געהן און — ער איז געגאַנגען.

א ש ב ק (ערשטוינט): געקומען אַן אומבאַקאַנטער און אַוועק. צו וואָס זיך ערגערן?

ר ח ב (געררייצט): טרינק דיין וויין, עלטסטער. (פויזע) גע־הייסען איהם זיך גוט איינהילען אין מאַנטעל, האַ? פון דיין גוט הארץ איז די עצה געקומען. (זי טרינקט) און זיין פנים גערענקסטו נאָך?

א ש ב ק: נו, יאָ. אַ אינגעל מיט אַ גלאַט פנים וואָס האָט געוויינט נאָך אַ לעקאַכעל. (ער טרינקט).

ר ח ב (טרויריג): האָט נאָך אַ פנים זיך איינגעקריצט אין רחב'ס הארץ. (פויזע) פנימ'ער, פנימ'ער! זיי שוועבען פאַרביי אין צעהנדליגע, אין הונדערטער — זשעדנע, פאַרבענקטע, תאוה־פאַר'שכור'ט; ליאַסצשענדיג, בעטענדיג און פון רציחה צופלאַמט. איך זעה זיי רייסען, מיט זנות־פאַרשמאַכטע בליקען, די קליידער פון לייב; איינאָטמען, מיט ציטריגע נאָז־לעכער, דעם זיסען ריח פון פאַרצעהרענדען באַגעהר. (פויזע) און וואָס איז רחב'ס הארץ גע־ווען? אַ פישערים נעץ; יאָ, אַ שלעפּ־נעץ אין די טיפענישען פון ים. כאַפּט זי די באַשעפענישען וואָס קומען איהר אין וועג און

ווארפט זיי ארויס, פארקרימטע און פון־וויי־טאג־צוריסענע, אויף דעם הייסען ברעג. (פויזע) אשבק, האסטו געהערט זייער האס־אנגעזאפטען געשריי היינט אין־דער־פריה? זונה! מיך גערופען זונה!

אשבק (צורודערט): צו וואס טראכטען וועגען דעם? די שטים פון ערב־רב איז ווי דער טומעל פון פאלענדיגע וואסערן. ניטא זיך פון וואס צו ערגערן, ניטא!

רחב: ס׳איז דאך אבער אמת. זונה! בלויז א ווארט — און דאס האט ארומגעטאנצט ווי א בליץ אין קרוין פון א טאמא־ריסק־בוים. זונה! דאס איז רחב, דאס איז עשתרות; יא — דאס איז יריחו!

אשבק: האסט אויסגעקליבען דיין אייגענעם וועג, רחב — דו, וואס האסט געקענט זיין א קעניגין. וואס איז שולדיג די גרוי־סע מאמע און איהר שטאדט?

רחב: אויסגעקליבען מיין אייגענעם וועג? איך? (לאכט ביסיג) קוואל פון תאוה איז קוואל פון מאכט. איז דאס ניט דער געזאנג פון עשתרות? איז דאס ניט דאס ליד פון איהרע כהנים, פון איהרע דינער, פון גאנץ יריחו? וואס עשתרות האט געזונגען, דאס האט רחב געלעבט — און זי איז געווארען צוטומעלט, פאר־צעהרט און מיד ביז טויט. (קלונג פון א טאץ הערט זיך פון דרויסען) דו האסט געהערט, אשבק? דער אנזאג פון סוף!

אשבק (פארצייטערט): ניין! (פויזע) דאס איז בלויז געוועזן דער סיגנאל צו פארשליסען דעם טויער. (הילט זיך איין אין מאנטעל) ניטא קיין פרייד אין דיין הויז היינט אווענט. וועל איך שוין ליבער געהן אהיים. פרידען צו דיר, רחב.

(ער עפענט די טיר און טרעט צוריק א דערשראקענער. צוויי בייזע, אונהיימליבע פנים׳ער קוקען אויף איהם פון טונקעלען קארידאר. פאר־זיכטיג רוקט ער זיך אב בשעת די צוויי פרעמדע — פנחס און כלב — קומען אריין).

ר ח ב: געצעלט־באוואוינער. קומען אריין ניט געבעטען. (פויזע) וואס זוכט איהר אין מיין הויז?

פ נ ח ס: דו ביזט רחב, טאכטער פון סלד. ניט אמת?

ר ח ב: יא, און איהר? (פויזע) אייערע רייד און אייערע וועגען זיינען די פון די וואנדערענדיגע שבטים; דער אומרוהיגער בליק פון מדבר בליצט אין אייער אויג. און וואס זוכט איהר דא?

כ ל ב (אומגעלומפערט): רחב׳ן זוכען מיר.

ר ח ב (פרייגטלאך): די וואס זוכען מיך דארפען ניט האלטען זייערע שווערטען אזוי פעסט הינטער זייערע מאנטלען. (פארנייגט זיך) מיין הויז איז אייערס.

פ נ ח ס א ו ן כ ל ב (קומען נעהענטער און פארנייגען זיך): פרידען צו רחב׳ן און צו איהר הויז.

א ש ב ק (האט זיך לאנגזאם צוגעשארט צו דער טיר און כאפט זיך שטיל ארויס).

פ נ ח ס (אלארמירט): דער מאן איז אנטלאפען, כלב. ברענג איהם צוריק! (ער און כלב לאזען זיך צו דער טיר).

ר ח ב: היט אייך! דער טויער איז נאהענט. שרייט ער, וועלען די טויער־היטער הערען.

כ ל ב (פינסטער): אויב די טויער־היטער קומען, וועט דער טויט קומען אינאיינעם מיט זיי.

פ נ ח ס: יא! מ׳טאר אונז ניט געפינען אין יריחו און דער טויער איז פארשלאסען. (פויזע) בעסער וועט זיין, אויב רחב וועט אונז שטילערהייט ארויספיהרען אויף יענער זייט מויער.

ר ח ב (טראכט א מינוט): בני־ישראל?

כ ל ב: רחב׳ס אויג זעהט שארף. יריחו ליגט אויפ׳ן וועג פון די וואנדערענדיגע שבטים.

ר ח ב: און איהר זענט געקומען אויסשפעהען דאס לאנד. (פויזע) פארוואס זאל איך, א טאכטער פון יריחו, אייך העלפען

אנטרינען? (הויבט אויף קליינעם מעטאַל־האַמער ווי אַ קלונג צו טאָן אין טאַץ און רופען הילף).

פּ נ ח ס (כאַפּט זי ביים געלענק): ניט אַ טאָכטער פון יריחו, נאָר די טאָכטער פון סלד, וועט אונז העלפען. געהערט האָבען מיר דיין פאָטער רופען צו איהם, וואָס האָט באַשאַפען הימעל און ערד. ער, דער גאָט צבאות, האָט אונז באַפוילען קומען און איינעהמען דאָס לאַנד.

כ ל ב: האָט דאָס סלד ניט געזעהן אין חלום? האָט ער ניט אויפגעהויבען זיין שטים צו דערצעהלען וועגען אונזער קומען? יאָ, געזעהן האָבען מיר איהם, וואָס איז אונזער ברודער, געפיהרט צום שאַנד־קלאָץ און געהערט דעם האַס־געשריי — — —

ר ח ב: און געהערט ווי זיי האָבען מיך גערופען זונה! (פויזע; מעטאַל־האַמער פאַלט אַרויס פון איהר האַנט) די מדבר האָט געשאַרפט אייער פאַרשטאַנד, בני־ישראל. יריחו רופט רחב׳ן זונה און וועט זיך רחב ניט נוקם זיין? (פויזע) וועט זי זיך נוקם זיין?

(טריט דערהערען זיך פון פאָרהויז און באַלד — אַ שאַרפער קלאַפּ אין טיר).

פּ נ ח ס און כ ל ב (כאַפּען זיך צו זייערע שווערטען).

ר ח ב (פאַריגעלט שנעל די טיר; רופט): ווער קלאַפּט?

אַ ש ט י ם (פון דרויסען): די שליחים פון קעניג!

ר ח ב: ווייה מיר! אויסגעטאָן האָב איך קלייד און איינהיל פאַר דער נאַכט. וואַרט, איך וועל זיך ווידער אָנקליידען און עפע־נען די טיר פאַר אייך. (אַ מאָמענט פון אומענטשלאָסענהייט. דאַן כאַפּט זי קישעלאַך, לעגט זיי אַוועק אויף די האַרטע טרעפּ און גיט אַ צייכען פּנחס׳ן און כלב׳ן אַרויפצוגעהן אויפ׳ן דאַך. ווען זיי פאַרשוווינ־דען, רוימט זי אָפּ די קישעלאַך, ריגעלט אויף די טיר און פאַרנייגט זיך טיף) באַגעהרט רחב׳ן און קומט אַריין.

ר ד י (מיט וואַד־יונגען קומט אריין): דער קעניג גריסט רחב׳ן. דערצעהלט האט מען איהם, אז צוויי שפּיאָנען פון די בני־ישראל געהן ארום איבער די גאסען פון יריחו. וואָס ווייסטו וועגען זיי?

ר ח ב (שמייכעלט): אַ סך פרעמדע קומען אהער. מעגלאַך אז די שפּיאָנען זיינען געווען צווישען זיי. (פויזע) האָט זיי ווער געזעהן אין מיין הויז?

ר ד י: מיינע יונגען האבען זיי נאָכגעשפּירט. לעבען טויער האט מען זיי געזעהן, אָבער ארויס פון טויער זיינען זיי ניט. איז געקומען אשבק און דערצעהלט וועגען צוויי פרעמדע——

ר ח ב: זיינען די צוויי געווען שפּיאָנען פון די בני־ישראל? זיי זיינען דאַ געווען.

ר ד י: און וואו זיינען זיי איצט?

ר ח ב: זיי זיינען פארבליבען אַ ווייל, ווי אַלע מאַנזבילען וואָס קומען אהער. אָבער ווען מ׳האָט אַ קלונג געטאָן צום טויער־שליסען, זיינען זיי אוועק. (פויזע) וואָלט איך געוואוסט, אַז דעם קעניג׳ס פיינט זיינען אונטער מיין דאַך——

ר ד י (שטרענג): מ׳מוז די צוויי כאַפּען. מעגלאַך, אַז זיי באהאַלטען זיך אין דיין הויז.

ר ח ב (נעהמט אַ מנורה): רדי, באַפעהל דיינע יונגען זוכען. (פיהרט זיי צו דער אינווענינגסטער טיר, ווי זי וואָלט בדעה געהאַט צו ווייזען די אַנדערע צימערן. באַלד אָבער שטעלט זי זיך אָב) איז ניט מעגלאַך אַז זיי זיינען ארויס פון טויער און די פארשלאָפענע היטער האָבען ניט געזעהן?

ר ד י (טראַכט): מעגלאַך!

ר ח ב: אויב אזוי, וועלען זיי אריבער דעם ירדן איידער די לבנה וועט אויפגעהן. זעצט אייך אויף די פערד און לויפט זיי נאָך.

ר ד י: רחב׳ס עצה איז גוט. אויב זיי זיינען נאָך אין יריחו, וועלען זיי ניט קענען אנטרינען; אויב אָבער אויפ׳ן וועג צו זייער מחנה, וועלען מיר זיי נאָך כאַפּען. אויף די פערד, יונגען! (יונגען אָב; רדי נאָך זיי).

ר ח ב: רייט שנעל, רדי, רייט שנעל און זאָל דער קעניג גוט שלאָפען היינטיגע נאַכט! (פאַריגעלט די טיר, שטעהט אַ מינוט שטיל און לעשט דאָן אויס די מנורות. דורכ׳ן פענסטערן צימער זעהט מען זי פאַרבייגלויפען צו די טרעפּ פון דאַך).

(פאָרהאַנג).

דריטע סצענע

אויפ׳ן דאַך פון רחב׳ס הויז. לבנה־ליכט. אין פערספּעקטיוו, אַ וועג וואָס הויבט זיך אויף העכער און העכער און פאַרשווינדט הינטער אַ הויכן פעלזען. אין אַ האַלב־קרייז פון פלאַקס־צווייגלאַך זיצן פיר פיגורען איינגעהילט אין שאָטען.

(קלאַפּעריי פון פערדישע הופען און געשריי פון רייטער טראָגען זיך פון ווייט. פאַרביילויפענדיגע שטורקאַצען וואַרפען אַן אונהיימלאַך ליכט אויף דער סצענע. אַ מינוט — און די שטורקאַצען פאַרשווינדען, קלאַפּעריי און געשריי ווערען שטילער און שטאַרבען באַלד אָב).

ר ח ב (שטעהט אויף, וואַרפט אַ בליק איבער דער פּאַרענטשע פון דאַך) : רדי און זיינע יונגען רייטען צום ירדן.

פּ נ ח ס : געלויבט זאָל זיין דער האַר. (שטעהט אויף) קענען מיר איצט געהן?

ס ל ד : דער טויער איז פאַרשלאָסען. שטורקאַץ־טרעגער ווע־לען היטען דעם וועג צום טייך.

כ ל ב (בייז) : די שבטים זיצען אומרוהיג אין זייערע גע־צעלטען און יהושע, אונזער פיהרער, וואַרט, וואַרט!

ר ח ב : שרעק זיך ניט, שליח פון יהושע. אין דריי טעג אַרום, אויב דער האַר, אייער גאָט, וועט אייך באַגליקען, וועט איהר אייער פיהרער דערצעהלען אַלץ וואָס איהר האָט געזעהן אין יריחו.

ס ל ד : אָבער רדי און זיינע רייטער לויערן אויפ׳ן וועג!

ר ח ב (טראַכט אַ מינוט) : פיל היילען זיינען דאָ אין יענעם באַרג. דאָרט וועט איהר זיך באַהאַלטען ביז די נאָכיאָגער וועלען זיך אומקעהרען.

פ נ ח ס: געבענשט זאָל זיין רחב און די חכמה וואָס פליסט פון איהרע ליפּען. זאָלען מיר פון האָר פאַרגעסען ווערען, אויב מיר וועלען רחב׳ן פאַרגעסען!

כ ל ב (אומצופרידען): נאָך דריי טעג—און אין אַ הייל! (פּויזע) און ווי אַזוי וועלען מיר די הייל דערגרייכען? דער טויער איז פאַרשלאָסען.

ר ח ב: די וואָס האָבען געפונען אַ וועג אין טיפעניש פון ים, וועלען געפינען אַ וועג איבער אַ גלייכער וואַנט. (הויבט אויף אַ שטריק און וואַרפט איהם אַריבער איבער דער פאַרענטשע) די זייט פון וואַנט איז אָפּגערוקט פון טויער; קיינער וועט אייך ניט זעהן ווען איהר וועט אַרונטערקריכען.

כ ל ב (בינדט צו דעם שטריק אָן פאַרענטשע): אַזוי! נאָך אַ קניפּ און ער וועט אויסהאַלטען אַ מאַנס וואָג. (טוט אַ שטאַרקען ציה) יאָ, ער וועט אויסהאַלטען. נו, פנחס, קום! (וואַרפט אַריבער אַ פוס איבער דער פאַרענטשע).

פ נ ח ס (האַלט איהם צוריק): וואַרט, כלב. זאָלען מיר פאַר־לאָזען רחב׳ן אָהן אַ צייכען און אָהן אַן אָבמאַך? (פּויזע) היינטיגע נאַכט האָט רחב מציל געווען די שליחים פון יהושע. און זאָל זי פאַרלירען איהר לעבען, ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע און אַ געצען־דינערין?

כ ל ב: ניין, ניין!

פ נ ח ס: גאָר באַלד וועט יריחו פאַרוויסט ווערען. אָבער רחב, וואָס איז אונז אַ שוועסטער———

ר ח ב: געהט! (פּויזע) געהט און זאָגט אייער פיהרער, אַז יריחו איז צייטיג פאַר דעם שניטער ווי אַ פייגענבוים נאָך אַ הייסען זומער. געהט! און ווען איהר וועט צוריקומען, זאָל אייער שווערט זיין שאַרף און אייער אַרבייט שנעל. (זיפצט) אַ, יריחו, מיין יריחו!

ס ל ד: קלאָגט די טאָכטער אויפ׳ן גורל פון יריחו? שלעבט איז די שטאָדט און איינגעטונקען אין זינד!

ר ח ב: און אזוי איז רחב. ווייל רחב און יריחו זיינען איינס.

פ נ ח ס: אבער יריחו האסט רחב׳ן!

ר ח ב: און איך האס יריחו! (פויזע) אבער רחב און יריחו זיינען פארט איינס. וואוהין זאל איך געהן, ווען יריחו וועט וויסט ווערען? מיט וועמען וועל איך וואוינען, ווען מיין פאלק וועט שטארבען מיט דער שווערט? יא, רחב און יריחו זיינען איינס!

פ נ ח ס: קום און זאל אונזער פאלק ווערען דיינס. פארגעס יריחו און איהרע שלעכטע וועגען———

ר ח ב: פארגעסען יריחו? קען רחב אויס׳ס ניי געבוירען ווערען? קען זי אוועקווארפען איהר פארגאנגגען לעבען ווי מ׳ווארפט אוועק אן אלט קלייד? ניין. גארניט בעט רחב פון די בני־ישראל און גארניט וועט זי פון זיי נעהמען. געהט אייך!

כ ל ב (אין כעס): ניט קיין צייכען און ניט קיין אבמאך וויל רחב. זי הייסט אונז געהן. צו וואס דא לענגער פארווייל׳ען, פנחס?

ס ל ד (רחמים׳דיג): זאל די איינענע טאכטער פאר׳משפט׳ען סלד׳ן? זאל דאס בלוט פון נאהענטע קלעפען אויף רחב׳ס הענט?

ר ח ב (צוטומעלט): ניין, פאטער! אבער———

ס ל ד (א צופלאמטער): יאהרען האט סלד געווארט אויף דעם טאג, ווען דער־אהן־א־נאמען וועט רייניגען יריחו און זי אויס־סעהרען מיט א פייער־בעזים. היינט האבען מיינע אויגען געזעהן זיינע שליחים—און מיין הארץ האט זיך געפרעהט. די געצען־דינער וועלען אפגעמעקט ווערען פון דער ערד—און מיין הארץ האט זיך געפרעהט. ס׳קומט א נייער מארגען און א נייער טאג, ווען דער גאטספארכטיגער וועט ניט פארשטיינט ווערען, ווען דער גערעכטער וועט ניט פארשפאט ווערען. האב איך דאך אויף דעם געהאפט און אויף דעם געבעטען! רחב, אבער, האט אנדערש באשלאסען.

פ נ ח ס: הער־צו, רחב, די רייד פון דיין פאָטער. גאָט׳ס גייסט רוהט אויף איהם; דאָס וואָרט פון האר איז אויף זיינע ליפּען.

ס ל ד (יאָמערט): רחב, אָבער, האָט אנדערש באַשלאָסען און מיין האַרץ איז פאַרוויסטאָגט. איך וועל ניט זעהן דאָס ליכט פון לעבען. שטאַרבען הייסט מיר רחב; שטאַרבען!

ר ח ב (שמערצלאָך): דו וועסט ניט שטאַרבען, פאָטער. (פּויזע) דו ביזט ניט פון יריחו און דו וועסט ניט שטאַרבען. כאָטש אַלט און גרוי, האָסטו נאָך גאַרניט געלעבט. דו האָסט בלויז געהאָפט — אויף א לעבען וואָס האָלט אין קומען.

ס ל ד: אויף אַ לעבען פול פון גאָט׳ס ליכט!

ר ח ב: וועל איך די האָפנונג דיר ניט רויבען. אָט־דאָ שטעהן דיינע אמת׳ע ברידער און אַ אָבמאַך וועט געשלאָסען ווערען צווי־שען זיי און דעם הויז פון סלד. (פּויזע) בעט יהושע׳ן צו לאָזען לעבען מיין פאָטער און מוטער, מיינע ברידער און שוועסטער. דאָס — און ניט מעהר.

פ נ ח ס (פאַרוואונדערט): און וויל ניט רחב געהן מיט איהר פאָטער? איז דאָס אייגענע לעבען גאַרנישט אין איהרע אויגען?

ס ל ד (מיט פייער): קום מיט מיר, רחב. אין מיינע אָרעמס וועל איך דיך טראָגען צום טעמפּעל פון אמת׳ען גאָט. די ריינקייט פון דיין לעבען וועט ער באַנייען און דיך מאַכען פריש און גע־זונט און וואַרים מיט פרייד. קום, רחב מיינע!

ר ח ב (שטיל): איך וועל געהן, פאָטער!

פ נ ח ס: הויבט אויף די הענט צום האר! (זיי הויבען אויף די הענט) אונזער לעבען פאַר אייערען. ס׳איז אַ אָבמאַך!

כ ל ב (כאַפּט אַרויס אַ מעסער און שנײַדט אָב אַ שטיק פון שטריק) און דאָס וועט זיין דער צייכען. הענג דאָס אויף אין דיין פענסטער,

רחב, און אזוי וועלען מיר דערקענען דיין הויז ווען מיר וועלען ווידער קומען. (גיט איהר דעם שטריק).

סלד: נאך א צייכען וויל איך בעטען פון די ברידער.

פנחס: בעט, ברודער, און מיר וועלען איהם געבען.

סלד: אנטפלעקט מיר דעם נאמען פון דעם וואס איז בלויז דער־אהו־א־נאמען צו מיר.

כלב (גראב): אומזיסט ארויסריידען דעם גרויסען נאמען? פארלאנג דאס ניט!

פנחס: א ברודער בעט; מיר וועלען דעם פארלאנג דער־פילען. (פויזע) לאמיר קניען און תפלה טאן און דענצמאל וועלען מיר רופען צו גאט ביי זיין אמת׳ען נאמען. קומט און לאמיר איהם דאנקען פאר דער וואונדערלאכער באפרייאונג וואס ער האט אונז געשיקט דורך רחב, זיין דינסט. (ער שטעלט זיך אויף די קני).

רחב: רחב, זיין דינסט? האט רחב איצט א נייעם האר?

סלד: קום צו איהם, מיד און פארוויטאגט קינד. (ער קניט) קום!

רחב (בלייבט א מינוט פאר׳עקשנ׳ט. ענדלאך פאלט זי אוועק לעבען דער קניענדיגער גרופע).

פנחס: בייג אן דיין אויער, א גאט, און הער אונזער תפלה. זאלען די פעלקער וויסען, אז דו ביזט דער האר. א יאה־ווע———

סלד (ציטערענדיג): יאה־ווע! יאה־ווע!

רחב: יאה——— (וויל ארויסריידען דאס ווארט. אבער א ווילדער קוויטש רייסט זיך ארויס פון איהר ברוסט. און א טיפע שטיל־קייט הילט איין די פיר שאטענהאפטע פיגורען וואס קניען אויפ׳ן דאך).

(פארהאנג).

צווייטער אַקט

פערטע סצענע

באַראַטונגס־צימער אין קעניגלאַכען פּאַלאַץ. אויף אַ באַלעמער, איינגעראַהמט אין שווערע פּאָרהאַנגען, שטעהט דער דיוואַן פון קעניג. אַ קליינע בראָנז־פיגור פון עשתרות אין אַ ווינקעל פון וואַנט; פּאַר דעם בילד אַ ווייררויך־פּאַן, פון וועלכער אַ פּערל־גרויער רויך קרייזעלט זיך אַרויף אין דער הויך.

שׂ ר ף, י ו ב ב א ו ן א ש ב ק (מיט אַ גרופּע כהנים און עלטסטע, ערוואַרטען דעם קעניג. אַלע שטעהן געשפּאַנט. דער שטילער קלאַנג פון אַ טאַץ דערהערט זיך דריי מאָל און אַלע קניען און באַריהרען די ערד מיט זייערע שטערנס. יונגען פון דער קעניגלאכער וואַך עפענען די טירען און שטעלען זיך אויס אין הינטערגרונט).

א ת י (קומט אַריין, באַגלייט פון אַ נובּישען שקלאַף וואָס טראָגט אַ קליינעם, העל־פאַרביגען אַף אויף דער נאַקעטער פּלייצע): פרידען צו אייך, כהנים און עלטסטע. אתי באַגריסט אייך. (ער זעצט זיך איהר מעגט אויפשטעהן.

שׂ ר ף (שטעהט אויף): איהר געליבטען זוהן, דעם מעכטיגען קעניג פון יריחו, שיקט עשתרות איהר ברכה. זאָלען די בייזע מחשבות פון זיינע שונאים צושמאַלצען ווערען ווי אַ כמארע ווען די זון באַווייזט זיך אין איהר מאַכט.

א ת י: אָמן. (גלעט דעם אַף) אבא, זאָג אָמן. ניין? פאַרוואָס ניט? ווען אַ כהן־גדול גיט אַ ברכה זאָגען אָמן אַלע גוטע מענשען און אַלע גוטע אַפען. ניין? דו מוזט איהם מוחל זיין, שׂרף. אבא האָט געהאַט אַ שלעכטע נאַכט; ניט געשלאָפען.

יובב (חנפ׳עט): מיר טוט ווייה צו הערען אז דעם קעניג׳ס ליבלינג איז בארויבט פון שלאף. פון מצרים ברענג איך א טייערע זאלב — — —

אתי: יובב, איך זעה אז דו טראכסט פון פליי. האבען פליי דיך געמוטשעט, אבא? ניין! א מאוס׳ער איינפאל! (זיפצט) איך וויים וואס אבא׳ן פלאגט — שפיאנען.

אשבק: קלוג איז אתי. ער פארשטעהט צוליב וואס מיר קומען. שפיאנען!

כהנים און עלטסטע (שושקען זיך): יא! יריחו איז פול מיט שפיאנען.

אתי: אבא איז קליגער ווי זיין האר. ער ווארט ניט אז יועצים זאלען איהם דערצעהלען ווען זיין טראן שאקעלט זיך. ער האט דערשפירט שפיאנען — לעצטע נאכט — און ער האט קיין אויג ניט צוגעמאכט. ניט אמת, אבא?

שרף (געקרענקט): ס׳זיינען נאך דא אנדערע וואס שלאפען ניט צוליב דער סכנה וואס דראהט אתי׳ן און יריחו׳ן.

אתי (גלייכגילטיג): מיר טוט ווייה דאס צו הערען. (פויזע) און ווער זיינען די אנדערע?

שרף: די באוואוינער פון יריחו.

אתי: אזוי! (דרעהט זיך אוים צום אף) אבא, דו מוזט מיך איצט פארלאזען. ניין? אבער דו ביזט ניט קיין כהן און קיין עלטסטער און דו טארסט ניט שטערען די געהויבענע יועצים. געה, אבא. (שקלאף מיט אף, אב) נו, קלוגע קעפ פון יריחו, וואס איז צו טאן, כדי מיינע געליבטע קינדער זאלען ווידער קענען שלאפען?

שרף: פיינט לויערן אויף יריחו — פון דרויסען און פון אינ־ווענינ. פארלענד זיי, אתי. זאל דיין שווערט פאלען אויף זייערע קעפ.

אתי: דיין עצה איז גוט, שרף; דיינע רייד, קלוג. אבער וואס באטייטען די רייד? דו רעדסט פון שונאים אין דרויסען, פון די

בני־ישראל. אָבער זיי זיינען נאָך אַלץ פון דער אַנדערער זייט ירדן. ארומגעוואַנדערט האָבען זיי דאָרט נאָך ווען מיין פאָטער איז געזעסען אויף יריחו׳ס טראָן. אייביג האַלטען זיי אין קומען, קומען — שטענדיג אַ סכנה, אָבער ניט קיין שונא.

יובב: אויב וועג־געהער דערצעהלען אמת, איז איצט די גרויסע מחנה אין שיטים — אַ מהלך פון בלויז דריי טעג קיין יריחו.

את י: יאָ, יובב, דיינע וועג־געהער דערצעהלען אמת. (פלויד־דערט) זיי דערצעהלען אויך וואונדערלאַכע זאַכען וועגען די בני־ישראל און מואב׳ס שעהנע טעכטער. אַ מעכטיגער גאָט איז בעל־פעור; ער ווייסט פון מעהר ווי איין וועג, ווי אַזוי צו פאַרטומ־לען די שונאים פון זיין פאָלק. האָט ברודער געמאָרדט ברודער צוליב די תאוה־דיגע מיידלאַך; בעל־פעור און מואב האָבען טרי־אומפירט.

שרף (ברוגזלאַך): אויך עשתרות קען דאָס טאָן — און מעהר! איצט וואַרענט זי דיך פאַר די שונאים וואָס געפינען זיך אין די מויערן פון יריחו.

את י: איך וועל פאָלגען. (פויזע) און ווער זיינען דאָס די שונאים?

שרף: זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגען, אשבק.

אשבק: לעצטע נאַכט, פאַרלאָזענדיג רחב׳ס הויז, זיינען פלוצים אויסגעוואַקסען צוויי טונקעל־הויטיגע רוצחים — — —

את י: ווייס איך שוין. דו האָסט דאָס דערצעהלט רדי׳ן.

אשבק: די צוויי אויסגעמאָגערטע און הונגעריגע וועלף —

את י: שטיל, אשבק! די צוויי זיינען געקומען און אוועק־געגאַנגען, פונקט ווי אַ סך אַנדערע קומען און געהן אין יענעם הויז ביים טויער. (פויזע) זיינען כהנים און עלטסטע געקומען עדות זאָגען קעגען רחב׳ן? איז זי דאָס דער שונא וואָס וואַרנט צווישען אונז?

שרה (פינסטער): יאָ! פול מיט האס איז איהר האַרץ צו עשתרות׳ן און איהר טעמפעל. איהר הויז איז אַ נעסט פון לעס־טערונג און מרידה!

כהנים און עלטסטע (מורמלען): לעסטערונג און מרידה! יאָ! יאָ!

שרה: און נעכטען איז איהר פאָטער — דער וואָס רופט זיך נביא — געקומען אין הייליגען וועלדעל און האָט געשאָלטען און געזידעלט און נביאות געזאָגט אויף אומגליקען אָהן צאָל.

יובב: און געשפּיגען האָט ער אויף מיין קרבן און מיך גע־רופען גנב!

אתי: ווער פון די צוויי לאָזט אייך ניט שלאָפען — רחב צי איהר פאָטער? (שמייכעלט) זיכער, רחב. אזא איז זי שוין.

שרה: אַ דאָרן איז זי אין די אויגען פון עשתרות און זי חבר׳ט זיך מיט די פיינט פון יריחו. אויב אתי וועט מיר געבען רשות, וועל איך רחב׳ן פארשפּאַרען אין טעמפעל, ביז די סכנה פאר אונזער לאַנד וועט פארשווינדען. דאָס איז דער פאַרלאַנג פון דער גרויסער מאַמע. דערפיל איהם, אתי!

אתי (אומצופרידען): רחב׳ן וועט שווער זיין צו ווייזען מיט עשתרות׳ן.

שרה: עשתרות איז מעכטיג! איהר וואָרט וועט באַשטיין!

אתי: מעכטיג — אָבער אויך גערעכט. ווילט איהר משפט׳ן רחב׳ן ווען זי איז דאָ ניטאָ? זאָל זי קומען און זיך שטעלען קעגען איהרע באַשולדיגער. ברענגט רחב׳ן אַהער! (צוויי יונגען אָב; פויזע) און דו, אשבק, אַן עלטסטער, גרוי מיט יאָהרען און חכמה — דו האָסט אויך פארלוירען דעם שלאָף צוליב רחב פון יריחו? (צולאַכט זיך הויך, פאַרגעסענדיג זיין געהויבענעם שטאַט און זיינע בכבוד׳יגע ראַטגעבער) יאָ־יאָ! אזא איז שוין רחב!

א ש ב ק (פאַרשעהמט): געגאַנגען בין איך שטראָפען סלד׳ן פאַר זיינע ווילדע רייד; דאָס האָט מיך געבראַכט אין הויז פון דער טאָכטער.

א ת י: און אָנשטאָט סלד׳ן, האָט אשבק באַגעגענט צוויי אויס־געמאַגערטע און הונגעריגע וועלף; אַ דערשראָקענער איז ער גע־לאָפען אַהער, אַז אתי זאָל איהם באַשיצען. (טרויריג) און וואוהין זאָל אתי לויפען, ווען וועלף קומען צו זיין טיר?

ש ר ף: צו איהר, וועמעס בילד פאַרציערט דאָס צימער.

א ת י (פאַרטראַכט): לאָז זי מאַכען שלום צווישען די בני־ישראל און יריחו. די נשמה פון אתי דורשט נאָך פרידען.

ש ר ף: פרידען מיט גאָט־ברעכער? פרידען מיט ווילדע, גאָטלאָזע?

א ת י: גאָטלאָזע? האָבען די בני־ישראל קיין גאָט ניט?

ש ר ף: בלויז אַ פוסט וואָרט! גאָרניט איז זייער גאָט, חוץ דאָס שעפּטשען פון אַ שווינדלערישען כהן.

י ו ב ב: זיי האָבען ניט קיין קעניג איבער זיי צו רעגירען; ניט קיין שקלאַפען זיי צו דינען. אַ פּראָים־באַנדע זיינען זיי; שטינקענדיגע ציגען־פּאַסטוכער!

א ת י (טראַכט): ניט קיין גאָט, ניט קיין קעניג, ניט קיין לאַנד. אויב מיר וואָלטען זיי דאָס אַלץ אָנגעבאָטען, וואָלטען זיי ניט שלום געמאַכט מיט אונז? (פּויזע) שרף, פאַרוואָס זאָל עשתרות ניט געווינען זייער האַרץ און זיי ברענגען צו איהר טעמפּעל?

א ש ב ק (דערשראָקען): און מיר זאָלען ווילען אינאיינעם מיט די חיות פון וויסטעניש? אַ שווערער טאָג וועט דאָס זיין פאַר די קינדער פון יריחו.

ע ל ט ס ט ע: אַ שווערער טאָג! אמת! אמת!

ש ר ף: זאָרגט ניט, איהר עלטסטע. ווען די צייט וועט קו־מען, וועט עשתרות ווייזען דעם ריכטיגען וועג. איצט לאָמיר פאַל־

געז אתי׳ן און בעטען איהר הילף. (ער פיהרט אתי׳ן צום בילד; כהנים און עלטסטע געהען נאך).

א ת י (ווארפט וויירויך אויף די גליהענדיגע קוילען. ער שטעלט זיך אויף די קני, די אנדערע לעבען איהם).

ש ר ף (אינטאנירט): גרויסע מאמע, דיין זוהן אתי רופט דיך. דיין פנים װענד צו איהם און הער זיין תפלה. ער וועט געהן אין דיינע װעגען; זיין פאלק וועט היטען דיינע געבאט, גרויסע מאמע. און ווייזען זיך פרעמדע אין אונזער טויער, צווינג זיי בייגען די קני פאר דיין מזבח. די צונג וואס לעסטערט דיין טעמפעל מאך שטום און דיין צארן, שנעלער ווי דער בליץ, זאל פאלען אויף די קעפ פון דיינע פיינט — א, גרויסע מאמע!

ר ח ב (איז אריינגעקומען וועהרענד דער תפלה. די צוויי וואך־יונגען וואס פיהרען זי פאלען שנעל אויף די קני. שרעק און כעס בליצט אויף אין די פנים׳ער פון כהנים און עלטסטע, ווען זיי זעהן אז רחב בלייבט שטעהן גלייך).

א ת י (הויבט זיך שנעל אויף): רחב! פונקט ווי אמאל! פונקט ווי אמאל!

ר ח ב (לאזט ארונטער די אויגען און שטעלט זיך אויף די קני פאר אתי׳ן. פויזע).

א ת י (פארלירט קאנטראל איבער זיך): שטעה אויף, רחב! (הויבט זי אויף מיט גרויס צערטלאכקייט) וואס די געטער זאלען ניט באשטימען פאר דיר און מיר — איך קען דיך ניט זעהן אהן דיך צו בענשען. ערינערונג איז אן אוצר פון וועלכען מ׳קען אפילו א קעניג ניט בארויבען.

ש ר ף (פינסטער): דאס איז דער בעראטונגס־צימער, קעניג פון יריחו. א באשולדיגטע שטעהט איצט רחב פאר דיר!

ר ח ב (שטיל): באשולדיגט אין וואס?

א ת י: אין וואס, שרף, אין וואס?

ש ר ף: אין חבר'ן זיך מיט דעם קעניג'ס פיינט, אין באַ־האַלטען די בני־ישראל.

ר ח ב: געזאָגט האָט מען מיר, אַז זיי זיינען זעכציג מאָל צעהן טויזענט אין צאָהל. שרף ווייסט, אַז מיין הויז איז ניט גרוים גענוג זיי צו באַהאַלטען.

ש ר ף: רחב חוזק'ט צו באַהאַלטען איהר פאַרברעכען. איהר הויז איז געווען גרוים גענוג צו באַהאַלטען זייערע שפּיאָנען. טרעט ארוים, אשבק. זאָג דו עדות, אַז מיינע ווערטער זיינען אמת.

א ש ב ק (צוטומעלט): שוין דערצעהלט. (פּויזע) אתי ווייסט.

ר ח ב: אשבק? (קוקט אויף איהם און שמייכעלט. פּלוצים צוגיסט זיך איהר געלעכטער — אַ קאַסקאַד פון זילבער־קלאַנגען — פול מיט רחמנות און פאַראַכטונג צו דעם פאַרווירטען אשבק).

א ת י: אשבק האָט דאָך ניט געזאָגט ליגען?

ר ח ב: ניין. אָבער ווייַן האָב איך איהם געגעבען. איז דער וויין געווען שטאַרק און האָט טריב געמאַכט זיינע אַלטע אויגען. זאָגען שכורים עדות אין יריחו?

א ת י (פאַרוואונדערט): זיינען די פרעמדע ניט געווען ביי דיר נעכטען ביינאַכט?

ר ח ב: געווען און אוועקגעגאַנגען, אַזוי ווי רדי ווייסט שוין.

ש ר ף: יענע פרעמדע זיינען געווען שפּיאָנען. זיי האָבען געוואוסט וואו זיך צו באַהאַלטען, ווען די וואַך־יונגען האָבען זיי נאָכגעיאָגט. (טייטעלט אויף רחב'ן מיט זיין פינגער) רחב, יענע צוויי זיינען געווען שפּיאָנען!

כ ה נ י ם א ו ן ע ל ט ס ט ע: יאָ! שפּיאָנען!

ר ח ב (שווייגט און שטעהט אומבאַוועגלאָך).

א ת י: שטיל! זיי זיינען אַוועק איידער רדי איז געקומען. רחב האָט ניט געוואוסט וועגען זייער בלוטיגען שליחות. (כמעט בעט־טענדיג) אמת, דו האָסט ניט געוואוסט ווער די צוויי זיינען גע־וועזען?

ר ח ב (לאָזט אַרונטער די אויגען) : אתי האָט גערעדט.

ש ר ף (סאַרקאַסטיש) : גוטהאַרציג איז אתי און ער דערלענ־גערט זיין צאָרן. איצט וועט עשתרות מוזען באַשיצען אי אתי אי יריחו. די פּרוי וואָס שטעהט פאַר אייך איז דער אַוואַנגאַרד פון די בני־ישראל; דער ערשטער בראָך אין יריחו'ס מויער איז געמאַכט געוואָרען אין איהר הויז. (פּויזע) בעט אתי'ן, איהר כהנים און עלטסטע, צו שיקען רחב'ן אין טעמפּעל פון עשתרות!

ר ח ב : מיך? אין טעמפּעל פון עשתרות? (באַמיהט זיך צו באַהאַלטען איהר שרעק) אָבער רחב לעבט נאָך און לעבעדיגע וואוינען ניט אינאיינעם מיט טויטע.

ש ר ף (צוטומעלט) : טויטע? (פּויזע) די גרויסע מאַמע — אַ טויטע? (אַלע שטעהן געפּלעפט).

א ת י (ווערט בלייך) : וואָס באַטייטען דיינע ווערטער? רעד, רחב, רעד!

ר ח ב : האָט אייך קיינער ניט געבראַכט די בשורה? (פּויזע) קיינער ניט? וועט זי אייך רחב ברענגען. (פּויזע) נעכטען ביי־נאַכט איז עשתרות געשטאָרבען. (מיט פרייד) דעם אָטעם פון אַ לעבעדיגען גאָט האָט אַ בלאָז געטאָן אונטער די הימלען פון יריחו און די גרויסע מאַמע איז געשטאָרבען. (אַ מינוט שטעהן אַלע פאַר־שטיינערט הערענדיג די אונהיימלאַכע ווערטער).

ש ר ף (מורמעלט) : איז דער־אַהן־אַ־נאָמען געקומען קיין יריחו? (אין ווילדען כעס) כהנים, נעהמט זי אַוועק! אין הייל, אונטער דעם מזבח פון עשתרות, וועט זי אומזיסט שרייען צו איהר נייעם גאָט. נעהמט זי! (כהנים רינגלען זי אַרום).

א ת י (דערצערנט) : טרעט אָב, איהר טעמפּעל־דינער! איז אתי מעהר ניט קעניג אין יריחו? (באַפּרייט רחב'ן) שרף, דאָס איז דער פּאַלאַץ, ניט דער טעמפּעל!

ש ר ף, כ ה נ י ם א ו ן ע ל ט ס ט ע: היט דיך, אתי! היט דיך!

א ת י (רוהיג): כ׳וועל זיך היטען. (פויזע) אויב רחב האט באהאלטען די שפיאנען פון די בני־ישראל, אויב זי איז אתי׳ס פיינט, וועט זי זיין געפאנגענע. יונגען! נעהמט רחב׳ן אין טורעם אריין!

(יונגען פיהרען אוועק רחב׳ן. אתי, אַ קוים־מערקבאַרען שמייכעל אויפ׳ן מידען פנים, פאַרנייגט זיך טיף פאַר דער ברוגז׳ער און אנגע־בלאָזענער גרופּע).

(פאָרהאַנג).

פינפטע סצענע

דער טורעם. אַ האַלב־רונדע צעל וואָס פיהרט צו'ן אַ פּאַרהויז. אין דער מאַסיווער וואַנט צוויי שפּאַלטן — אַנשטאָט פענסטער — און דורך זיי פאַלען, אין דעם האַלב־טונקלען רוים, צוויי ליכט פאַסען פון דער זון, וואָס האַלט אין פאַרגעהן.

ר ח ב (אָנגעלעהנט אויף אַ שטיינערנער באַנק, איז פאַרזונקען אין דעם ליכט־און־שאָטען שפּיל אַרום איהר. באַלד הערט זיך דער סקרופ פון אַ שווערער טיר. זי הויבט זיך שנעל אויף, וואַרפט אַ בליק אין דעם טונקלען קאָרידאָר און אַ שאָטען פון אַ שמייכעל באַווייזט זיך אויף איהר פּנים).

א ת י (אָנגעשטרענגט, שווער־אָטמענדיג, קומט אַריין און פאַרנייגט זיך. ער ראַנגעלט זיך צו געפינען ווערטער און שעפּטשעט): דריי טעג שוין — און איך — איך האָב ניט געקענט קומען. פאַרגיב, רחב —

ר ח ב (סאַרקאַסטיש): און וואס האָט רחב צו פאַרגעבען אתי'ן?

א ת י: אָט די צעל — הארט, פּוסט, איינזאַם. רחב, ניט חשד און ניט נקמה האָט מיך באַוואויגען דיך צו שיקען אַהער.

ר ח ב: איך וויים. ראַטעווען האָסטו מיך געוואָלט פון הייל אונטער דעם מזבח פון עשתרות.

א ת י (באַרוהיגט): דיין אויג איז שאַרף, רחב. שרף איז הארט און אָהן רחמנות. איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם כהן און פאַר זיין בייטש. (מיט אַן אָנשטעל פון פרעהליכקייט) און איצט איז רחב די געפאַנגענע פון קעניג. די געטער האָבען ליב אָפּצוטאָן מאָדנע שפּיצלאַך. רחב, די וואס האָט געגעבען איהר ערשטע און אומבאַפלעקטע ליבע אתי'ן; רחב, די וואס איז תמיד געווען די האַרינגטע פון — — —

ר ח ב (צורודערט): שווייג, אתי, שווייג!

א ת י (קומט נעהענטער): איך קען ניט, רחב, איך קען ניט. דער זיסער ריח פון אונזער יונגער ליבע האט ניט אויפגעהערט מיך פאר׳שכור׳ן; מיין הארץ פלאטערט מיט ניט־געזעטיגטע פארלאנגען. (דערמאָהנט זיך) רחב, יונג און ב׳חנ׳ט, ווארט צווישען טאָג־און־נאכט, אונטער דעם ברייטען פייגענבוים — — —

ר ח ב (מיט אַן איינגעהאַלטענעם געשריי): א חסד טו, אתי, א חסד! (בעטענדיג) פארשוועך ניט דעם אָנגעדענק פון יענעם אומגליקלאכען מיידעל. שטער ניט איהר רוה אין לאנד פון שטומע שאָטענס. (רוקט זיך אָב פון איהם).

א ת י: איז אין דיין הארץ קיין שפור ניטאָ פון דיין אַמאָליגער ליבע צו אתי׳ן? (פויזע).

ר ח ב (פארנייגט זיך צערעמאָניעל): וואס ברענגט דעם קעניג פון יריחו צו זיין אונטערטעניגער דינסט?

א ת י: דיך באפרייען בין איך געקומען — אויב — אויב דו וועסט מיר העלפען.

ר ח ב: און וואס באפעהלט דער קעניג?

א ת י: מאך שלום מיט עשתרות׳ן.

ר ח ב: שלום מיט עשתרות׳ן? (פויזע) זי איז דאך טויט. האב איך דאס ניט דערצעהלט דעם קעניג, די כהנים און די עלטסטע פון יריחו?

א ת י: יאָ, דערצעהלט. (אומרוהיג) איצט שוועבען דיינע ווערטער איבער אונזערע קעפּ ווי א מחנה שווארצע ראבען. בלאסע, דערשלאגענע, דרעהען זיך ארום די קינדער פון יריחו און די ציטערדיגע ליפען פרעגען: איז די גרויסע מאמע טויט? איז דער סוף פון יריחו נאהענט? (פארצווייפעלט) רחב, א קללה האָווערט איבער יריחו. ניטאָ קיין כח צו לעבען, ניטאָ!

ר ח ב: צו וואס יאמערן אין רחבים אויערן? קען איך די טויטע לעבעדיג מאכען? אדער פארטרייבען מורא פון די הערצער פון לעבעדיגע?

א ת י: גרויס איז רחבים כח: פיל גרעסער ווי זי ווייסט. (בעטענדיג) מאך שלום מיט עשתרות׳ן.

ר ח ב: איך זעה שרפים האנט אין דעם. ביזטו געקומען אלס זיין שליח?

א ת י: איך בין געקומען, ווייל איך וויל מציל זייןביידע — יריחו׳ן און רחב׳ן.

ר ח ב: אתי איז ניט שטארק גענוג זיך צו ראנגלען מיט זיין גורל.

א ת י: ער איז ניט. אבער רחב איז. יריחוס גורל איז אין איהרע הענט.

ר ח ב (א מידע): וואס קען רחב טאן?

א ת י: קום מיט מיר צום גרויסען יום־טוב פון עשתרות.

ר ח ב (איבעראשט): יום־טוב? ווילט איהר עשתרות׳ן לעבעדיג מאכען מיט טאצען־שאל?

א ת י: יא — און דורך דער פייערלאכער אנבעטונג פון איהרע דינער. (פויזע) היינט, צווישען טאג־און־נאכט, וועלען זיך אנצינדען פייערען אויף די שפיץ בערג און דערצעהלען יריחו׳ן און איהרע שכנים — אדום און מואב און עמון און עי — אז דער גרויסער עשתרות־יום־טוב האט זיך אנגעהויבען. א וואך און א טאג וועט די גרויסע מאמע וואוינען אין א געצעלט אין יריחו־טאל. אהין וועלען אייגענע און פרעמדע קומען בייגען די קני פאר עשתרות׳ן און זי, ארומגערינגעלט פון די יונגפרויען פון יריחו — — —

ר ח ב (דערשראקען): די יונגפרויען פון יריחו?

א ת י: יא, רחב. לייכט איז פאר די חנ׳עווודיגע מיידלאך צו פיהרען דעם פרעמדען צום מזבח פון דער געטין־מיטן־שמייכעל.

די יונגע און בויגזאַמע קערפּערס וועלען זיך באַוועגען צו איהר פייערדיגען געזאַנג. אַפּטרייסלען וועט יריחו די קללה פון יאוש און ווידער ווערען שטאַרק און פריש.

ר ח ב: אתי דערצעהלט מיר פיל — אָבער ניט אַלץ. (מיט אַ שאַרפען בליק) האָסטו געשיקט שליחים צו די בני־ישראל? האָסטו זיי געבעטען קומען צום יום־טוב פון דער געטין־מיט־ן שמייכעל?

א ת י (ווערט בלייך): צו די בני־ישראל? (פויזע) שרף האָט געראָדט וועגען שיקען אשבק און יובב מיט אַן אָנבאָט פון פריינט־שאַפט און פרידען.

ר ח ב (בייזער און בייזער): פריינטשאַפט, פרידען! און יונגע, בויגזאַמע קערפּערס פון יונגפרויען פאַר אַ צוגאָב!

א ת י (דערשראָקען): אָבער, רחב, די בני־ישראל זיינען שטאַרק און גרויס אין צאָל — — —

ר ח ב (הערט איהם ניט): אַט אַזוי וועט דער קעניג פון יריחו אַלץ דערגרייכען — אַלץ וואָס ער וויל: ער וועט לעבען און עשתרות און יריחו און אפילו רחב. זאָלען יונגפרויען, מיט יונגע און בויג־זאַמע קערפּערס, שטערען אַ קעניג פון דערגרייכען וואָס ער וויל? (לאַכט לאַנג און ביטער).

א ת י: זיי ניט בייז, רחב. דער יום־טוב איז מיין לעצטע האָפנונג.

ר ח ב: דיין לעצטע האָפנונג! (פויזע) אַמאָל איז דאָס רחב געווען — דאָס יונגע, ליב־קראַנקע מיידעל — דענצמאָל, ווען דער קע־ניג פון עי האָט אויפגעהויבען זיין שווערט קעגען יריחו. אויך דענצמאָל האָט אתי געוואָלט פרידען מעהר ווי אַלץ און רחב איז זיין לעצטע האָפנונג געוואָרען. (מיט טרעהרען אין קול) און מ'האָט רחב'ן אַריינגעזעצט אין קעניגלאַכען טראַג־שטול און זי געפיהרט קיין עי. (פויזע) און רחב האָט זיך געשטיקט אין די אָרעמס פון

אַן אַלטען, אומקרעטיגען שאַקאַל, וועמעס אַטעם איז געווען סם, וועמעס אַנריהר ס'האָט געטויט. און רחב האָט געטרויערט נאָך אתי'ן, וואָס האָט ליב געהאַט פרידען מעהר ווי דאָס יונגע מיידעל. און אין עי איז דאָס מיידעל געשטאָרבען.

א ת י (דערשלאָגען): ווען רחב איז צוריקגעקומען אין יריחו, האָב איך איהר אַנגעבאָטען אַ קעניגלאַכען לוין. איך האָב זי גע־בעטען ווערען קעניגין.

ר ח ב: געבעטען! (מיט אַ ווילדען און אונהיימלאַכען געלעכ־טער) דענצמאָל אָבער בין איך שוין געווען מעהר ווי אַ קעניגין; איך בין געווען די קעניגלאַכע זונה. וועט ווער ארונטערנידערען פון אזא הויכען שטאַט צו זיצען מיט אתי'ן אויף זיין טראָן?

א ת י (טרויריג): אתי איז שוואַך. אָבער אַלע וואָס האָבען ליב לעבען און פרידען זיינען שוואַך. וואָס האָט אתי געקענט טאָן קעגען אתי'ן? (פויזע) ווען רחב וואָלט מיך ניט פאַרלאָזען———

ר ח ב (רוהיגער): רחב איז הילפלאָז געווען. זי האָט נישט געקענט אויסנישטערן די שרעקלאַכע ירושה וואָס אתי און יריחו האָבען געיירש'עט. די גרויסע מאַמע, פון וועמעס טראָכט זיי האָבען געשפּראָצט, איז געווען תאוה־און־זנות־באַפלעקט. קעגען דער קרע־ציגער פּלאָג איז קיין הילף ניט געווען און איצט וואַרט דער מלאך פון טויט אויף זיין שניט.

א ת י (אַ פּאַרציטערטער): ניין! ניין! (ער רוקט זיך אָב אין גרויס מורא).

ר ח ב: ניין? דאָן ציה ארויס די שווערט פון שייט און וועהר זיך, אתי! וועהר זיך!

א ת י (ווי איינער וואָס פאַרשטעהט ניט): זיך וועהרען? זאָל אתי מלחמה האַלטען?

ר ח ב: ניין, אתי קען דאָס ניט. יונגפרויען וועלען באַשיצען יריחו מיט זייערע יונגע און בויגזאַמע קערפּערס. (יאָמערט) ווי נידריג איז יריחו געפאַלען! ווי נידריג, ווי נידריג!

(טאַצען־קלאַנג וויברירט דורך דער לופט. די פינסטערנישׁ ווערט דורכגעשניטען פון טאַנצענדיגע פייערען וואָס בליצען אויף ערגעץ ווייט).

א ת י: די באַרג־פייערן! דער גרויסער יום־טוב הויבט זיך אָן! (שטעלט זיך פאַר רחב׳ן) דער קעניג פון יריחו האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט רחב׳ן צוריקברענגען צו עשתרות׳ן. (קושט אונטערטעניג דעם זוים פון איהר מאַנטעל) קום מיט מיר, רחב.

ר ח ב (אָטעמט שווער): בין איך ווידער אתי׳ס לעצטע האָפ־נונג?

א ת י (אַ פאַרציטערטער): פאַרלאָז מיך ניט, רחב. קום, קום! (ער כאַפּט זי ביים אָרעם און רחב, כמעט ניט־ווילענדיג, פאַרשווינדט מיט איהם אין טונקעלען פאַרהויז).

(פאָרהאַנג).

זעקסטע סצענע

ירִיחו־טאָל. אַ פרייער פּלאַץ פאַר דעם הייליגען געצעלט פון עשתרות. דער געצעלט איז אויף אַ בערגעל און איז אַרומגערינגעלט פון באַזאַר־בודעס. פאַר'ן געצעלט־אַריינגאַנג, צוויי ברענענדיגע שטורקאַצען; דאָס ליכט פון אַנדערע שטורקאַצען שטראָמט אַריין פון הינטערגרונט.

(אַנימירטע פעסט־סצענע. סוחרים רופען אויס זייערע סחורות; מענער און פרויען אין יום־טוב־קליידער, טומלען אַרום די בודעס. געזאַנג און געלעכטער שוועבען אין חלל).

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר (קלינגט מיט אַ גלעקעלע): פריינט פון פרוי און מיידעל בין איך! אַלערליי פּאַרפומען פאַרקויף איך! באַלזאַם פון גלעד, ריח־זאַפטען פון אַראַביע, פיינע זאַלבען פון נילוס־ברעג! דאָס אַלץ פאַרקויף איך! איך!

צ ו ו י י ט ע ר ס ו ח ר (וווייזענדיג זיין סחורה): האַלבע לבנות, האַר־בענדער, אוירינגלאַך! צירונג געהאַמערט פון גאָלד, פון זילבער, פון בראָנז. אַ מתנה פאַר דער געליבטער! אַ מתנה!

ד ר י ט ע ר ס ו ח ר (ווייזט אַ גרופּע געטשקעס פאַר זיין בודע): תרפים! תרפים! גענוג געזאָגט, האַ? תרפים געפורעמט פון אַ גרויסען מכשף, ווען די שטערן זיינען געווען מזל'דיג! ווער ס'גיט זיי כבוד, דעם פיהרען זיי אין ריכטיגען וועג און ווער ס'בעט, דעם אַנטפּלעקען זיי דאָס וואָס איהם איז באַשערט. תרפים! גענוג געזאָגט, האַ?

(אַ גרופּע פרעמדע באַווייזט זיך; צווישען זיי, צוויי אומגעלומפּערטע, האַריגע ריזען פון דעם אמים־ראַסע).

צווייטער סוחר (שטעלט זיי אָב): געבענשט אייער קומען, זיהן פון בשן. אַט איז אַ פיינער נאָז־רינג — פאַר דער געליבטער. (באַמבעלט דעם רינג פאַר די אויגען).

ערשטער ריז (ברומט): ווייז פריהער איהר נאָז! אין דערהיים האָב איך דריי ווייבער, אָבער זיי זיינען אַלט, אַלט. (אַרומיגע לאַכען).

צווייטער ריז: און וואו זיינען די מיידלאך פון יריחו? האָט איהר, קאַרליקעס, זיי באַהאַלטען?

ערשטער סוחר (רוקט זיך אונטער): ווען דער קעניג וועט קומען מקריב זיין, וועלען די יונגפרויען טאַנצען פאַר דעם הייליגען געצעלט.

די ריזען (דערפרעהט): טאַנצען, האַ? זיי וועלען טאַנצען! הויבען די יונגע פיסלאך! אַהאַ!

ערשטער סוחר (גנביש): זיי האָבען ליב פיינע מתנות. אַט איז אַ פלעשעלע טייערער פאַרפום. מיט דעם אין גאַרטעל וועסטו אַ סך פועל'ן.

ערשטער ריז (שמעקט צום פלעשעל): רויזען־בלוט! וועסט נעהמען דריי שטיקלאך זילבער? (ער שפרענקעלט עטלאַכע טראָפּענס אויף זיין צושויבערטער באָרד און דער עולם לאַכט).

ערשטער סוחר: קום, פריינט. אין מיין בודע וועלען מיר ריידען אומגעשטערט. (ביידע אָב).

צווייטער סוחר (ליאַרמט): בראַנזלעטען, אויריגנלאך, גאַרטלען! פאַר דער געליבטער אַ מתנה!

צווייטער ריז (נעהמט אַ בראַנזלעט): וויפיל קאָסט דאָס שפּילכעל, סוחר? (ביידע אָב אָן אַ זייט צו שליסען דעם מסחר).

דריטער סוחר: תרפים! תרפים! גענוג געזאָגט, האַ?

סלד (וואָס האָט אַרומגעבלאָנקעט צווישען עולם, קומט צו): גענוג געזאָגט! איך וועל קויפען איינעם פון דיינע געטער. (קלייבט

אויס אַ מענשעלע מיט אַ באָרד און גרויסע, אויסגעפּילעטע אויגען) וויפיל ווילסטו פאַר אַט־דעם גאָט?

דריטער סוחר: ווייה מיר! דו האָסט אויסגעקליבען מיין ליבלינג; דעם פיינסטען, דעם מעכטיגסטען פון אַלע מיינע געטער. ווייה־ווייה! איך קען זיך מיט איהם ניט צושיידען.

סלד: זעקס זילבער שקלים פאַר דיין גאָט און — גענוג גע־זאָגט.

דריטער סוחר: צוברעכסט מיר דאָס האַרץ! זעקס שקלים? (פּויזע) גיב צעהן — וועניגסטענס צעהן — און ער איז דיינער.

סלד: זעקס.

דריטער סוחר (שטיל): ווען דו וואָלסט געווען אַ פּרעמדער, וואָלט ער געקאָסט צעהן און ניט וועניגער. זעה איך אָבער, אַז דו קומסט פון יריחו און ביזט נאָך אַ גאָטספאַרכטיגער מענש אויך. נו, לאָמיר האַנדלען ווי ברידער און — — —

סלד: דו וועסט נעהמען זעקס. (באַצאָהלט איהם און הויבט אָן באַקוקען דאָס מענשעלע) אַ פיינע באָרד — יאָ! — און גרויסע, ווייט־זעהענדיגע אויגען. גאָט, ס׳איז אַ תענוג אויף דיר אַ קוק צו טאָן! און איצט וועל איך דיך שפּייזען. (שלעפּט אַרויס אַ קיבעלע) דאָס, האָט מען מיך געלערנט, איז די ערשטע פּליכט פון אַ מענש צו זיין גאָט. עס, גאָט מיינער, עס און פאַרגיב די זינד פון דיין קנעכט. וואָס איז דאָס, סוחר? דער גאָט עסט ניט!

אַשטים: טו אַ קוק אין זיינע צייהנער, אַלטיטשקער. תמיד, ווען מיין אייזעל וויל ניט עסען, ווייס איך אַז ער האָט צייהן־ווייטאָג! (אַרומיגע לאַכען).

סלד: אַ קלוגע עצה, פריינט. אַט וועל איך אָנקוקען זיינע צייהנער. (וויל אויפרייסען דעם מענשעלע׳ס מויל) עפּען, גאָט מייַ־

נער, עפען. אוי־ווייה! זיין באָרד האָט זיך אָבגעריסען. (פויזע) נו, וואָס איז אַ גאָט אָהן אַ באָרד?

א צווייטע שטים: אַ זי־גאָט! (אַרומיגע שיסען אויס אין אַ הילכיגען געלעכטער).

שטימען (רעכטס): ניט אמת! דאָס איז אַן ער־גאָט!

אנדערע שטימען (לינקס): יאָ אמת! דאָס איז אַ זי־גאָט! (ביידע גרופען לאַכען און טומלען).

סלד: בין איך איצט קליגער ווי פריהער? (ווייזענדיג רעכטס) אַן ער־גאָט. (ווייזענדיג לינקס) אַ זי־גאָט. און וואָס איז דאָס אין אמת'ן? (אומגעדולדיג כאַפּט ער זיך אַרונטעררייסען די קליי־דער פון מענשעלע, הויבט אויף דאָס נאַקעטע שטיק־האָלץ איבער זייערע קעפּ און דונערט) זעהט דעם גאָט וואָס איך האָב געקויפט פאַר זעקס גוטע זילבער־שקלים. ניט קיין ער־גאָט, ניט קיין זי־גאָט — נאַר אַ קלעצעל! איך האָב איהם געגעבען שפּייז און ער האָט ניט געגעסען; איך האָב אויסגעריסען זיין באָרד און ער האָט ניט געשריגען; איך האָב איהם אויסגעטאָן די קליידער און ער האָט זיך ניט געשעהמט. וועט ער מיר ענטפערן ווען איך וועל צו איהם בעטען? אָדער מיר העלפען, ווען איך וועל זיין אין נויט? (אַרו־מיגע קוקען שטום און ברוגז'לאַך).

דריטער סוחר: געה דיין וועג, אַלטער נאַר! טרייבסט אָוועק קונים פון מיין בודע!

סלד: נאַר? יאָ! דער וואָס גלויבט אין אַ שטיק האָלץ איז אַ נאַר און דער זוהן פון אַ נאַר. איך וועל מיר קויפען אַ גאָט — זאָגט דער נאַר — וואָס וועט מיך דינען, וואָס וועט מיר נאָכגעבען מיינע תאוות און היילינגען מיינע זינד. אָבער ער, דער אמת'ער גאָט, איז ניט קיין שקלאַף נאָר אַ מייסטער. ער פאָרביט און דו פאָלגסט; ער פיהרט און דו געהסט נאָך. דער וועג פון לעבען איז ער און זיין וואָרט באַשטעהט אויף אייביג!

ד ר י ט ע ר ס ו ח ר (לויפט צום געצעלט, שרייענדיג): העלפט מיר, כהנים פון עשתרות! א לעסטערער איז געקומען צווישען אונז!

א כ ה ן (נאכגעפאלגט פון טעמפעל־דינער, באווייזט זיך): פאר־וואס אזא טומעל, סוחר?

ד ר י ט ע ר ס ו ח ר: ווייה! הער די צרה וואס מיך האט געטראפען. שטעה איך אזוי ——— (דערצעהלט ווייטער שטיל).

ס ל ד (טראציג): יענער כהן וועט מיך ניט מאכען שווייגען, ווען דער אמת׳ער גאט הייסט ריידען. איז דער הימעל ניט זיין טראן און די ערד ———?

י ו נ ג ע ר מ א ן (קומט צו שנעל): קום מיט מיר, סלד. שטעה ניט! (נעהמט סלד׳ן ביים ארעם).

ס ל ד (פראטעסטירט): פארוואס של‌אגסטו איבער? געקומען ביז איך דערצעהלען וועגען דעם אמת׳ן גאט ———

י ו נ ג ע ר מ א ן: איך ווייס. אבער דאס מאל איז רחב ניטא צו באשיצען דיין לעבען. (ביידע פארשווינדען צווישען עולם).

ד ר י ט ע ר ס ו ח ר (נאכגעפאלגט פון כהן, קומט צוריק): וואו איז ער? אוועק? געלויבט איז עשתרות! (צוזינגט זיך) תרפים! תרפים! גענוג געזאגט, הא?

(זינגענדיגע שטימען, באגלייט פון טאצען־און־טרומייטען־שפיל, דערהערען זיך פון ווייט. פון פארשידענע זייטען שטראמט דאס פאלק צום הייליגען געצעלט).

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר (טומלענדיג): ווייזוויך פאר דער גרויסער מאמע! איך הער זי קומען, קומען!

צ ו ו י י ט ע ר ס ו ח ר: א מתנה פאר עשתרות׳ן! כח וועט זי אייך געבען; אייער ליבע וועט זי בענשען! א מתנה! א מתנה!

ר ד י (פיהרענדיג די וואד־יונגען, קומט אריין און רופט): עפענט א וועג פאר עשתרות!

(בשעת די וואַד־יונגען מאַכען פריי דעם וועג, באַווייזט זיך די פּראָצעסיע. כהנים, אין פאַנטאַסטיש־דראַפּירטע מאַנטלען, טראָגען די הייליגע כלים פאַר דעם ציטוויליגען טעמפּעל. עטלאַכע פון זיי טראָגען ווייבערישע קליידער. טעמפּעל־דינער טראָגען טאַמבורינען, האַרפען, טאַצען, טרומייטען און קליינע לעדער־פּייקלאַך).

כהנים (זינגען):

זינגט צו עשתרות,
לויבט איהר נאָמען.
זאָל'ן פעלקער הערען
איהר פרייד־געשריי:
קינדער פון דער ערד,
לעבען־דורשט'גע,
צו עשתרות קומט,
קומט זי דינען.

יונגפרויען (באַקראַנצט מיט אנעמאָנען, טירזאָס־שטעקענס אין די הענט, זינגען):

ווער לייכט אויף באַזילבערט
ווי ניי־לבנה?
ווער באַגיסט באַרג און טאָל
מיט געבערען־פרייד?
ווער נעהרט ביי איהר ברוסט
אין־ליבע־פאַרליבטע?

כהנים און יונגפרויען:

עשתרות!
מאַמע פון ערד,
פרייד פון מאַן.
דינען קומט זי,
קומט זי דינען!

ש ר ף (אין די פאַרבען־רייכע קליידער פון כהן־גדול, איז דער־ווייל אַריינגעקומען. פיר טעמפּעל־דינער טראָגען דאָס גרויסע, מיט די־מענטען־באַדעקטע בילד פון עשתרות. ביים געצעלט־אַריינגאַנג, אינטאָ־נירט שרף): געבענשט זאָל זיין דיין קומען אין יריחו־טאָל, אַ גרויסע מאַמע! (קניט).

אַ ל ע (קניען): געבענשט זאָל זיין עשתרות!

ש ר ף: זאָל שטאַרק פליסען פון דיינע לענדען דער שטראָם פון לעבען. באַפרוכטען זאָל דיין ברכה־קוואַל די שטאָדט וואָס ווערט באַשיינט פון דיין ליכטיגער געשטאַלט. אַ לויב און אַ דאַנק דיר, אַ גרויסע מאַמע! (שטעהט אויף).

אַ ל ע (אויפשטעהענדיג): אַ דאַנק און אַ לויב! (באַגלייט פון פרייד־געשרייען ווערט דאָס בילד אַריינגעטראָגען אין געצעלט).

ר ד י (רופט): פּאַסט אויף! אתי, מעכטיגער קעניג פון יריחו! פּאַסט אויף!

(וואַד־יונגען מיט בלאַנקע שווערטען קומען אַריין. פיר שקלאַפען מיט דעם קעניגלאַכען טראָג־שטול קומען נאָך. אתי, אין זיינע פּאַראַד־קליידער, קריכט אַרויס פון שטול און אַלע וואַרפען זיך שטום צו דער ערד).

אַ ת י (פאַרנייגט זיך צוערשט פאַר דעם בילד אין געצעלט. ער דרעהט זיך דאַן אויס צום פאָלק, אַ מידען שמייכעל אויפ'ן פּנים): שטעהט אויף! אתי באַגריסט אייך צום עשתרות יום־טוב!

אַ ל ע (הויבען זיך אויף): לאַנג לעבען זאָל אתי! אונזער קעניג אתי!

אַ ת י: אתי פרעהט זיך צו זעהן דעם איינגעבוירענעם און שטרעקט אויס די האַנט פון פרידען צו זיינע שכנים. די חסדים פון עשתרות זיינען ווי די ירדן־וואַסערן וואָס טריקענען קיינמאָל ניט אויס. קומט און געניסט פון איהר רייכקייט. קומט און זייט ברידער צו יריחו'ן און אתי'ן!

ש ט י מ ע ן: אתי האט גערעדט! אונזער קעניג אתי!

א ת י: יאָ, אייער ברודער און אַ זוהן פון דער גרויסער מאַמע. (צו שרף׳ן) רחב איז דאָ מיט מיר.

ש ר ף (שטיל): ניט געקומען אין קעניגלאַכען טראָג־שטול?

א ת י: יאָ. (געהט צו צום טראָג־שטול און הויבט אויף דעם פאָרהאַנג) באַעהר מיך פאַר די אויגן פון מיין פאָלק, רחב. קום.

ר ח ב (קומט אַרויס און פאַרנייגט זיך פאַר קעניג און כהנים).

ש ט י מ ע ן: רחב? (מורמלען) געקומען מיט׳ן קעניג?

א ת י (שמייכעלט): שרף, אָט איז רחב, די צוריקגעקעהרטע. לאָמיר געהן צום מזבח.

ר ח ב (קאַלט): פאַרגיב מיר, מיין קעניג. ס׳פּאַסט ניט, אַז די נידריגע דינסט זאָל זיין מיט׳ן האר ווען ער איז מקריב אין געצעלט.

א ת י (אומרוהיג): די אויגען פון יריחו זיינען אויף אונז. קום, רחב.

ר ח ב (רוהיג): איך וועל קומען מיט׳ן פאָלק נאָכ׳ן קעניג.

ש ר ף: רחב איז גערעכט. זי וועט קומען מיט איהר גלייכען. (פאַרנייגט זיך) געה אריין, אתי. עשתרות וואַרט אויף דעם גע־ליבטען זוהן. (בשעת אתי געהט אַריין, הויבט שרף אויף די האַנט) פאַנגט אָן דעם הייליגען טאַנץ! (אָב אין געצעלט).

(אַ מינוט איז אַלץ שטיל. באַלד אָבער דערהערט זיך דאָס שפּיל פון אומזיכטבאַרע האַרפען און פלייטען, וואָס וועבט זיך איבער די קעפּ פון די עשתרות־דינער. די יונגפרויען הויבען זיך אָן לאַנגזאַם באַ־וועגען און, ווי פאַר׳כשופ׳טע, דרעהען זיי זיך, קומענדיג נעהענטער און נעהענטער צום הייליגען געצעלט. אויף עטלאַכע מינוט ווערט טאַנץ און מוזיק שטורמישער, אינטענסיווער; דאַן ווידער שוואַכער — ביז טאַן און באַוועגונג זיינען כמעט אונמערקבאַר. טענצער און פאָלק האָבען

זיך צוגערוקט גאַנץ נאָהענט צום געצעלט וואו זיי שטעהן, אַ קורצע ווייל, אומבאַוועגלאַך).

ר ח ב (האָט זיך לאַנגזאַם דערווייטערט פון געצעלט; די ווייטקייט צווישען איהר און די עשתרות־דינער איז, וועהרענד דעם טאַנץ, געוואָרען גרעסער און גרעסער. איצט שטעהט זי אַליין — אַ טרויריגע, אַן אָבגעריסענע. פלוצים ווערט זי פאַרציטערט, דערזעהענדיג סלד׳ן ליגען ביי איהרע פיס. זי בייגט זיך אָן): פאָטער!

ס ל ד (שטיל): דו האָסט איהם פארלאָזען?

ר ח ב (הויבט איהם אויף): מיר זיינען פון יריחו, פאָטער, און ער — ער וויל יריחו חרוב מאַכען.

ס ל ד: זעה דיין יריחו! דער זינד־כשוף פון עשתרות קאָכט אין זייער בלוט; פייער פון אייביג־ניט־געזעטיגטער תאוה פאַרצעהרט זייער פלייש. זעה!

ר ח ב: אָבער זיי זיינען מיינע, מיינע! וועט יאה־ווע ניט פאַרגעבען?

ס ל ד: ניין, סיידען ער וועט לייטערן!

ר ח ב: סיידען ער וועט לייטערן. (פויזע) יאה־ווע, אויב דו מוזט לייטערן, טאָ גיב רחב׳ן כח צו זיין דיין ווערקצייג. (זי לעהנט זיך אָן אויף סלד׳ס פלייצע און יאָמערט) לייטער, אויב דו מוזט, אָבער צושטער ניט יריחו!

(די צוויי ריזען האָבען זיך, וועהרענד דעם, באַוויזען. אַן עקעלדיגער תאוה־שמויכעל איז צוגאָסען איבער די פנים׳ער; די אומגעלומפּערטע תנועות זאָגען עדות, אַז זיי זיינען זנות־שכור).

ע ר ש ט ע ר ר י ז (כאַפּט אַרום איינע פון די מיידלאַך און שעפּטשעט הייזעריג): שאַ! רויזען־בלוט ברענג איך דיר און דו — דו — — —

י ו נ ג פ ר ו י (דערשראָקען): איך? וואָס? אַ!

ע ר ש ט ע ר ר י ז: אזוי וועל איך דיך טראָגען צום מזבח פון עשתרות און זי———

י ו נ ג פ ר ו י (טוט אַ געשריי און ביידע ווערען אַרומגערינגעלט פון אַן אויפגערודערטער מאַסע. אין דעם טומעל, גליטשט זי זיך אַרויס פון זיינע אָרעמס און הויבט אַן לויפען).

ר ח ב (עפענט איהרע אָרעמס פאַר דעם דערשראָקענעם מיידעל או׳ הילט זיך איין אין איהר מאַנטעל): ער וועט דיך מעהר ניט טשעפּען, קינד.

ע ר ש ט ע ר ר י ז (סטראַשענדיג): בין איך געקומען אַהער פון ווייטען בשו כדי מ׳זאָל מיך מאַכען צום נאַר? האָט אתי אונז ניט געבעטען קומען און געניסען עשתרות׳ גאָב?

ר ח ב: ער האָט געבעטען. האָט אָבער עשתרות ניט וואָס צו געבען. זי איז טויט.

ש ט י מ ע ן (מורמלען): טויט? האָט זי געזאָגט טויט?

ר ח ב: יאָ, טויט! און דער צופוילטער פּגר וועט מעהר ניט דערוואַרימט ווערען צו׳ן אַ ניי לעבען דורך די ליבע־מאַטערנישען פון רחב און איהרע שוועסטער. קומט צו מיר, איהר יונגפרויען פון יריחו! קומט אין די אָרעמס פון איינער וואָס ראַנגעלט זיך אַ גאַנץ לעבען ניט דערטרונקען צו ווערען אין דעם זינד־בריי, וואָס האָט געפּלאָסען פון עשתרות׳ צוהיצטע בריסטען. קומט און זאָל רחב׳ס פון־ווייהטאָג־צוריסענע האַרץ אויף אייך מכפּר זיין.

י ו נ ג פ ר ו י ע ן: רחב! רחב! (רינגלען זי אַרום מיט אויפ־געהויבענע אָרעמס און דערהעלטע, האָפנונגספולע פּנימ׳ער).

(אתי, שרף און כהנים זיינען דערווייל אַרויסגעקומען).

א ת י (איבעראַשט): פאַרוואָס דער געשריי און דער טומעל?

ע ר ש ט ע ר ר י ז: איז דאָס שעהן פון אַ קעניג אַפצונאַרען זיינע שכנים?

א ת י: ניט שעהן. אָבער פאַרוואָס די האַרבע ווערטער, גרוי־סער מאַן פון בשן?

ערשטער ריז: אַ יונגפרוי האָב איך אויסגעוועהלט און מ׳האָט זי ביי מיר צוגענומען.

שרף: ווער האָט געוואַגט ווידערשפּעניגען קעגען געזעץ פון דער גרויסער מאַמע?

רחב: איך האָב געוואַגט.

אתי: דו, רחב? האָסט דו ניט צוגעזאָגט———?

רחב: צוגעזאָגט! צוגעזאָגט! (אָטעמט שווער) אַ מיידעל־קינד, ציטערענדיג אין די אָרעמס פון אַ רויב־חיה, האָט געשריגען. אויב אתי איז טויב געוועזען צו דעם געשריי, בין איך ניט טויב געוועזען. דער דערשטיקטער געשריי פון מיין אייגענעם האַרץ איז דאָס געוועזען.

שרף: די יונגפרוי וועט געהן מיט דעם פרעמדען צום מזבח. אַזוי איז דאָס געזעץ פון עשתרות!

רחב: און דער פאַרלאַנג פון איהרע תאוה־מעקלערס. איהר וועט מעהר ניט ברענגען קיין יונגפרוי־קרבנות צו עשתרות׳ן; (פויזע) און ניט צו די שלום־וואונשען פון אתי. אויב תאוה און זנות זיינען דיינע איינציגע כלי־זין, מעכטיגער קעניג פון יריחו, וועט בעסער זיין אַהן אַ קעניג און אַהן — אַהן יריחו!

שרף: אתי פאַרשוועכט דעם טראָן פון זיינע פאָטערס. זאָל אַ זונה לעסטערן שטאָדט און קעניג און ער וועט שווייגען?

אתי: שטיל, כהן! איך און דו, פאַרזונקען אין אונזער אייגען־ליבשאַפט, קענען ניט שטום מאַכען עמיצען וואָס האָט ליבער יריחו ווי זיך אַליין. (בעטענדיג) רחב, ווייל איך האָב געוואָלט מציל זיין יריחו, האָב איך פאַרבעטען מיינע שכנים און די בני־ישראל קומען צו דעם יום־טוב. צושטער ניט———

רחב (לאַכט ביטער): און פאַר לאַק־שפּייז — יונגע און בויג־זאַמע קערפּערס פון יונגפרויען! געה אַקעגען די בני־ישראל מיט דיין שווערט, אויב דו קענסט; מיט דעם שליסעל צום גרויסען טויער, אויב דו מוזט. אָבער די טעכטער פון יריחו וועלען מעהר ניט אויסלייזען אייערע אַנגעשוואָלענע בייכער און אייערע פון־פחד־צופרעסענע הערצער. (פויזע) קוק זיי אָן, אתי! פריש און

בליהענדיג און זים ווי די אנעמאנען אין זייערע האר. איז רחב ניט געווען אזוי, ווען זי און אתי זיינען נאך געווען יונג? ווייז דיין גנאד, אתי! מאך א סוף צו דעם יום־טוב פון אומקרעטיגקייט. וויש אפ דיין שאנד און די שאנד פון יריחו!

א ת י (פינסטער): די שליחים זיינען ארויסגעשיקט; די פייערן אנגעצונדען.

ש ר ף: וועט אתי בעטען וואו ער קען באפעהלען?

ר ח ב (ווילד): מאך א סוף! מאך א סוף!

א ת י: דער יום־טוב וועט געפייערט ווערען.

ר ה ב (שרייט): ער וועט ניט! (פלינק כאפט זי דעם ברענענ־דיגען שטורקאץ און שליידערט איהם אריין אין הייליגען געצעלט).

(א געשריי פון צארן און שרעק. שרף און כהנים רייסען זיך אריין אין געצעלט. דאס פאלק ווארפט זיך אויף רחב׳ן מיט רציחה און צייהן־קריצעניש).

א ת י (באמיהט זיך זי צו באשיצען; רופט): רדי! רדי! די יונגען!

ר ד י (שרייט): טרעט אב! טרעט אב! (ער און די וואך־יונגען שטופען אב די מאסע).

ש ר ף (קומט ארויס): ווייה! זי האט געטראפען אין ציל! עשתרות איז אין פלאמען!

כ ה נ י ם (יאמערען): ווייה־ווייה!

א ת י (ברעכט די הענט): וואס האסטו אונז געטאן, רחב?

ר ח ב (מיט אן אונהיימלאכער פרייד): אנגעצונדען דאס טויטען־פייער פון דער גרויסער זונה פון יריחו!

(אלע שטעהן ווי פארשטיינערט. די פלאמען רייסען זיך ארויף פון געצעלט און פארשפרייטען זיך שנעל איבער דעם גאנצען לאגער).

ס ל ד ׳ ס שטים (פון ווייט): יאה־ווע האט געזיגט!

(פארהאנג).

דריטער אַקט

זיבעטע סצענע

אַ גאַס ביים גרויסען טויער פון יריחו. אַ וואַך־טורעם הויבט זיך אויף איבער דער מאַסיווער וואַנט. אַ טונקלער געוועלב־קאָרידאָר פיהרט צום טויער.

עלטסטער טויער־היטער (מיט ברענענדיג ליכט אין האַנט, קומט אַרויס פון קאָרידאָר; רופט): וועכטער! וועכטער! ביזטו וואַכענדיג?

וועכטער (פון טורעם): יאַ! פריש און וואַכענדיג!

טויער־היטער: זעהסטו עמיצען קומען קיין יריחו?

וועכטער: קיינעם ניט חוץ די זון וואָס געהט אויף איבער׳ן גלעד־באַרג!

טויער־וועכטער: אַן אייזעל ביזטו און דער זוהן פון אַן אייזעל! ניט אויף זון־אויפגאַנג וואַרט אתי, נאָר אויף יובב׳ן און אשבק׳ן. ווען דו וועסט זעהן עמיצען קומען פון ירדן־וועג, קלאַפ אין טאַץ!

וועכטער: יאַ־יאַ!

טויער־היטער (ווי צו זיך אַליין): אַ סך יאָהרען שוין היט איך דעם טויער. קיינמאָל אָבער זיינען די נעכט ניט געווען אַזוי פּחדים׳דיג און די טעג אַזוי שווער מיט זאָרג פאַר דעם טויער־היטער. מאַכט זיך אַז אַ פרעמדער קלאַפּט אין טויער. אָה! היטער, פּאַס אויף! מיט זיבען אויגען קוק אויף איהם. מעגלאַך אַ נייער שפּיאָן, געשיקט פון די בני־ישראל. אָדער — דער מזרח־ווינט וויר־בעלט אויף דעם שטויב אויף דעם געשלענגעלטען וועג. אָהאָ! אפשר דערנעהענטערט זיך שוין דער שונא צו יריחו און מ׳מוז

קלאפּען זיבען מאָל אין טאָג. (פּויזע) און אַלץ וואָס שטעהט צווישען דעם מעכטיגען פּיינט און יריחו איז אַט־די שווערע, מיט־דעמבע־באַשלאָגענע טיר. וועט זי זיין שטאַרק גענוג קעגען די בני־ישראל? וועט זי איבערטראָגען די קלעפּ פון זייערע שטורם־באַקען? אויב ניט, דאַן מעג די גרויסע מאַמע——— (ציהט מיט די פּלייצעס) אָבער זי איז טויט און וואָס קען מען דערוואַרטען פון אַ טויטער געטין?

א ז א ל ט ע ר מ א ן (מיט מעהל־טאָרבע און אייל־קרוג, הינקט אַריין): פרידען צו דיר, עלטסטער פון די טויער־היטער.

ט ו י ע ר ־ ה י ט ע ר: צו דיר פרידען, אָסף. און וואָס זוכסט דו ביים טויער אַזוי פריה?

א ל ט ע ר מ א ן: הונגער טרייבט, פריינט. אַז אין הויז איז ניטאָ קיין מעהל און קיין אייל, קען מען ניט שלאָפען. וואָלטען די פּויערים נאָר געקומען אויפ׳ן מאַרק היינט———

(מענער און פרויען, מיט זעקלאַך, קרוגען און קויבערס, זייגען דערווייל אָנגעקומען).

ט ו י ע ר ־ ה י ט ע ר: אַט זעה! אַנדערע נאָך קומען זוכען שפּייז. אָבער די פּויערים קומען מעהר ניט קיין יריחו. דער שונא איז אונטערוועגנס און זיי האָבען מורא.

א פ ר ו י (שרייט): זאָלען מיינע קינדער גאָרניט עסען חוץ טרוקענע טייטלען? פאַרוואָס זאָל אתי ניט פאַרזאָרגען ברויט פאַר׳ן פאָלק?

ט ו י ע ר ־ ה י ט ע ר (שפּיציג): אַט דאָרט, מוטיגע פרוי, איז אתי׳ס פּאַלאַץ. דאָ איז דער טויער און אתי וואוינט ניט דאָ.

א מ א ן: אָבער באַפוילען האָט ער מ׳זאָל דעם טויער האַלטען פאַרשלאָסען. קומט קיינער ניט אַריין און ס׳געהט קיינער ניט אַרויס. יריחו איז געוואָרען אונזער קבר.

מענער און פרויען (שעפטשען): א קבר, א קבר! אמת! (א שווער־דריקענדע שטילקייט הערשט א מינוט. פלוצים דער־הערט זיך דער קלונג פון טאַץ).

טויער־היטער: וואס זעהסטו דארט, וועכטער?

וועכטער: צוויי וואס קומען פון ירדן־וועג!

(עטלאַכע טויער־היטער קומען שנעל צו לויפען פון קאַרידאַר).

טויער־היטער (צו איינעם פון זיי): אייל זיך און רוף אהער רדיין. (טויער־היטער אַב) וועכטער, קוק דיך גוט צו! זיינען די צוויי יובב און אשבק?

וועכטער: פנימ׳ער פארהילט אין די מאנטלען! איך קען ניט זעהן!

טויער־היטער (באַאומרוהיגט): צוויי וועג־געהער אליין, פנימ׳ער פארהילט, און אונטערוועגענס איידער די זון איז אויפ־געגאנגען. וועלען יובב און אשבק קומען צום טויער פון יריחו ווי נאכט־גנבים?

(א קלאַפ אין טויער. זייערע פנימ׳ער ווערען געשפאַנט פון פחד).

אלטער מאן (פילדערט): באהיט אונז פון אל־דאס־בייז, גרויסע מאמע. באהיט אונז———

מאן: גרויסע מאמע? (בייז) טויט איז זי—טויט!

פרוי (יאָמערט): און איצט וויל זי אונז נעהמען צו זיך. הערט איהר ווי מ׳קלאפט דארט? די צוויי זיינען איהרע שליחים. (מיט א קוויטש) הערט אויף קלאפען! הערט אויף רופען! מיר וועלען ניט געהן!

מענער און פרויען (שרייען און זשעסטיקולירען): ניין־ניין! מיר געהן ניט! ניין!

רדי (און וואַך־יונגען, קומען שנעל אריין): וואס פאר א טומעל איז דא?

ט ו י ע ר־ה י ט ע ר: צוויי מענשען זיינען ביים טויער — און זייערע פנימ׳ער זיינען פארהילט — און מיר ווייסען ניט פון וואנען זיי קומען און צו וואס — — —

ר ד י: בלויז צוויי? (בארוהיגט) ברענגט זיי אריין.

ט ו י ע ר־ה י ט ע ר (מיט זיינע העלפערס, עפענען פארזיכטיג דאס קליינע טירעל. זיי ברענגען די צוויי — די פנימ׳ער נאך אלץ פאר־הילט — פאר רדיין).

ר ד י (מעסט זיי אב מיט א שארפען בליק): פארוואס באהאלט איהר די פנימ׳ער?

י ו ב ב (ברומט בייז): ווער איז רדי אבצושטעלען יובב׳ן ביים טויער פון יריחו? מאך פריי דעם וועג!

ר ד י: יובב? יא! און דער מיט דיר איז דאך אשבק.

א ש ב ק (שטיל): אשבק. יא.

ר ד י: אתי האט באפוילען אויף אייך צו ווארטען ביים טויער. קומט מיט מיר.

י ו ב ב א ו ן א ש ב ק (קרעכצען): ניין־ניין! מיר קענען ניט!

ר ד י (פארוואונדערט): איך פארשטעה ניט. וואס פאר אז אומגליק — — — ?

י ו ב ב: פרעג ניט. לאז מיך געפינען רוה און איינזאמקייט אין מיין הויז.

א ש ב ק: שוואך בין איך און מיינע פיס זיינען מיד. ווי קען איך מיך ווייזען פאר אתי׳ן?

א ל ט ע ר מ א ן (וואס האט זיי וועהרענד דעם ארומגעקרייזט, זוכענדיג, שפירענדיג): די שטימען מעגען זיין יובב׳ס און אשבק׳ס. אבער ווען איך בין רדי, פארלאז איך זיך ניט אויף מיינע אויערן אליין. זיינען זיי ניט קיין שפיאנען, מעגען זיי ווייזען די פנימ׳ער. יא!

מענער און פרויען: אודאי! ווייזען די פנים׳ער!

יובב (צורייצט): נו, זעהט, איהר ראַיענדיגע חזירים! (ער און אשבק הילען אויף די פנים׳ער. די רעכטע זייט איז אָפּגעגאָלט, בשעת די לינקע ווייזט די גאַנצע לענג באָרד).

אלטער מאן: האָלבע בערד אָבגעגאָלט? (פּויזע) ווי זיי וואָלטען געווען אומריין! (אַלע שטעהן ווי פאַרשטיינערט).

אשבק: אָט אַזוי האָבען די בני־ישראל געעהרט אתי׳ס שליחים. (מיט טרערען אין קול) זיי האָבען געשפּיגען אויף אונז און אונז גערופען זונה־מעקלערס, קרעציגע הינט.

אלטער מאן: אַ שאַנד־וואָרט איז יריחו געוואָרען און אַ שפּאַס. זונה־מעקלערס; הינט!

יובב: יאָמערט, יאָמערט! אויך איך האָב געשריגען קעגען דער שאַנד וואָס מ׳האָט אָנגעטאָן מיר און אייך. אָבער יענע פּראַים האָבען געלאַכט. שיקט אייערע שטאַרקע מענער — האָבען זיי גע־חוזק׳ט — און זאָלען זיי זיך פּאַר אייך נוקם זיין. און ווען זיי האָבען דאָס געזאָגט, בין איך שטום געוואָרען — שטום!

רדי (צורודערט): אתי׳ס שליחים זענט איהר געווען און אתי וויל פרידען. האָט איהר זיי ניט געבעטען קומען און זיך טיילען מיט עשתרות׳ גאָב?

יובב (אין כעס): יאָ! און דאָס איז אונזער אומגליק גע־ווען. ווען יהושע, זייער פיהרער, האָט געהערט אתי׳ס ווערטער, האָט ער געשטורעמט: „וויל אתי מיך בינדען מיט די בויך־גאַרט־לען פון זיינע ווייבער?” און באַלד האָט ער באַפוילען אָבגאָלען אַ העלפט פון אונזערע בערד — אונז צו דערנידעריגען.

רדי: אַ זאָנדערלאַך פאָלק — די בני־ישראל. באָט מען זיי אַן פרידען, שטורמען זיי; בעט מען זיי צו׳ן אַ יום־טוב, מאַכען זיי די שליחים צו שאַנד. איך פאַרשטעה ניט.

א ש ב ק: אָבער איך פאַרשטעה. (פויזע) זיי גערענקען נאָך דעם יום־טוב פון בעל־פּעור, ווען פילע פון זייערע מענער זיינען פאַרלאָקט געוואָרען צו דינען אַ פרעמדען גאָט. דאָס האָט פּאַסירט גאָר ניט לאַנג צוריק און די מיידלאַך פון מואב———

א ל ט ע ר מ א ן: אָה! די מיידלאַך האָבען פאַרלאָקט די פרעמדע צו בעל־פּעור!

א ש ב ק: יאָ, אַזוי איז דאָס געווען. אָבער די זינדיגע זיינען געטויט געוואָרען פון די אייגענע ברידער און זייער גאָט האָט געשיקט אַ מגפה אין דער מחנה. צוויי מאָל צעהן טויזענד און מעהר האָבען באַצאָהלט מיט׳ן לעבען פאַר בעל־פּעור׳ס גאָב.

י ו ב ב: און איידער זיי האָבען פאַרגעסען דעם שרעק פון יענע טעג, פאַרבעט זיי אתי צו׳ן אַן עשתרות יום־טוב! (פויזע) ניט קיין קלוגע עצה האָט די גרויסע מאַמע אתי׳ן געגעבען.

ט ו י ע ר ־ ה י ט ע ר: לאָז זי רוהען, יובב. ניטאָ מעהר די גרויסע מאַמע.

י ו ב ב א ו ן א ש ב ק: ניטאָ מעהר? (פויזע) טויט?

מ ע נ ע ר א ו ן פ ר ו י ע ן (טרויערן): יאָ, טויט!

ר ד י: דאָס איז געווען רחב׳ס האַנט, וואָס האָט אַריינגע־וואָרפען אַ פלאַמענדיגען שטורקאַץ אין הייליגען געצעלט. דאָס גרויסע בילד איז איצט אַ פאַרקוילט שטיק האָלץ.

י ו ב ב: רחב׳ס האַנט. יאָ־יאָ! זי האָט געהאַסט עשתרות׳ן מיט אַ סכנה׳דיגען האַס און זי איז שטאַרקער פון אתי, שטאַרקער פון יריחו!

א ש ב ק (אַ דערשלאָגענער): פרעהען וועלען זיך די בני־ישראל און טאַנצען וועלען זייערע טעכטער. יריחו איז פאַר׳יתומ׳ט און מיר האָבען ניט מעהר קיין מאַמע. (זעצט זיך אַוועק און הויבט אָן אָבינדען אַ לעדער־לאַגעל פון זיין גאַרטעל) מיין האַרץ איז שווער; אַ טראָפּען וויין וועט דערטרענקען מיין ווייהטאָג. (טרינקט און דערלאַנגט יובב׳ן דעם לאַגעל).

יובב: נו, לאנג וועט דאס ניט דויערן. מיר האבען באַ־געגענט זייער אוואנגארד ביי די ירדן־דורכגענג. (טרינקט און גיט דעם לאַגעל רדי׳ן).

רדי (מיט אַ שוואַכען אָנשטעל זיי צו טרייסטען): די וועגט פון יריחו זיינען שטארק. וועט מען נאָר די טוירען גוט באפעסטיגען, וועט קיינער יריחו ניט באזיגען. (טרינקט און גיט דעם לאַגעל דעם טויער־היטער).

טויער־היטער (גיסט אויס עטלאַכע טראָפען וויין פאַר יעדען פון זיי. בשעת זיי טרינקען, זאָגט ער אויס דעם לאַגעל אויף זיינע ליפּען. טרויעריג): דער לעצטער טראָפען. (טרייסעלט דעם לאַגעל און וואַרפט איהם אַוועק) אויס! גאָרניט געבליבען!

(טאַץ קלינגט. ביים ערשטען קלאַנג שפּרינגען אַלע אויף, הערען זיך איין מיט מורא׳דיגער שפּאַנונג. אָבער די טאַץ קלינגט אָהן רחמנות זיבען מאָל).

רדי (אַ בלייכער; שעפּטשעט): זיבען? האט ווער געצעהלט זיבען?

טויער־היטער: יאָ! (פויזע) די בני־ישראל!

(פאָרהאַנג).

אכטע סצענע

דאָס צימער אין רחבס הויז. אַ רויטער שנור הענגט אין מיטעלסטען פענסטער. פריה־מאָרגען.

ר ח ב (זיצט אויפ'ן דיוואַן, אתים קלוינער אַף אויף איהר שוים) : עס שוין, אבא, עס און הער זיך אויף קרימען. נעהם אַ טייטעל, אַ זיסע, זאַפטיגע טייטעל. ניין? האַ? אַ, איך פארשטעה. טייטלען זיינען קיין מאכל ניט פאר אַ קעניגס ליבלינג. (לאַכט שטיל) שוין רחבס מזל אויסצושטעהן זיך אַלערליי קאַפריזען פון איהרע געסט — מענער אדער אַפען. און מאַנדלען וועט זיין בעסער, אבא? (שטעהט אויף און ברענגט אַ זשמעניע מאַנדלען) נו, עס — און פאַר־געס דיינע צרות. הער אויף קוקען אזוי טרויעריג אויף יענער טיר. ער איז דאָרט — יאָ. אבער ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען ווען די זון איז אויפגעגאַנגען; אַ זינד איהם איצט אויפצואוועקען. (פויזע) איך וויים, אבא, דיין הארץ איז פול מיט ביטערקייט און דו בענקסט נאָכ'ן ווייכען שוים פון דעם גרויסען, אַלמעכטיגען האַר. (לאַכט בשעת טרערען בלישצען אין איהרע אויגען) דו ביזט דער לעצטער, אבא, אין וועמעס אויגען ער איז נאָך אַלץ גרוים און מוטיג און אומבאַזיגבאר. נו, עס שוין די מאַנדלען, זיהנדעלע. באַלד וועט דער האַר — — —

ם ל ד (באַווייזט זיך אין דאַך־טיר. בשעת ער עפענט די טיר דערהערט זיך אַ ווילדער געשריי פון גאָר ווייט).

ר ח ב (דערשראָקען) : פאַטער! (פויזע) וואָס באַטייט דער געשריי וואָס איך הער?

ם ל ד (מיט אַ נצחון־בליק) : הער און פרעה דיך, טאָכטער פון סלד. די מחנה פון יאה־ווע הויבט אויף אַ זיג־געשריי!

ר ח ב (ווי אויסמיידענדיג אַ שרעקלאַכען קלאַפּ) : אַ זיג־געשריי?

ס ל ד : קום! מיט מורא און פרייד וועסטו זעהן דעם גרויסען וואונדער!

ר ח ב : וואָס זעהן, פּאַטער? רעד, רעד!

ס ל ד : די שטאַרקע מויערן פון יריחו שפּאַלטען זיך; יאָ, שפּאַלטען זיך!

ר ח ב : ניט אמת! ס׳האָט זיך ניט געהערט דער קלאַפּ פון האַק אָדער האַמער. ס׳איז דיין וואונש, ניט דיינע אויגען, וואָס האָט דערזעהן שפּאַלטען אין יריחו׳ס מויערן.

ס ל ד : איז דען עפּעס אומעגלאַך ווען יאה־ווע וויל דאָס? ניט קיין העק דאַרף ער און ניט קיין האַמערס און ניט שטורם־באַקען. הויבט אויף אַ גרויסען געשריי — האָט ער באַפוילען די בני־ישראל — און איהר וועט זיגען. (פּויזע) הער! אַ ציטער צוטרייסעלט די מאַסאַווע שטיינער; שפּאַלטען ווייזען זיך אין די הויכע ווענט. באַלד, באַלד — און זיי וועלען צוברעקעלט ווערען, איינפאַלען! (מיט פרייד) יאה־ווע וועט זיגען!

ר ח ב : יאָ — זיגען! און יריחו וועט פאַלען פאַר זיינע העלדישע שרייערס.

ס ל ד (איבעראַשט) : רעדט דאָס רחב אַזוי? רחב, וואָס האָט געוואָרפען דעם ברענענדיגען שטורקאַץ אויף עשתרות׳ן, אָהן מורא פאַר קעניג, כהן און געצענדינערישען פאָלק?

ר ח ב (פאַרצווייפעלט) : אָבער איצט ווערט יריחו חרוב! פאַר דיר — אייביג־אַנגע׳שכור׳ט מיט דעם געדאַנק פון אַ מעכטיגען גאָט, וועמעס קעניגרייך איז אָהן גרעניצען — פאַר דיר קומט היינט אַ נייער טאָג. אָבער פאַר רחב׳ן — איינגעוואָרצעלט ווי אַ טאַמאַריסק־בוים אין דער ערד פון יריחו — וואָס וועט דער הייגטיגער טאָג ברענגען?

ס ל ד (רחמנות׳דיג): רחב האָט געדינט יאה־וועץ און איהם געטריי געדינט. וועט ער זי ניט באַלוינען? זעה! דער רויטער שנור אין דיין פענסטער איז דער אָבמאַך־צייכען צווישען אונז און זיינע קינדער. באַלד וועלען זיי קומען און אונז אוועקפיהרען פון דאַנען. רחב וועט זיך פאַרפּוצען ווי אַ כלה געפיהרט צו איהר חופה — — —

ר ח ב: אַ כלה — רחב? (מיט ביטערען געלעכטער) וועט יאה־ווע צו זיך נעהמען די זונה פון יריחו? וועט זי געפינען אַ היים צווישען זיינע אויסדערוועהלטע קינדער? אָדער — וועט ער באַווייזען דעם גרעסטען וואונדער און אויסמעקען פון רחב׳ס נשמה דעם אָנדענק פון איהר ברענענדיגער שאַנד?

ס ל ד: ווער וועט שטעלען גרעניצען צו דעם וואָס יאה־ווע קען? ער טוידט און מאַכט ווידער לעבעדיג. ער — — —

ר ח ב: אָבער ווער וועט מכפּר זיין פאַר רחב׳ן אויב ניט רחב? (ווילד) געה, פאַטער! געה און נעהם צונויף דיין הויז־געזינד. (געשריי און טומעל פון ווייט) דו הערסט? באַלד וועלען זיי זיין דאָ. געה!

ס ל ד: רחב וועט געהן מיט מיר!

ר ח ב: ציטער ניט. ניט באַהאַלטען וועל איך זיך און ניט אַנטלויפען. נו, געה — און זאָל יאה־ווע זיין לייטזעליג צו דיר.

ס ל ד (עקזאַלטירט): ווען אַלע וועלען טרויערן, וועט ער זייז מיין געזאַנג; אין מיטען פון צעשטערונג, וועט ער דערהאַלטען מיין לעבען! (אָב).

ר ח ב (לויפט צום פענסטער און הויבט אָן רייסען דעם רויטען שנור): ס׳וועט ניט זיין קיין אָבמאַך מיט די צושטערער פון יריחו! זאָל רחב אונטערגעהן — — — (דערשרעקט זיך פאַר די אייגענע ווערטער, טרעט צוריק און רייסט אַרונטער דעם שנור פון איהרע פינגער; אָטעמט שווער) אתי! אתי! שטעה אויף, אתי! (פּויזע).

א ת י (בלייך, צושויבערט, קומט אריין): רופט מיך רחב?

ר ח ב (איז פארמאטערט און קען ניט ענטפערן).

א ת י (דערשלאגען): פאר א קעניג וועמעס שטאדט איז באלאגערט, האב איך צו־געשמאק געשלאפען. האט רדי מיך דא געזוכט?

ר ח ב: ניין.

א ת י (שמייכעלט): אתי, ווייזט אויס, פעהלט קיינעם ניט — ניט אין פאלאץ, ניט אין יריחו. פארוואס קוקסטו אויף מיר אזוי רחב?

ר ח ב: יריחו ווערט חרוב און איהר קעניג — באהאלט זיך — אין רחב׳ס הויז.

א ת י (הכנעה׳דיג): רעד ניט וועגען באהאלטען זיך, רחב. איינזאמקייט, הילפלאזיגקייט, די בייטש פון ביטערען גורל אויף דעם רוקען — זיי האבען מיך ארויסגעיאגט פון פאלאץ, אין פינסטערניש פון דער נאכט, און מיך געטריבען איבער די גאסען פון יריחו. ווען אבא, מיין איינציגער באגלייטער, וואלט געקענט רייידען, וואלט ער דערצעהלט וועגען טרעהרען וואס האבען פארשמירט דאס פנים פון א קעניג; וועגען געזוגענישען, שטומע און הארץ־פארקלעמענדיגע, מיט זיילען און ווענט און טעמפלען וואו די מזבחות שטעהן פוסטע. פון יעדען שפאן האט אבגעשאלט דאס ווידער־קול פון אומבארמהערציגען גורל און — נאר צו וואס ריידען וועגען דעם? (שטארק צורודערט, ווענדט ער זיך אב ווי אוועקצוגעהן).

ר ח ב: אתי! (פויזע) פארוואס ביזטו אהער געקומען?

א ת י: פארוואס? ווי אזוי זאל איך וויסען? ווען די ערשטע ליכט־פאסען האבען זיך באוויזען, בין איך געשטאנען לעבען דיין הויז. איך געדענק ניט ווי אזוי איך בין אהין געקומען; ווי אזוי איך האב אנגעקלאפט אין דיין טיר (אומבאהאלפען) איך דאנק

דיר, רחב, פאַר דער רוהיגער שעה, וואָס איך האָב געהאַט אונטער דיין דאַך.

ר ח ב (געהט־צו צו איהם און גלעט זיין האַנט): ווידער דער יונגער אתי. (פויזע) אבער — אין דער צייט וואָס דו האָסט גע־רוהט — — — (קען ביי זיך ניט פועל'ן צו ברענגען אויף די ליפּען די שרעקלאַכע ווערטער און קוקט אויף איהם הילפלאָז).

א ת י: ווען איך האָב גערוהט? (פויזע) אָ, איך ווייס. די בני־ישראל האָבען אודאי ווידער אַרומגערינגעלט יריחו. (שטרענגט זיך אָן צו בלייבען רוהיג) זעקס טעג שוין האָב איך געזעהן די פאַרוואַרלאָזטע שאַר געהן אַרום די מויערן — אַרום און אַרום און אַרום — ווי דאָס וואָלט געווען אַ כשוף־טאַנץ. אָבער זיי וועלען מיד ווערען און צום סוף — — — פאַרוואָס גלאַנצען טרעהרען אין דיינע אויגען, רחב?

ר ח ב (פאַרווירט): טרעהרען? האָסטו געזעהן טרעהרען אין מיינע אויגען? (זעצט זיך אויף דעם דיוואַן און ווישט זיך בגנבה די אויגען).

א ת י (געהט איהר נאָך): רחב.

ר ח ב (מיט אַ פאַר׳חלומ׳טען בליק): יאָ, יונגער אתי. (שטרעקט אויס די האַנט צו איהם).

א ת י (נעהמט איהר האַנט און זעצט זיך ביי איהר צופוסענס. אַ מינוט פון שווייגען. דאַן שטיל): געליבטע, איך האָב דיך אָבגע־נאַרט. איך ווייס.

ר ח ב (צערטלאַך): און וואָס ווייסט מיין אתי?

א ת י: איך האָב געהערט דעם געשריי פון די בני־ישראל. (פויזע) און וואָס דיין פאָטער האָט דערצעהלט, האָב איך אויך געהערט. יריחו׳ס ווענט שפּאַלטען זיך.

ר ח ב: רעד ניט, יונגער אתי. דאָס איז געווען אַ בייזער חלום.

אתי: יאָ — אַ בייזער חלום, פון וועלכען איך וועל זיך מעהר ניט אויפכאַפּען. אָבער איצט זיץ איך לעבען רחב׳ן, לעבען מיידעל וואָס האָט מיר געשענקט איהר ערשטע ליבע — — — (פייערדיג) דענק ניט, געליבטע, אַז איך בין געקומען אָהער צו אַנטרינען. אתי האָט ניט קיין פאַרלאַנג איבערצולעבען יריחו און — ער וועט אויך ניט. אָבער — ער איז ניט געוועזן שטאַרק גענוג צו שטאַרבען אַז איינזאַמער אין זיין פּלאַץ אַזוי ווי אַ הונט וואָס האָט קיין האַר ניט.

רחב: מיין יונגער אתי וועט ניט שטאַרבען אַליין.

אתי (קושט דעם זוים פון איהר קלייד): באַלד וועט דער טויט אַ קלונג טאָן מיט זיין שווערט. אָבער רחב, שטאַרק און שעהן און די האַרינטע פון אתי׳ס האַרץ, וועט צושליסען מיינע אויגען; יאָ, מיט איהרע מוטערלאַכע הענט וועט זי פאַרמאַכען מיינע אויגען און מיך לעגען שלאָפען.

רחב (קושט איהם): פרעה דיך, רחב! אתי, דער געליבטער וואָס איז געקומען אין חודש פון בליהונג, האָט זיך אויסגעלייזט; שטאַרק איז ער געוואָרען און פול מיט מוט.

אתי (טוליעט זיך צו איהר; שעפּטשעט אַ גליקלאַכער): שטאַרק גענוג צו שטאַרבען, צו שטאַרבען. אַט אַזוי האָט רחב געזונגען מיין ליב און איך בין צופרידען. (פויזע) גיס מיר אָן אַ בעכער וויין, געליבטע.

רחב (שטעהט אויף, געהט צום טיש און פילט אָן צוויי בעכערס מיט וויין).

אתי (נעהמט פון גאַרטעל אַ קליין פלעשעלע און דערלאַנגט דאָס רחב׳ן, שווייגענדיג).

רחב (שמייכעלט): אַ רפואה־טרונק?

אתי: יאָ — אַ טרונק, וואָס מ׳נעהמט ניט צווייטמאָל. (כמעט שפּילעוודיג) איך האָב קיינמאָל ניט געקענט אָנקוקען אַ בלוטיגען,

צוקיילטען קערפער; דער טויט זעהט אויס צווייםאָל אַזוי שרעקלאַך ווי ער איז.

ר ח ב: איך ווייס. דיין אַבשיי פאַר בלוט האָט יריחו'ן גע־געבען פרידען אַ סך יאָהרען.

א ת י (מיט אַ געצוואונגענעם לאַך): און מיין לוין? אַ פּאָר טראָפּען אין דעם פלעשעלע. דאָס — און אַבאַ — איז געווען אַלץ וואָס איך האָב מיט מיר גענומען פון פּאַלאַץ. (פּויזע) אָבער פאַר־וואָס ציטערט דיין האַנט, געליבטע?

ר ח ב: זי ציטערט ניט. (עפענט דאָס פלעשעלע) ניט איין טראָפּען וועל איך פאַרגיסען פון דעם טייערען געטראַנק. (וויל אַרויינגיסען דעם געטראַנק, אָבער אתי לעגט אַרויף זיין האַנט אויף איהרער און נעהמט לאַנגזאַם אַוועק דאָס פלעשעלע).

א ת י: וואַרט, רחב. (שמייכלענדיג) ס'פּאַסט ניט פאַר אַ קעניג אַריינצוויאַגען אין אַ טויער — אַפילו ווען דאָס איז דער טויער פון אייביגקייט. וואַרט, רחב, וואַרט! איך האָב נאָך אַ חוב צו באַ־צאָהלען און איך טראַכט איצט — — —

ר ח ב: וואָס פאַר אַ חוב?

א ת י (פאַרמיידענדיג דעם ריכטיגען ענטפער): איך בין שול־דיג אַ דאַנק־וואָרט די קלוגע און שווייגענדיגע כהנים פון נילוס־ברעג, וואָס האָבען מיר געשיקט דאָס פלעשעלע. זיי האָבען ענט־דעקט דעם סוד, ווי אַזוי בייצוקומען דעם גורל מיט עטלאַכע טראָ־פּען, אַרויסגעלאָקט פון דער וואונדערלאַכער מאַנדראַגאָראַ־פלאַנץ.

ר ח ב: מאַנדראַגאָראַ? דאָס איז דאָך די פלאַנץ פון ליבע.

א ת י: יאָ, די פלאַנץ פון ליבע וואָס שענקט אויך — אונטער דעם בשוף פון פלינקע פינגער — די זאַפט פון טויט. ביידע קומען פון איין וואָרצעל — אַ סוד וואָס די קלוגע און שווייגענדיגע כהנים ווייסען. (נעהמט זי אַרום צערטלאַך) זאָג, געליבטע, וועט די זון מאָרגען שיינען אויפ'ן גלעד־באַרג?

ר ח ב (קען ניט ענטפערן. זי באַהאַלט איהר פּנים אויף זיין אַקסעל. פּויזע).

(אַ טומעל אין פאַרהויז רייסט איבער דאָס שווערע שטילשווייגען).

א ת י (ווערט בלאַס): זיי קומען! (וויל זי אַוועקפיהרען מיט זיך אין צווייטען צימער).

ר ח ב (בייז): אתי! (ער רוקט זיך אָב צו דער טיר. זי אָבער באַפרייט זיך פון איהם און לויפט עפענען די פאַרהויז־טיר).

י ו נ ג ע ר מ א ן (פאָכענדיג מיט זיין שווערט, פאַלט אַריין אַ פאַרמאַטערטער): וועלף! וועלף! איהר וועט רחב'ן ניט אַנריהרען! איהר וועט — — —

פ נ ח ס א ו ן כ ל ב (נאָך איהם, מיט געצויגענע שווערטען): דיין בלוט אויף דיין קאָפּ, הונט פון יריחו!

א ת י (דערזעהענדיג די צוויי, פאַרשווינדט שנעל אין צווייטען צימער).

ר ח ב (באַשיצט דעם יונגערמאַן): הערט אויף! הערט אויף!

י ו נ ג ע ר מ א ן (פאַלענדיג): זיי וועלען דיך ניט אַנריהרען — — — (שווערט פאַלט אַרויס פון זיין האַנט).

ר ח ב (כאַפּט איהם אין איהרע אָרעמס): צוויי שטאַרקע קריגער קענען אַ אינגעל! אַט אַזוי זיגען די בני־ישראל אין יריחו.

פ נ ח ס: מיר זיינען געקומען מציל זיין רחב'ן און איהר הויז פון פאַרלענדונג.

כ ל ב (גראָב): און אַ אינגעל האַט אונז פאַרשטעלט דעם וועג און געצויגען אַ שווערט קעגען די שליחים פון יהושע!

ר ח ב (האַט דערווייל צוגעפיהרט דעם שטאַרבענדיגען יונגערמאַן צום דיוואַן און פאַרבירט פאַרבינדען זיינע וואונדען): דו, וועמעס נאָמען איך ווייס אפילו ניט, דו ביזט געשטאַנען און געוואַכט פאַר רחב'ס טיר. (מיט פרייד) און דו האַסט געצויגען דיין שווערט אין טאָג ווען גאַנץ יריחו — קעניג און כהן און קריגער — וואַרט ווי אַ

שטום לעמעלע אויף דעם שעכטערם מעסער. (גלעט זיין פיבעריש פנים) געבענשט זאָל זיין דאָס שטאַרקע האַרץ, וואָס האָט ניט גע־וואוסט פון מורא.

יונגערמאַן (מיט'ן לעצטען אָטעם): ווער ס'האָט ליב — האָט ניט מורא — און איך — איך האָב ליב געהאַט רח——— (זיין שטים ברעכט. ער ליגט שטיל).

רחב: ביזט געקומען צו שפּעט. גאַרניט האָט רחב גע־האַט — גאַרניט! — מיט וואָס דיר צו באַצאָהלען. (קושט זיינע אויגען און פאַרהילט דאָס לעבלאָזע פנים אין זיין מאַנטעל).

פנחס: צעגער ניט, רחב. דער האַר האָט געגעבען יריחו אין אונזערע הענט.

רחב (גלייכגילטיג): יאָ — ער האָט געגעבען.

פנחס: יהושע, דער אומבאַזיגטער, האָט באַפוילען, אַז רחב און איהר הויזגעזינד זאָלען אַרויסגעפיהרט ווערען פון יריחו, איידער מיר וועלען די שטאָדט אונטערצינדען.

כלב (געהט צו צו איהר): און מיר זיינען דאָ אויסצופיהרען זיין באַפעהל. קום!

רחב (טרעט צוריק): באַלד, באַלד. (נעהמט דעם בעכער וויין און הויבט אָן זוכען דאָס פלעשעלע. ס'איז פאַרשוואונדען. רופט) אתי! (לויפט צו דער אינגוועניגסטער טיר) אַ, אתי!

אתי (באַווייזט זיך): יאָ, רחב. (זיינע אויגען זיינען פאַר־צויגען מיט אַ נעפעל).

רחב (שעפּטשעט): דאָס פלעשעלע!

אתי (הוידעט מיט'ן קאָפּ): ניין! ניט פאַר דיר איז דאָס געווען. דער שוואַכער און שרעקעדיגער אתי האָט דיך פון ליב־שאַפט באַרויבט; זאָל ער דיך באַרויבען פון לעבען אויך? ניין, ניין! געה, געליבטע. ס'איז ניט שווער צו שטאַרבען אויב די זון וועט נאָר אויפגעהן מאָרגען אויפ'ן גלעד־באַרג — פאַר דיר.

ר ח ב (פאַרצווייפעלט): זאָל רחב ניט אויסבעטען אפילו די לעצטע מתנה — דעם טויט? מוז זי נאָך ווערען די קלאָגעריז אויף די חורבות פון יריחו?

א ת י: אָבער די זון וועט מאָרגען אויפגעהן אויפ'ן גלעד־בארג — פאַר רחב'ן. דער טויט מיידט אוים דעם שטאַרקען און רחב איז שטאַרק. זי האָט באַזיגט יריחו. (שטרעקט אוים די אָרעמס צו איהר) געה, געליבטע, אַנטקעגען דיין גורל. (שוואַכער) אתי האָט מכפר געווען פאַר רחב'ן. און אַזוי האָט יריחו.

ר ח ב (אָטעמט טיף): מכפר געווען? אתי און יריחו — האָבען מכפר געווען? יאה־ווע! וועט היינט געשעהן דיין גרעסטער וואונדער?

א ת י (מיט די לעצטע כוחות): דער וואונדער איז געשעהן. רחב איז אויסגעלייזט. שוין איצט קוואַלט אויף אַ נייע האָפנונג אין איהר הארץ. די זאָמען, וואָס קענען ניט צושטערט ווערען, ריהרען זיך צו'ן אַ נייעם לעבען. רחב — — — (ער שטאַרבט).

ר ח ב (אַ דערהעלטע): אַ ניי לעבען? אַ, יאה־ווע!

(אַ גרויסער געשריי רייסט זיך אַריין פון דרויסען. דאָס בלאָזען פון שופרות צוטרייסעלט די לופט. פענסטער און אַ טייל פון וואַנט הויבען אָן ציטערן און פאַלען איין מיט אַ קראַך. זון־ליכט פאַרפלייצט דאָס צימער).

כ ל ב: וואַרט ניט מעהר, רחב! (ער און פנחס לויפען־צו צו איהר און נעהמען זי ביי די אָרעמס).

ר ח ב (פאַלט אַריין אין דעם געשריי וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער): יאה־ווע! יאה־ווע!

(פאָרהאַנג).

דער װעהער װעהט זײן כלה

(1927)

איציקעל, פּראָטאַגאָניסט פון דעם דראַמאַטישען מי־ניאַטור, איז געווען ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ, שפּעטער באַריהמט צווישען חסידים אַלס דער „זעהער פון לובלין״. ער איז געבוירען געוואָרען אַן ערך 1745, ווייל די חסיד׳י־שע טראַדיציע באַצייכענט איהם אַלס אַ פופצעהן־יעהריגען בחור, ווען דער בעש״ט איז נפטר געוואָרען.

דאָ ווערט דערצעהלט די טרויעריגע מעשה פון דעם זעהערס ערשטער חתונה. צו יענער צייט איז זיין „ליכט נאָך ניט אויפגעגאַנגען״ און ער איז געווען ניט מעהר ווי אַ תלמיד פון דעם באַריהמטען צדיק, ר׳ אלימלך פון לי־זענסק. די וויכטיגסטע עפּיזאָדען זיינען ענטנומען פון אַ „מעשה נורא״, וואָס געהויבענע חסידים דערצעהלען נאָך ביז היינטיגען טאָג ביי זייערע „זיצען״.

דער צדיק פון ליזענסק.

איציקעל (שפּעטער באַריהמט אַלס „זעהער פון לובלין״).

ר׳ אברהם, איציקעלס פאָטער, רב אין יוזעפאָוו.

ר׳ קאָפּעל, זיין זיידע פון מוטערס צד.

בערקע, רייכער אַרענדאַר פון קראָסניבראָד.

לובא, זיין טאָכטער.

דער שדכן.

א חתונה־גאַסט.

ערשט בילד

קרעטשמע לעבן קראַסניבראָד;
אַ צימער מיט צוויי טירען.

ב ע ר ק ע: לאָז מיך ניט אַליין, ברודערקע. איך בין אַ צו־טומעלטער, זאָג איך דיר. מסתּם באַלד אַריינקומען — די מחותּנים מיינע מיט׳ן חתן. און ווען אַזוינע דריי לומדים טוען אַ קוק אויף מיר, פאַרליר איך דאָס לשון.

ש ד כ ן: וואָס׳זשע פאַלט אויף אייך אַזוי איין די וועלט, רעב בערקע? האַ? זיי וועלען אַריינקומען, איהר וועט זיי אָבגעבען מזל־טוב און — פאַרבעטען צום חתן־מאָל. איהר פאַרשטעהט?

ב ע ר ק ע: נו, יאָ. איך האָב נאָר צו זיין ליבען נאָמען, אַז ס׳וועט זיך ביי מיר ניט אַרויסכאַפּען עפּעס — עפּעס אַ גראָב וואָרט. אַז אַן אַרענדאַר, אַ פּראָסטע בריאה, האָט עסקים מיט מענשען וואָס — — —

ש ד כ ן: רעב בערקע, הערט אויף דאגה׳ן. דער טאַטע, דער זיידע און דער חתן אַליין אויך, ווייסען גאַנץ גוט מיט וועמען זיי זיינען זיך משדך. וואָס׳זשע, איך בין עפּעס אַ שדכן פון נעכטען אַן? אַזוינע זאַכען באַוואָרענט מען פריהער. איך האָב גערעדט אָפענע דבורים. זייט וויסען — האָב איך זיי געזאָגט — אַז דער כלה׳ס פאָטער איז אַ פּשוט׳ער איד, אַן אַרענדאַר. אַ פרומער — יאָ; אַ למדן — ניט.

ב ע ר ק ע: אַ למדן! ווי קומט צו מיר לומדישקייט?

ש ד כ ן: און לאָמיך אייך זאָגען, אַז זיי האָבען זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצען דערפון. אַ דאגה לומדות אין יענער משפּחה? דער חתן איז שוין היינט אַ שם־דבר סיי אין נגלה און

סיי אין נסתר און איז נאָך קיין אכצעהן ניט! וואָס׳זשע דאַרף אַזאַ יונגערמאַן? עמיצען וואָס זאָל אַרונטערנעהמען דעם עול־פּרנסה פון זיינע יונגע פּלייצעס. כהיום, אַז איהר זאָגט צו אייביגע קעסט———

ב ע ר ק ע: אייביגע קעסט אַזוי לאַנג ווי איך לעב און אַזוי ווי לובאַ איז ביי מיר אַן איין־איינציגע———

א ח ת ו נ ה־ג א ס ט (עפּענט מיר רעכטס; שטעקט אַריין דעם קאָפּ): אַט איז דאָך בערקע! מחותן־לעב, דער עולם זוכט דיך מיט ליכט. וואו ביזטו, וואו? און וואו האָסטו ערגעץ באַהאַלטען דעם חתן? (שמילער) ניט חלילה עפּעס אַ סכסוך? האַ?

ב ע ר ק ע: אַ סכסוך? רבונו־של־עולם! וואָס פּלוצים פּאַלט דיר איין אַ———

ש ד כ ן: וואָס פאַר אַ סכסוך, וואָס? דאָרט וואו איך בין דער שדכן איז ניטאַ קיין סכסוכים. פּשוט—די מחותנים זיינען נאַר־וואָס פאַרפאַהרען און———

ב ע ר ק ע: אַזאַ פאַהרעניש אויף אַלע מיינע שונאים. קאַלט, פאַרפרוירען!

ג א ס ט: הייסט עס, זיי דערוואַרימען זיך דערווייל. אודאי, אודאי!

ש ד כ ן: דערוואַרימען זיך, רוהען זיך אויס אַביסעל און שפּעטער וועלען זיי אַריינקומען צום עולם. איהר דאַרפט חלילה ניט וואַרטען. קלעזמער זיינען דאַ; וואָס צו נעהמען אין מויל אַריין אין דאַ. נו? און אַן אבן־טוב האָב איך דערטאַפּט פאַר רעב בערקע׳ס טאָכטער! איהר וועט שוין זעהן און—הערען!

ג א ס ט: זאָל בערקען וואויל באַקומען—אדרבא! (שרייט אַרויס) קלעזמער! נו? דער חתן איז נאָך ניט פאַרטיג, וועלען מיר דערווייל——— (אַב פאַרמאַכענדיג די טיר הינטער זיך. אַ דאַרפישער טאַנץ הערט זיך פון צווייטען צימער).

ב ע ר ק ע: זעהסט? אז דו ביזט דא, איז גוט. דו ווייסט וואס צו זאגען און ווען צו זאגען. סכסוך? וואס פאלט איהם פלוצים איין א סכסוך? אפשר צוליב דעם וואס בערקע ארענדאר דראפעט זיך אויף די גלייכע ווענט און נעהמט דוקא אן עלוי פאר אן איידעם? (פויזע) שדכן, דו ווייסט — אין מיינע אויגען קוקט ער אויס ווי א לעבעדיגע רייניגקייט.

ש ד כ ן: א לעבעדיגע רייניגקייט? א ספר־תורה? ווי פאלט אייך איין — — — ?

ב ע ר ק ע: אהא! שוין ארייגעטאלאפעט! מ׳טאר ניט זאגען אזא זאך — הא? אבער מיר דאכט זיך — יא — ווען ער האט אויף מיר דאס ערשטע מאל א קוק געטאן בין איך שיער ניט גע־שטארבען. דורכגענומען מיט די אויגען האט ער מיך!

ש ד כ ן: א נייעס טאקי! זיין ראיה שמ׳ט אויף א וועלט. דער ליזענסקער צדיק רופט איהם ניט אנדערש ווי דער זעהער. נאר איהר וועט זיך צוגעוועהנען — ער צו אייך, איהר צו איהם. בקצור, אלץ איז שוין גוט — ווען זיי לאזען נאר אויף זיך אזוי לאנג ניטווארטען. (הערט זיך צו ביי טיר לינקס) ווייסט איהר גאר וואס? איך וועל במחילה א קלאפ טאן.

ב ע ר ק ע: א קלאפ טאן? (האלט איהם אב) עפעס ניט קיין דרך־ארץ. איך ווייס?

ש ד כ ן: פארלאזט אייך אויף מיר. (קלאפט לייכט).

ר׳ ק א פ ע ל (קומט אריין; א ברייטען שמייכעל איבער דעם געקנייטשטען, גוטמוטיגען פנים): דער שדכן קלאפט! אזוי! און דער כלה׳ס טאטע ווארט אויף אונז.

ב ע ר ק ע (שעמעוודיג): מילא איך — נאר — נאר די חתונה־געסט — זיי ווארטען.

ר׳ ק א פ ע ל (הארציג): נו, און די כלה? זי ווארט אויך. אבער די צוויי יונגעלייט דארט קענען זיך ניט דערוואריימען. א

נסיעה אין מיטען ווינטער איז ניט קיין לייכטער ביסען ביי א רב און ביי א רבנישען זוהן.

ש ד כ ן (תניפה׳דיג): א בפרוש׳ע גמרא: תורה שוואכט אָב; תושיה!

ב ע ר ק ע: איך זוך עפּעס אַן איידעם אַ האַלצהעקער? דאָס קען יעדער גוי און איך אַליין אויך — איך מיין האַלץ האַקען. אָבער פרומקייט, תורה — — —

ר׳ ק אַ פּ ע ל: זאָרגט ניט, מחותן. מיט איציקלען האַנדעלט איהר איין געניג פון דער סחורה. ס׳רעדט זיך פרומקייט! די מעשה מיט די פאַרבונדענע אויגען האָט איהר שוין געהערט? ניין? נו, מעגט איהר הערען. אַלט געווען איז דער איינציק מיינער וואַסערע צוועלף, ווען פלוצים — ער שפּאַנט אריין אין בית־המדרש מיט אַ טיכעל אַרום די אויגען. וואָס — זאָג איך — איז געשעהן, איציקעל? ענטפערט ער מיר: זיידע־לעב, איך קען דאָס מעהר ניט איבערטראָגען; וואו איך געה און וואו איך שטעה, זעה איך נאָר פּסלות, גראָבקייט; וויל איך ניט קוקען; דל״ת אמות איז גענוג פאַר מיר.

ב ע ר ק ע: האָט איהר איהם מסתם גענומען אויף דער קניע, איהם אַזוי לייטיש אַריינגעצימבעלט און איהם געהייסען אויסטאָן די פאַטשיילע פון די אויגען.

ר׳ ק אַ פּ ע ל: חלילה, ניט אַזאַ קינד! וואָס האָט איהר דער־פון — איבער צוויי יאָהר האָט ער זיך אַרומגעדרעהט מיט פאַר־בונדענע אויגען. ערשט ווען ער איז אַנגעקומען לערנען אין דער ישיבה — אין ריטשיוועל — האָט דער גרויסער רעב שמעלקע, דער ראש־ישיבה הייסט עס, אויף איהם גוזר געווען אויפבינדען די אויגען. פאַרדעם, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אריין צום ליזענ־סקער צדיק, האָט דער רבי אלימלך אויף איהם אַ לאַנגען קוק געטאָן, איהם דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט: שלום עליכם, זע־

הער. דורך א פאטשיילע קען מען אויך זעהן, אויב נאט הייסט קוקען. היט אב די גרויסע מתנה.

ב ע ר ק ע (פארגאפט): אווא! געזאגט דאס צו מיין איציקעל? אווא!

ר׳ ק א פ ע ל: יא—דאס האט געזאגט דער ליזענסקער. און ווידער איז געווען א מעשה ביים מעזעריטשער מגיד———נאר שא! אט זיינען זיי שוין דא! (צו איציקלען, וואס איז אריינגעקומען מיט ר׳ אברהמ׳ען) איציקעל, מיר האבען אויף זיך געלאזט ווארטען א ביסעלע צופיל. (שמייכעלט) נאר אזוי ווי ס׳איז ניט געמאלט קיין חתן־מאל אהן א חתן, האט רעב בערקע קיין ברירה ניט געהאט און געווארט.

א י צ י ק ע ל: וועט מיר רעב בערקע מוזען מוחל זיין. א שאד וואס ער האט געווארט און מעהר גארנים. יעדער מענש ווארט. נאר בשעת מ׳ווארט, קען מען עפעס מתקן זיין.

ר׳ א ב ר ה ם (שארף): למשל?

א י צ י ק ע ל (שמייכעלט): רעב בערקע, למשל, האט דערווייל געקענט דאווענען מעריב.

ב ע ר ק ע (פארגאפט): בנאמנות ער איז גערעכט. כ׳האב גאר פארגעסען.

ר׳ ק א פ ע ל (לאכט): געווען ביי איהם אנגעשריבען אויפ׳ן שטערן, איציקעל? הא? רעב בערקע, פון היינט אן און ווייטער וועט איהר שוין ניט פארגעסען דאווענען מעריב; מיין זעהער וועט אויף אייך שוין האלטען אן אויג.

ש ד כ ן (ר׳ קאפלען אין אויער אריין): געוואלד, ס׳איז שפעט!

ר׳ ק א פ ע ל: גערעכט, שדכן, גערעכט. איציקעל, די געסט ווילען דיך זעהן.

א י צ י ק ע ל: אפשר ווילען זיי מיך אנקוקען, זיידע. אָבער זעהן? איך האב מורא, אז קיין סך וועלען זיי ניט זעהן.

ב ע ר ק ע (דערשראָקען): פאַרוואס וועלען זיי ניט זעהן, פאַר־וואס? און אפשר — שעהמט ער זיך און וויל זיך ניט ווייזען? וואס טוט מען, וואס?

ר׳ א ב ר ה ם (שטרענג): זוהן, צו וואס אנטאָן דעם מחותן אומזיסטע יסורים?

ר׳ ק אַ פּ ע ל (האַרציג): ער וועט ניט אַנטאָן קיין יסורים און ער וועט געהן. קום, נו, איציקעל! (לאָזט זיך צו דער טיר רעכטס).

א י צ י ק ע ל (הויבט אויף די האַנט): זיידע!

ר׳ ק אַ פּ ע ל (דרעהט זיך אוים): וואס איז שוין ווידער?

א י צ י ק ע ל: זיי מיר מוחל, זיידע. איך קען נאָך ניט אריינגעהן.

ר׳ א ב ר ה ם: פאַרוואס ניט?

א י צ י ק ע ל (לאַנגזאַם): צוליב אַ אסור פון די חכמים; אַ בפרוש׳ער דין.

ר׳ ק אַ פּ ע ל: וואס פאַר אַ דין, וואס?

ר׳ א ב ר ה ם: אַ דין? לאָמיר נאָר זעהן. די גמרא זאָגט אז מ׳טאָר ניט מקדש זיין אַ ווייב סיידען מ׳זעהט זי פריהער. איז דאס דער דין?

א י צ י ק ע ל (הוידעט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ).

ר ק אַ פּ ע ל: אַז איינפאַל גאָר! קום שוין, נו. דו וועסט זעהן די כלה צווישען די מחותנים. ניט שעהן צו שלעפּען אַ מיידעל אהער כדי מ׳זאל זי באַקוקען. (פּויזע) וואס שווייגסטו, וואס? דו מוזט זי דוקא זעהן דאָ?

א י צ י ק ע ל (שטיל): יאָ — דאָ.

ב ע ר ק ע: אויב אזוי, איז גוט. אַט די מינוט וועט לובא דאַ זיין. אַ מינוט! (אַב רעכטס; די טיר בלייבט אַביסעל אָפען).

ר׳ ק אַ פּ ע ל (בייז): איי, איציקעל!

ר׳ אַ ב ר ה ם: שוועך־לעבען, אַ דין איז אַ דין.

ש ד כ ן (ביי דער אָפּענער טיר): וואָס איז דאָס? זי הוידעט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין; זי וויל ניט אריינקומען. (אַב, פאַרמאַכענדיג די טיר).

א י צ י ק ע ל (שטעהט באַוועגלאָז, די אויגען האַלב געשלאָסען. לאַנגע פּויזע).

ש ד כ ן (לויפט אריין פאַרשמייעט): קוים ביי איהר גע׳פּועל׳ט. אַט קומען זיי!

(עטליכע אידענעס אין יום־טוב׳דיגע קליידער קומען לאַנגזאַם אריין; לובא, קאָפּ און פּנים אין גאַנצען איינגעהילט אין דעק־טוך, קומט אריין געפיהרט פון בערקע׳ן און אַן עלטערער אידענע. נייגעריגע פּנימ׳ער קוקען זיי נאָך דורך דער אָפּענער טיר).

ר׳ ק אַ פּ ע ל: נו, איציקעל?

א י צ י ק ע ל (אונרוהיג): אויפהויבען אַ דעק־טוך איז ניט קיין לייכטער ענין. איך — איך קען ניט. איך — וואַג ניט!

ר׳ ק אַ פּ ע ל: איך, אַן אַלטער איד, קען יאָ. (געהט שנעל צו און הויבט אויף דעם דעק־טוך פון לובא׳ס פּנים).

ל ו ב אַ (וואַרפט אַ שאַרפען בליק אויף דער גרופּע מאַנזבילען; איהרע פרישע ליפען פאַרציהען זיך אין אַ שפּילעוודיג־איראָנישען שמייכעל).

א י צ י ק ע ל (טוט פלוצים אַ ציטער; שטיל): ווער איז דאָס? ווער — — — ?

ר׳ אַ ב ר ה ם: דאַכט זיך, דיין כלה.

א י צ י ק ע ל (מורמעלט): יאָ־יאָ, מיין כלה. (מיט אַ דער־שטיקטען קרעכץ) אַבער דער דאָרט — דער שאָטען וואָס — — —

(פאַרשטעלט די אויגען מיט די הענט) זיידע, לאָז אַרונטער דעם דעק־טוך. ניבער, זיידע!

ב ע ר ק ע (וואָס שטעהט דער נאָהענטסטער צו לובאָ׳ן, וויל אַרונ־טערלאָזען דעם דעק־טוך).

ל ו ב א (רייסט אַוועק זיין האַנט. זי אַליין לאָזט אַרונטער דעם דעק־טוך און געהט שנעל צו דער טיר — לאָזענדיג הינטער זיך, ווי אַ געשלענגעלטען שליאַך, דעם זילבער־קלאַנג פון איהר מיידלעשען געלעכ־טער. די אַנדערע ווייבער געהן איהר שנעל נאָך. די טיר ווערט פאַר־מאַכט).

ר׳ ק א פ ע ל (גערייצט): שוין געטאָן וואָס דער דין הייסט? גוט, נו! לאָמיר געהן צו דער שמחה. (פויזע) איציקעל, איך וואָלט שוין וועלען האַלטען נאָך דער חתונה.

א י צ י ק ע ל: ס׳וועט ניט זיין קיין חתונה.

ר׳ א ב ר ה ם: וואָס האָסטו געזאָגט? ס׳וועט ניט זיין קיין חתונה?

ב ע ר ק ע (הויבט אָן ציטערען): געוואַלד, ווי אַזוי וועל איך ווייזען מיין פּנים?

א י צ י ק ע ל: זי איז ניט מיין כלה. ווי אַזוי קען איך מיט איהר חתונה האָבען?

ב ע ר ק ע (יאָמערט): זיך געדראַפּעט אין דער הויך, כאַפּ איך איצט אַ מפּלה. ס׳קומט מיר! ס׳קומט מיר!

ר׳ ק א פ ע ל: וואָס איז דאָ, וואָס? רעד, נו!

א י צ י ק ע ל (מיט אַ זשעסט פון הילפלאָזיגקייט): ניט איצט — ניט ווען איהר פאָטער איז דאָביי. מ׳קען דאָך ניט — — — !

ר׳ ק א פ ע ל: מחותן, זייט מוחל און לאָזט אונז אַליין אַ מינוט. האָט ניט קיין יסורים; איהר וועט חלילה ניט האָבען קיין בושות. מאָרגען, פרייטאָג, נאָך האַלבען טאָג, וועלען מיר, אם־ירצה־השם, שטעלען די חופּה — אַזוי ווי מיר האָבען אָבגערעדט. געהט, נו.

ש ד כ ן : פארלאזט אייך אויף רעב קאפלען ; אן עהרליכער איד, א קלוגער איד. קומט. מיר וועלען ווארטען אט דא. (אב מיט בערקע׳ן לינקס).

ר׳ ק א פ ע ל : איציקעל, ארוים מיט דבורים. וואס איז גע־שעהן ?

א י צ י ק ע ל : זיידע, מ׳קען דאך ניט חתונה האבען מיט א פרעמדער. ס׳איז ניט ווייל איך וויל ניט. זי איז — — — — אבער ס׳איז ניט באשערט זי זאל זיין מיינע.

ר׳ א ב ר ה ם : מילא, וואס דו זאגסט א פרעמדע, פארשטעה איך. רוב כלות זיינען פרעמדע. אבער ווי אזוי ווייסטו, אז זי איז דיר ניט באשערט ? ווער קען זעהן וואס ס׳איז אנגעצייכענט פון אויבען ?

א י צ י ק ע ל : טאטע, איך האב געזעהן. פריהער — ווען דער זיידע האט אויפגעהויבען דעם דעק־טוך — ווען איך האב א קוק געטאן אויף איהר פנים — — —

ר׳ ק א פ ע ל : נו, וואס׳זשע האסטו געזעהן אזוינס ?

א י צ י ק ע ל : דאס פנים פון אן אנדערען.

ר׳ א ב ר ה ם : וואס פאר אן אנדערען ?

א י צ י ק ע ל (הילפלאז) : פון אן אנדערען, פון עמיצען וואס איז גאר ניט פון אונזערע. (דערשראקען) ווי א ניט־גוטער — יא — ווי א ניט־גוטער האט ער זיך דורכגעכאפט צווישען איהר און — מיר. (פויזע ; בעטענדיג) נעהמט מיך אהיים. (פויזע) איך בעט אייך — נעהמט מיך אהיים !

ר׳ ק א פ ע ל : אהיים ? הא ? נייז, איציקעל ! דו האסט געהערט, אז איך האב צוגעזאגט דעם דערשלאגענעם ארענדאר, אז ער וועט קיין בושות ניט האבען און איך וועל האלטען ווארט.

א י צ י ק ע ל : און צוליב דעם זאל מיין חתונה זיין א תשעה־באב ? דער שאטען פון דעם פרעמדען טאנצט מיר נאך אלץ פאר די אויגען. איך קען ניט, זיידע. איך קען ניט !

ר׳ קאפעל (סקעפטיש): מיר דאכט זיך, אז דעם יונגען זעהער האט זיך פלוצים פארגלוסט שפילען אין זעהעניש. וואס פאר א שאטען? וואס פאר א פרעמדער? איציקעל האט דערזעהן!

איציקעל (שארף): איך זאג ניט קיין ליגען!

ר׳ אברהם: חלילה! ליגען גאר? (פויזע) און כאטש אזוי — וועלען מיר מארגען, מיט גאטס הילף, פראוועען א חתונה.

איציקעל (געפייניגט): אבער, טאטע! ס׳איז פאראן א וואנט — א תהום —

ר׳ אברהם: טאקי פארהאן? אויב אזוי וועט באלד נאך דער חתונה זיין א גט. אזוי איז אנגענומען ביי אידען. יא!

איציקעל: איך וויים ניט צי איך וועל קענען. זי איז אזא — שעהנע. נעהמט מיך ליבער איצט אהיים. (אין שמערץ) איצט, זאג איך אייך! אויב איהר ווילט ניט — פאהר איך אליין אהיים. (לאזט זיך צו דער טיר לינקס).

ר׳ קאפעל (אויסער זיך): יוזעפאווער רב, פארוואס שווייג־סטו? ביזט א טאטע און א מרא דאתרא.

ר׳ אברהם (רוהיג): זוהן מיינער —

איציקעל (מיט גרויס שמערץ): טאטע, איך בעט דיך —

ר׳ אברהם: איך היים בלייבען!

איציקעל (לאזט ארונטער דעם קאפ).

ר׳ קאפעל (עפענט די טיר לינקס): רעב בערקע, קומט אריין!

בערקע (נאכגעפאלגט פון שדכן, לויפט אריין): טייערער רעב קאפעל, נו?

ר׳ קאפעל: קומט, פיהרט אונז צו די מחותנים. איציקעל וועט זאגען א דרשה — א פיינע דרשה. איהר מעגט אייך אויף איהם פארלאזען. (ער לאזט זיך צו דער טיר; די אנדערע נאך איהם).

בערקע: גאט׳ס חסדים זיינען גרוים. א דאנק דיר, גאטעניו.

(פארהאנג).

צווייט בילד

דאָס חדר פון יונגען פּאָר־פאָלק;
אַ טיר צום קאָרידאָר.

לובא (אין ווייסע שלאָף־קליידער און ווייסער מיץ, איינגעוויקעלט אין אַ ווינקעל פון דער בידריגער קאַנאַפּע. אַ קופּערנער פייער־טאָפּ, אָנגעפילט מיט גליהענדיגע קוילען, וואַרפט אַ ראָזעווע שאָטען אויף איהר פּנים און האַלב־נאַקעטע אָרעמס. פּויזע. פּלוצים דערהערען זיך טריט אין קאָרידאָר — און זי הערט זיך איין, די אויגען איינגעגראָבען אין דער טיר. ווען קיינער באַווייזט זיך ניט, פאַרשווינדט דער זיג־באַוואוסטער שמייכעל פון איהרע ליפּען. דאָס פּנים ווערט פאַרכמורעט).

איציקעל (עפענט די טיר עטליכע סעקונדען שפּעטער. ער איז צוטראָגען, די נערוועז געשפּאַנט אָבער ער ראַנגעלט זיך צו באַהאַלטען זיין געמיט־צושטאַנד).

לובא (מעסט איהם אָב מיט אַ קאַלטען און רוהיגען בליק. אַ מינוט פון אינטענסיווען שווייגען).

איציקעל (מורמעלט): איך וויל — איך וויל דיר עפּעס זאָגען.

לובא (איראָניש): וועל איך הערען. (פּויזע) פאַרוואָס ביזטו אַזוי לאַנג געשטאַנען פאַר דער טיר? אין פאָרהויז איז קאַלט היינט ביינאַכט.

איציקעל: יאַ — קאַלט. אַבער — איך האָב זיך ניט געקענט קיין עצה געבען. פון איין זייט — דיין טיר. אַקעגען נאָך אַ טיר — די וואָס פיהרט אין דרויסען צום פאַרשנייטען וועג.

לובא: געטראַכט און געטראַכט און אַלץ ניט אויסגעקליבען די ריכטיגע טיר? האַ?

איציקעל: איך ווייס ניט, לובא.

לובא: זעה נאַר! דו ווייסט ווי איך הייס? איך וואָלט געוועזן געשוואוירען אַז דו ווייסט ניט מיין נאָמען.

איציקעל: פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסען?

לובא: בלויז איין מאָל אַ קוק געטאָן אויף מיר — לעצטען דאָנערשטאָג ביינאַכט. נאָך אפילו קיין צוויי טעג ניט זייט מיר האָבען חתונה געהאַט.

איציקעל: דו מאַכסט חוזק — איך ווייס. אָבער איך בין ניט ברוגז. דו דענקסט, אַז איך האָב דיר וויי געטאָן.

לובא (רוהיג און טרוקען): דו האָסט מיר ניט וויי געטאָן און איך האָב ניט ליב, אַז מ'האָט אויף מיר רחמנות. (פויזע) נו, דאָס איז דיין שטוב פּונקט ווי מיינע. אַז דו ביזט שוין יאָ געקומען, זיץ'זשע — אויב דו ווילסט. און אפשר ווילסטו גאָר — — ? נו, מילא!

איציקעל (זעצט זיך אויפ'ן ראַנד פון בענקעל, ווייט פון דער קאַנאַפּע; שטיל): ווייסטו, לובא, ס'האָט געהאַלטען דאַביי, אַז איך זאָל אַוועקפאָהרען נאָך דאָנערשטאָג, נאָכדעם ווי איך האָב דאָס ערשטע מאָל אויף דיר אַ קוק געטאָן?

לובא: יאָ — דער טאַטע האָט מיר דערצעהלט. מאָדנע!

איציקעל: מאָדנע? אַ חרפה פאַר אונז ביידען וואָלט דאָס געוועזן און פאַר דיין טאַטען — אַן אומגליק. געלויבט איז גאָט וואָס מיין טאַטע האָט ניט דערלאָזט.

לובא: דיין טאַטע האָט ניט דערלאָזט? (לאַכט שטיל) איך האָב זיך ניט שטאַרק דערשראָקען. דו וואָלסט געוועזן געוועזן דער ערשטער מאַנזביל וואָס איז פאַר מיר אַנטלאָפען — און אין מיין טאַטעס קרעטשמע האָב איך געזעהן אַ סך.

איציקעל (טוט אַ ציטער): רבונו־של־עולם!

לובא (שטעהט אויף; בייז): אויב דו ווילסט איצט דאַוונען, וועל איך געהן. (לאָזט זיך צו דער טיר).

א י צ י ק ע ל (שפרינגט אויף): ניט איצט, לובא. געה ניט אוועק!

ל ו ב א (דרעהט זיך אוים): נו, וואס וועט מיין מאן זאגען גוטס? (פויזע) דו זעהסט אויס פארפרוירען. קום, זעץ דיך אויף דער קאנאפע. דער פייער־טאפ גליהט.

א י צ י ק ע ל (זעצט זיך לעבען איהר אויף דער קאנאפע): לובא, מיר איז שווער ריידען מיט דיר. דיינע ווערטער זיינען אזוי מאדנע, גלייך דו וואלסט ניט געווען א אידיש קינד. איך בין אין גאנצען צוטומעלט. אויב ס'איז געווען באשערט פון גאט, אז מיר זאלען ווערען איינס, פארוואס'זשע האט ער געמאכט א וואנט צווישען אונז — א וואנט וואס איך קען ניט איינוווארפען?

ל ו ב א: אט הער איך, אז צווישען אונז איז דא א וואנט. ביזטו זיכער אין דעם?

א י צ י ק ע ל: איך בין געווען זיכער — ווען מ'האט אויפגעהויבען דעם דעק־טוך פון דיין פנים. (מורמעלט) געלויכטען ווי די זון האט דיין פנים, לובא. דיינע אויגען האבען דערוואריִמט מיין הארץ. און ווען דו האסט א שמייכעל געטאן האב איך זיך פארלוירען ערגעץ אין נייע — אין נייע וועלטען. (פויזע) פלוצים — פלוצים — א שאטען צווישען דיר און מיר — און איך האב דיך מעהר ניט געקענט זעהן. דער שאטען איז געווען א פרעמדער — און דו ביזט געווארען א פרעמדע. איך האב געפיהלט, אז יענער לאזט דיך ניט ווערען מיינע. ער לאזט ניט. (פויזע) זאג מיר, לובא — ווער איז ער?

ל ו ב א (געהט צו צום פענסטער און קוקט ארוים אין דער פינסטערניש א סעקונדע; דאן): די זאווערוכע ווערט ווילדער. ניט גוט צו זיין אונטערוועגענס היינט ביינאכט.

א י צ י ק ע ל: לובא, מיין הארץ איז שווער. ווילסטו מיר ניט זאגען ווער———?

ל ו ב א (לעבהאפט): אודאי! לאמיך נאר אריינוואַרפען אַ פּאר קוילען אין פייער־טאפּ. (פּאַרעט זיך ביים פייער־טאָפּ) איציקעל, ס'איז נאך גוט וואס דו ביזט היינט ביינאַכט ניט אונטערוועגענס. (שטיפעריש) לעצטען דאנערשטאג איז געווען אַ שטיקעל זאווע־רוכע — און דו ביזט געקומען מיט אבגעפּראַרענע אויערן.

א י צ י ק ע ל (שאַרף): דו ענטפערסט מיר ניט, לובא. איך מוז וויסען ווער ער איז.

ל ו ב א: דו מוזט? (דרעהט זיך שנעל אוים און פיקסירט איהם מיט איהר בליק) נו, וועסטו וויסען. (פויזע) האסטו געזעהן דעם פּריצישען הויף אויפ'ן וועג קיין קראסניבראד? דאַרט שטעהט ער ארומגערינגעלט פון גרויסע דעמבעס, אביסעל אבגערוקט פון וועג. אויף דעמבענע זיילען ליגען ברייטע גאניקעס און די זיילען זיינען שטארק. די סאלען זיינען גרוים און קיהל און טונקעל און שטילער פרידען הויבט פון די סאלען. (מיט א פארקלעהרטען בליק) ווען לובא איז געווען א קליינינקע האט זי געחלומ'ט, אז זי וועט דאַרט אמאל זיין פריצ'טע.

א י צ י ק ע ל: איז אין דעם פּריצישען הויף דא ווער וואס — — —?

ל ו ב א (ווילד): ס'איז דא ווער! דו באריהמסט דיך, אז דו האסט געזעהן זיין שאָטען — ווייסטו דאך שוין אז ס'איז דא ווער. פארוואס מוזטו דאס ארויסרייסען פון מיר, אזוי ווי איך וואלט דיך בארויבט פון עפעס וואס איז דיינס? מיין חלום איז דאס געווען און — זיינער. און ווייל איך האב מורא געהאט, אז דער חלום וועט ווערען וואהר, האב איך זיך פון איהם ארויסגערי־סען — מיט מאטערניש זיך ארויסגעריסען. אבער ווי קען איך פאר־וועהרען זיין שאָטען צו קומען צווישען אונז, ווען דו הויבסט אן קוקען אויף מיר מיט די שרעקליכע אויגען דיינע? איך קען ניט! און איך וואלט ניט וועלען אפילו ווען איך קען.

א י צ י ק ע ל: איך האָב געהאַפט, אַז דו וועסט וואַרטען אויף מיר — אויף מיר אַליין — אַ ריינע, אַן אומבאַפלעקטע.

ל ו ב א (שרייט): וואָלט איך דאָס ניט געווען, וואָלסטו גע־ווען באַגעגענט מעהר ווי זיין שאָטען. (לאַכט ביטער) דער גרויסער זעהער זעהט ניט שאַרף גענוג.

א י צ י ק ע ל: האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען, לובא. ניט נאָר דיך, נאָר אויך דיין לעצטען געדאַנק האָב איך פאַר מיר געוואָלט. דיך — און דיין האַרץ און דיין געטריישאַפט — האָב איך געוואָלט. פאַרדעם זיינען מיינע יסורים איצט אַזוי גרוים. איך ווייס אַז דאָרט — אין הויף — שפאַנט אַרום אַ פרעמדער, אַ גוי, וואָס הערט ניט אויף טראַכטען פון מיין לובא. מיט זיין גאַנצען כח רייסט ער דיך צו זיך און שפינט אַרום דיין געשטאַלט שטריק פון זנות. זאָל איך און ער זיך צוטיילען מיט דיין נשמה? (זיין שטים ברעכט) דערבאַרימדיגער פאָטער, פאַרוואָס קומט מיר די שווערע שטראָף? פאַרוואָס?

ל ו ב א (געהט לאַנגזאַם צו איהם צו און הויבט אָן גלעטען זיינע קאָנוואולסירטע אַקסלען): מיר טוט וועה דאָס האַרץ אויף דיר, אי־ציקעל. איך ווייס — מיינע רייד און מיינע וועגען זיינען פאַר דיר אויסטערליש. איך בין ניט אַ שטילינקע צנועה, ווי אַ אידישע טאָכטער דאַרף זיין. אויב דו רעכענסט אַז דו וועסט ניט קענען לעבען — — —

א י צ י ק ע ל: אָבער דו ביזט שטאַרק און דו ביזט עהרליך און — שעהן ווי די וועלט. ווען דו וואָלסט נאָר געוואָרט אויף מיר — — —

ל ו ב א: און וואו ביזט דו געווען, ווען זומער איז געקומען צו׳ן אונז אין טאָל אריין? וואו ביזטו געווען ווען די זאַפט האָט געשאָסען אין די בוימער און די בלינדע טשיטשקעס האָבען גע־עפענט זייערע אויגען צו דער זון? געקומען איז דענצמאָל דער יונגער פּריץ — טאָג־איין, טאָג־אויס, רייטענדיג אויף זיין שעהנעם

פוקס. זיין האנט איז שטארק און מ׳ווערט שכור פון איהר גלעט.

א י צ י ק ע ל: יא — און דו האסט דיך איינגעליבט אין איהם. (ציטערט) דו — דו ביזט נאך איצט אויך איינגעליבט אין איהם.

ל ו ב א: איינגעליבט? אפשר; איך ווייס ניט. איך האב תמיד געגארט אז מ׳זאל מיך ליב האבען. און ער האט דאס גע־וואוסט און איז צו מיר געקומען מיט א ליב־געזאנג אויף זיינע ליפען. (פארביסען) און דו? געקומען און אנגעהויבען זיך איינ־בוירען מיט די אויגען און זיך נאכיאגען נאך שאטענס. הלואי וואלסטו מיך געוועז ארייגעכאפט אין דיינע ארימס, מיך צוגע־דריקט צו דיין הארץ — צודריקט, צובראכען! — און איך וואלט דיך געוועז ניט וועניגער ליב געהאט ווי — ווי איך קען.

א י צ י ק ע ל (פארטראכט): איך האב מורא. יעדע מינוט וואס איך בלייב דא איז א זינד. פון דיר שטראמט ארום תאוה, יצר. פארפלעפט בין איך און איך ציטער פאר מיין נשמה דא און דארט. (מיט די אויגען צום הימעל) רבונו־של־עולם, א שארף אויג האסטו מיר געשענקט און איצט איז דאס די צוויי־שארפיגע שווערט ביים טויער פון גן־עדן. גאטעניו, מאך מיך ווידער בלינד!

ל ו ב א (לאכט שטיל און לאנג): בידנע זעהער! אויב א קוק אויף לובא׳ן האט דיך ניט בלינד געמאכט, וועסטו שוין זעהן דיין גאנץ לעבען. און אפשר האסטו מיך נאך ניט רעכט אנגעקוקט? (פארטרוילאך) אפשר וואלסטו נאכאמאל א קוק געטאן אויף מיר? ווילסט? (זי שטעלט זיך אוועק גלייך אין זיין זעה־ליניע. מיט פלינקע פינגער מאכט זי צורעכט דאס ווייסע יאקעל אזוי, אז די ליניעס פון איהר יונגען, תאוה־שפראציגען קערפער ווערען מעהר בולט. די ארונטערגעווארפענע מיץ באפרייט א ים מיט בורשטין־פארביגע האר).

א י צ י ק ע ל (געהט שנעל צו צו איהר, די ארעמס זוכענדיג איהר קערפער; הייזעריג): זאל דער צארן פון גאט זיך אויסגיסען אויף מיר — איך קען זיך פון דיר ניט אברייסען.

ל ו ב א (נעהמט איהם ארום): נארישער, נארישער זעהער. קיינער אנטלויפט ניט פון לובא'ן. און דו האסט געוואלט אנט־לויפען?

א י צ י ק ע ל (שעפטשעט): ניין, קיינמאל ניט! אבער העלף מיר פאריאגען זיין שאטען צוריק אין הויף אריין. (בעטענדיג) וועסטו מיר העלפען, לובא? וועסט העלפען? (זוכט איהרע ליפען מיט זיינע).

ל ו ב א (ווערט פלוצים קאלט און אומבאוועגליך): איך ווייס ניט.

א י צ י ק ע ל (מיט א ווייה־געשריי): לובא, ער איז ווידער דא. אט—דארט! (שפרינגט אב פון איהר) אט געהט ער—און זיין שאטען מיט איהם. גאט פון ישראל! — א צלם שוועבט איבער זייערע קעפ. (מיט געוואלד טוט ער זי א דרעה־אויס צו דער וואנט וואו די שאטען־פיגורען און דער שאטען־צלם הויבען זיך אויף אלץ העכער און העכער; קרעכצט און כארכעלט) דארט! דארט!

ל ו ב א (רוהיג): ווען דיינע ליפען האבען אנגעריהרט מיינע, האב איך ניט־ווילענדיג א טראכט געטאן פון איהם און זיינע קושען. פארוואס זיינען דיינע ליפען געווען אזוי טרוקען און הייס און פארציטערט? זיינע—זיינען געווען רויזען־בלעטלאך. (ציהט מיט די פלייצעס) אן איינגעשפארטער—תמיד אזוי געווען—און ער לאזט זיך ניט פאריאגען. ס'וועט זיין בעסער פאר דיר, אי־ציקעל, דו זאלסט מעהר לובא'ן ניט זעהן.

א י צ י ק ע ל (שטיל): ניין, איך וועל דיך מעהר ניט זעהן. איצט געה איך—צו מיין רבי אין ליזענסק. (לאזט זיך צו דער טיר).

ל ו ב א: קיין ליזענסק—איצט? די זאווערוכע איז מורא־דיג. (שפאטיש) דו וועסט ווידער אבפרירען די אויערן.

א י צ י ק ע ל: ניט זאווערוכע און ניט הונגעריגער וואלף וועלען מיך אבהאלטען. דא וואוינט די סטרא אחרא. איך האב מורא—מורא———

ל ו ב א (סאַרקאַסטיש): פּאַר שאַטענס.

א י צ י ק ע ל (הערט זי מעהר ניט; פאַרקלעהרט): „אין דיין האַנט פּאַרטרוי איך מיין נשמה; דו האָסט מיך אויסגעלייזט, גאָט פון אמת". (ער עפענט די טיר. באַלד דערהערט זיך דאָס וואָיען פון ווינט וואָס רייסט זיך אַריין אין פאַרהויז. די נאַכט פאַרשלינגט איהם).

(פאָרהאַנג).

דריט בילד

ביי דעם צדיק פון ליזענסק;
אַ חדר מיט צוויי טירען.

צ ד י ק (זיצט אויבען־אָן ביים טיש, וואָס איז פאַרוואָרפען מיט ספרים. זיין קאָפּ איז האַלב־אָנגעבויגען און זיינע אויגען כמעט פאַר־מאַכט, בשעת ער הערט אויס בערקע׳ס מעשה).

ב ע ר ק ע: — — — געוואר געווארען בין איך דאָס ערשט זונ־טאג אין־דער־פריה און — גלויבט מיר, הייליגער צדיק — מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט געווארען. געה מאַל דיר אויס, אַז אַ דעליקאַט־נער יונגערמאַן וועט זיך לאָזען געהן פון קראַסניבראָד קיין ליזענסק אין אַזאַ זאַווערוכע! און ווען זי, מיט איהר פאַרשאַרט שמייכעלע, האָט אַ זאָג געטאָן: „טאַטע, איך בין אַן עגונה", האָב איך איהר געענטפערט — מיט אַ ביטער האַרץ געענטפערט: „ניין, טאָכטער, דו ביזט אַן אַלמנה".

צ ד י ק: דער רבונו־של־עולם פאַרלאָזט ניט זייניגע. ער האָט ניט אַ סך אַזוינע איציקלאַך אויף דער וועלט.

ב ע ר ק ע: איז ניט קיין סך — האָט ער כאַטש עטלאַכע. איך האָב דאָך בלויז געהאַט איינעם — איינעם, וואָס זאָל מיר זיין אַ טרייסט, וואָס זאָל מיך שטאַרקען אין מיין עלטער, וואָס זאָל

זאגען א גוט ווארט פאר מיר, ווען איך וועל ליגען אין קבר — און פארוואס זאל איך דעם איינעם אויך פארלירען? וואכען און חדשים געווארט; אפשר וועט ער צוריקומען. דריימאל א טאג גאט געבעטען ער זאל איהם מיר צוריקשענקען. סוף־סוף, האב איך זיך געטרייסט, וועט ער האבען גאט אין הארץ און איינזעהן, ווי שטארק ער טוט מיר ווייה. אבער לעצטע וואך — קומט גאר א שליח מיט א גט. הייליגער צדיק, די וועלט האט זיך איבערגעקעהרט. איהר זעהט? גרוי ווי א טויב — איבערנאכט.

צ ד י ק: האט די טאכטער דיינע גענומען דעם גט על־פי־דין?

ב ע ר ק ע: זי האט געוואלט; אדרבא! איך — דער זינדיגער טאטע — האב ניט געלאזט. איך האב דעם שליח געזאגט, אז ווען דער קראסניבראדער ארענדאר וועט ליגען מיט די פיס צו דער טיר, קען ער נאכאמאל קומען מיט'ן גט. דערווייל — ניט. אט צוליב דעם קום איך דאך צו אייך, הייליגער צדיק. איציקעל איז דא ביי אייך. א תלמיד אייערע, הא? וועט ער אייך מוזען פאלגען. (פויזע) רעבעניו, רחמנות! הייליגער צדיק, העלפט!

צ ד י ק: ס'טוט ווייה דאס הארץ קוקענדיג אויף דיר, ברודערקע. איך בין אבער מסופק, צי איך קען דיר העלפען. איציקעל האט בלויז א ווארט פארווארפען צוליב וואס ער איז אוועק; קוים מרמז געווען. איך האב מורא אז מ'קען צו איהם קיין טענות ניט האבען. אבער — — —

ב ע ר ק ע (לעבהאפטיג): אבער מעגליך איז דאך! איא מעגליך? הא?

צ ד י ק (שטעהט אויף): רבונו־של־עולם, ווי קען איך דעם ארימען ברודער מיינעם אוועקשיקען און אפילו ניט אויפהויבען א פינגער איהם צו העלפען? (שפאנט א מינוט אויף־און־אב; פויזע) א דעה זאגען איציקלען קען איך ניט. זיין ליכט האלט אין אויפגעהן און באלד וועט דאס הייליגע פייער פארשיינען א וועלט. נו, קען

איך ניט מעשה־רבי — אבער ראטען, מעשה־חבר? יא! אזויפיל מעג איך זיך נאך פארגינען. (עפענט די טיר אביסעל) זיי אזוי גוט און שיק אהער איציקלען. (דרעהט זיך אוים צו בערקע׳ן) אט וועט ער אריינקומען.

בערקע (דערפרעהט): גאט זאל אייך באצאהלען, הייליגער צדיק. איצט וועל איך איהם כאטש זעהן. ער איז דאך נאך מיין איידעם — מיין איציקעל.

צדיק (גלעט בערקע׳ס פלייצע): דאס איז איציקעל׳ס תורה וואס דו האסט אזוי ליב. איי ווי די ליבשאפט ברענט — אש להבה! (מיט די אויגען צום הימעל) דיין דארן־בוים פלאקערט נאך, גאטעניו! זעה ווי ער ברענט און גליהט אין דעם הארץ פון א פראסטען ארענדאר אפילו. נו, גיב׳זשע איהם זיין שכר, באצאהל איהם זיין לוין, כדי זיין ליכט זאל, חלילה וחס, ניט פארלאשען ווערען.

איציקעל (קומט אריין; שטיל): איהר האט נאך מיר געשיקט, רבי.

צדיק: דיך מבטל געווען פון למוד, איציקעל? הא? איך האב ניט געוואלט — איז אבער געקומען עמיצער וואס האט א גרויסע טענה צו דיר. מ׳מוז ענטפערן.

איציקעל (הויבט אויף די אויגען, דערזעהט בערקע׳ן): א, איהר? (פויזע; געהט צו און דערלאנגט איהם די האנט) שלום עליכם.

בערקע: עליכם שלום, איידעם מיינער.

איציקעל (הוידעט מיט׳ן קאפ, טרויריג): ניין. ניט מעהר.

צדיק: זיין טאכטער האט ניט גענומען דעם גט פון שליח. איז לויט זיין חשבון — — —

איציקעל: טאקי ניט גענומען? (טראכט א מינוט) מעג־ליך אז זי האט יא גענומען — כאטש אהן זיין וויסען.

ב ע ר ק ע (צומומעלט): וואס הייסט מעגליך? ווען? ווי אזוי?

א י צ י ק ע ל: ניט תמיד האט רעב בערקע געוואוסט וואס זיין טאכטער טוט. ער האט זי צו שטארק ליב געהאט.

ב ע ר ק ע (צורייצט): זאל זיין אזוי — איך האב ניט געוואוסט. איז וואס? מעג מען פארדעם באגעהן אזא שווערע זינד קעגען מיר און מייניגע? און אויב אפילו זי האט גענומען דעם גט, קען ער זי דאך צוריקנעהמען! הייליגער צדיק, גערעכטער, רחמנות־דיגער! איהר פארשטעהט דאך וואס פאר א בושה ער האט מיר אנגעטאן. מיין קינד אוועקגעווארפען, אזוי ווי זי זאל זיין א קרעציגע. פארוואס?

צ ד י ק: ענטפער פאר דיר אליין, איציקעל. איך קען דיר גאר ניט העלפען.

א י צ י ק ע ל: ער מאהנט עפעס וואס איך קען ניט געבען. אפילו ווען איך בין מסכים, אפילו ווען איך בין מיך מפקיר, כדי איהם ניט אנצוטאן אזויפיל יסורים, קען איך דאס אויך ניט טאן. קיינער פון אונז קען זי שוין איצט ניט דערגרייכען. איך האב שטארק מורא, אז אין גאט'ס אויגען איז זי שוין ניט זיין טאכטער.

ב ע ר ק ע: וויה צו מיר! וואס רעדט ער, וואס?

צ ד י ק: וואס הייסט דאס, איציקעל? וואס איז געשעהן? רעד, נו!

א י צ י ק ע ל: ווען איך וואלט נאר געקענט! אבער דער רבי ווייסט, אז איך טאר ניט. מ'האט מיר נאך קיין רשות ניט געגעבען צו זאגען וואס איך זעה. דאס שליחות איז געגעבען געווארען אן אנדערען. לאזט מיך איצט געהן, רבי.

צ ד י ק: ניין! דו בלייבסט ביז צום סוף. ער — א שוואכער; איך — אן אלטער. און מיר זאלען אלץ אליין איבערטראגען? דו בלייבסט דא, איציקעל.

א י צ י ק ע ל (בייגט דעם קאפ): בלייב איך, רבי. (פויזע) קלאפט ניט ווער אין טיר? (געהט צו און עפענט).

ש ד כ ן (לויפט אריין אַ פּאַרסאָפּעטער) : דעם אָרענדאַר פון קראַסניבראָד זוך איך; איינעם וואָס הייסט בערקע. זייט מיר מוחל, הייליגער צדיק. דער ענין — — — דער ענין — — — איך ווייס גאָרניט ווי אַזוי דאָס אויף די ליפּען צו ברענגען?

ב ע ר ק ע (מיט אַ ווילדען בליק) : וואָס איז געשעהן? פּלאָג מיך ניט!

ש ד כ ן: איהר האָט ניט געטאָרט איבערלאָזען אייער טאָכטער אליין. איהר הערט? איצט — איצט איז צו שפּעט.

צ ד י ק: וואָס האָט געטראָפען?

ש ד כ ן: אַנטלאָפען! אויפגעהויבען זיך און אַנטלאָפען אין פּריצישען הויף אריין. מ׳זאָגט אַז זי געהט חתונה האָבען מיט׳ן יונגען פּריץ. יאָ — און נאָך ערגערס ווי דאָס. מ׳זאָגט אַז זי האָט שוין — גאָטעניו, איך קען ניט.

צ ד י ק (שרייט) : ניט חלילה גע׳שמד׳ט?

ב ע ר ק ע (פאַרשטיינערט; שעפּטשעט אויטאָמאַטיש) : ניט גע־שמד׳ט, ניין! ניין! ניט גע׳שמד׳ט, ניין! (רוקט זיך אָב אין אַ ווינקעל).

א י צ י ק ע ל (הוידעט מיט׳ן קאָפּ) : יאָ — גע׳שמד׳ט. (פּויזע) רבי, קיינער ניט — ניט אויבען און ניט אונטען — האָט געקענט מציל זיין דאָס מיידעל, אַט דאָס פרעמדע און וואונדערלאַכע באַשעפעניש. זי האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר מקור; זי איז קיינמאָל ניט געווען אונזערע. (געהט צו צו בערקע׳ן) גאָט האָט אייך געמאַכט פאַר אַ שומר פון אַ פרעמדען אוצר. פאַרוואָס — ווייס איך ניט. אָבער אייערע איז זי קיינמאָל ניט געווען. איך האָב זי גע־וואָלט נעהמען — בין איך ניט געווען גרוים גענוג. (ליידענשאַפטליך) גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב זי געוואָלט פאַר מיר. זי אַליין איז שוין כמעט געווען צופרידען אָבצולעבען איהרע יאָהר ביי מיין זייט. אָבער זי האָט אויך ניט געקענט. איהרע יסורים, מיינע יסורים — זיי האָבען גאָרניט געהאָלפען.

צ ד י ק: דיין גאנג און דיין טייטש איז מיר ניט קלאָר, איציקעל. איך בין ניט צופרידען. אמת, איך זעה אפשר ניט אַזוי גוט ווי דו; אָבער — דער אחריות איז נאָך דערוויייל מיינער און ניט דיינער. דערוויייל פּאַשע איך נאָך די שאָף. (פּויזע) איך מוז וויסען מעהר — אַלצדינג! ווען איז דאָס אומגליק געשעהן?

א י צ י ק ע ל: מעג איך ענטפערן, רבי? מיט עטליכע וואָכען צוריק האָט זיך דער קאַרשען־בוים לעבען מיין פענסטער באַדעקט מיט צווייט. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די גרויסע דעמבעס אין פּריצישען הויף האָבען זיך צובליהט און אַז — אַז די שעהנע לובאַ געהט ווידער בגנבה צום יונגען פּריץ אין הויף אַריין. זי האָט קיין ברירה ניט געהאַט. איהר מזל האָט זי געפיהרט אַהין.

צ ד י ק (ברוגז): נו, איז שוין קיין רפואה ניטאָ? זאָל איך לאָזען אַ נשמה פאַרלוירען געהן, ווייל דו האָסט אַזוי גע׳פּסק׳עט? דו נעהמסט צופיל אויף דיינע פּלייצעס, איציקעל. איך וואָרן דיך!

א י צ י ק ע ל (עניוות׳דיג): אויב איך מאַך אַ טעות, מעג דער עונש פאַלען אויף מיין קאָפּ. אָבער איך מאַך ניט קיין טעות דאַסמאָל. (פּויזע) רבי, איינמאָל האָב איך אַנגעבאָטען מיין לעבען און די עבודה פון מיין לעבען — יאָ, אפילו מיין תקון־נשמה — כדי אויסצולייזען לובאַ׳ן; געבעטען, מ׳זאָל ביי מיר נעהמען פּדיון־נפש. (מיט גרויס יסורים) מ׳האָט מיר אָבגעזאָגט, רבי. ניין און ניין! דאָס איז געווען אין נאַכט פון דער גרויסער זאַווערוכע און איך האָב געמוזט אַנטלויפען פון איהר — אַנטלויפען אַהער — אַ מידער, אַ פאַרשעהמטער, אַ צוקאַליעטשעטער. האָב איך געזינדיגט אין אייערע אויגען, רבי? (מיט די אויגען צום הימעל) בין איך שולדיג, גאָטעניו? (פּויזע).

צ ד י ק (ווישט בגנבה אָב אַ טרעהר): אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין אומגליקלאַכען ברודער? קוק איהם אָן. פאַרקראָכען אין אַ ווינקעל און זיצט און רעדט צו זיך. ווי אַזוי וועסטו א י ה ם מפּיים זיין, איציקעל? די אויגען פון זעהער האָבען אַרויסגעניש־

טערט זיין שאַנד. וועט די האַנט פון זעהער פאַרהיילען זיין וואונד?

א י צ י ק ע ל: דער כח פון היילען איז נאָך ניט מיינער. אָבער דאָס ביסעלע וואָס איך פאַרמאַג, וועל איך געבען. (געהט צו צו בערקע׳ן) רעב בערקע, ווען ס׳וועט קומען די צייט און דער בורא־עולם וועט אייך צוריקרופען אהיים, וועל איך, יעקב יצחק בן מייטעל, זאָגען דריימאָל אַ טאָג קדיש, פונקט ווי איך וואָלט געווען אייער אייגענער זוהן.

ב ע ר ק ע (אַ צומישטער): יאַ־יאַ, קדיש זאָגען; קדיש — יאַ. (כאַפּט זיך) אהאַ! ער וועט קדיש זאָגען, כדי איך זאָל זי דאַרט אויך ניט זעהן. האַ? ניין!! דו — דו וועסט ניט זאָגען! איך וויל ניט! איך וויל ניט! דו — (שפּרינגט אויף מיט אַ ווילדען געשריי) — דו שטראָף פון גאָט! דו זאָלסט — — — דו זאָלסט בלי — — — (די ווערטער ווערען דערשטיקט אין זיין האַלז).

צ ד י ק (אויפגעבראַכט): שטיל זאָל זיין! „ריהרט ניט אָן מיין געזאָלבטען!“ (ער און דער שדכן שטופּען אַרויס דעם צווישע־טען בערקע אין צווייטען חדר. דער צדיק קומט גלייך צוריק. אַ מי־נוט פון שווערען שטילשווייגען. ער נעהמט ניט אַרונטער זיין בליק פון איציקלען, וועלכער שטעהט באַוועגלאָז).

א י צ י ק ע ל: צו וואָס וואַרטען, רבי? פייער איז געווען אין זיין קללה און דאָס פייער מוז אויסגעברענט ווערען מיט אַ שטאַר־קער פייער. אַן אומגליק האָט פּאַסירט, אַן אומגליק! איך וויל זיך ניט אַרויסכאַפּען אַט־אַזוי, אָהן גאָרניט. (תחנונים־דיג) רבי, אייער קללה וועט ביי מיר איצט חשוב׳ער זיין ווי אַ ברכה.

צ ד י ק: זעהער, דו ביזט שוין ניט אין מיין רשות. איך וויל זיך צו דיר ניט צוריהרען. וואָלט איך געווען דעם מיידעלס טאַטע, וואָלט איך צוגענומען דאָס ליכט פון דיינע אויגען — דאָס ליכט וואָס האָט אויפגעדעקט איהר שאַנד. (פּויזע) ער איז געווען גע־

רעכט. אבער איך בין אַלט און גַעבויגען. אַט וועל איך דיר מוזען אבטרעטען די מלוכה, אַרויפלעגען אויף דיר דעם אחריות. האַב איך איהם שטום געמאַכט. אַבער דיך? דיך קען איך ניט דער־גרייכען.

א י צ י ק ע ל: רבי, איך האַב מורא פאַר זיין כעס. זאָגט מיר ניט אָב, רבי. ס'איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך בעט עפּעס ביים ליזענסקער צדיק.

צ ד י ק (שמערצלאַך): דאָס לעצטע מאָל, האַ? נו, זאָל זיין ווי דו ווילסט. (פּויזע) איך בין גוזר, אַז די הימלישע מתנה זאָל מיט דיר שטאַרבען; אַז ניט דיינע קינדער און ניט דיינע קינדס־קינדער, ביז צום צעהנטען דור, זאָלען ירש'ענען די סכנה'דיגע ראיה וואָס ליגט אין דיינע אויגען. (העכער) דער ערשטער און דער לעצטער זאָלסטו זיין — דער ערשטער און דער לעצטער!

א י צ י ק ע ל (הכנעה'דיג; מיט אַרונטערגעלאָזטען קאָפּ): דער ערשטער און דער לעצטער. אָמן.

(פאָרהאַנג).

אָריאָם פרעס
54 קאַנעל סטריט
נויאָרק.
234